STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02855

TSU A NAY LEBN

Yaakov Cahan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צו א נײַ לעבן

די אייביק אומפארגעסענע,
אין צער און טרויער געווידמעט.

יעקב כהן

צו א ניי לעבן

דערציילונגען

פֿאַרלאַג „שאַפֿניק" פּאַריז

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון דער קולטור־אָפּטיילונג
ביים „דזשאָינט" אין פֿראַנקרייך

פּאַריז 1953

J. KAHN

VERS UNE VIE NOUVELLE

NOUVELLES

PARIS 1953

אינהאַלט:

די ברכה — — — — — — — — — — — 7

דערלעבט — — — — — — — — — — 15

אָפּגעזאָגט זיך פון רבנות — — — — — — 28

חיים קאָוואַל — — — — — — — — — 34

דאָס קידושין־רינגל — — — — — — — 45

זיין ערשטע ליבע — — — — — — — — 68

פערעלע די ראָנטשיכעס — — — — — — 79

דער לעצטער נסיון — — — — — — — 92

דעם פעטערס בשמים־ביקסל — — — — — 103

אָנגעוואוירן די אַרבעט — — — — — — — 108

צו אַ ניי לעבן — — — — — — — — — — 115

פון איינס ביז הונדערט,
זענען די ביכער נומערירט
און געצייכנט דורכן מחבר,
אַלס ערן־עקזעמפּלאַרן.

די ברכה

נאָך איר מאַנס טויט האָט די אלמנה נאָך אהרעלע כּאַטילע־ווער געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג, איין פלאַמיקע גליסטונג האָט אַרומגענומען איר גוף און נשמה.

די דאָזיקע גליסטונג — האָט דער קראַנקער חיה־באַשעס אויפגעהאַלטן ביים לעבן:

דאָס איז געווען דער באַגער, התונה צו מאַכן אירע קינדער.

מיט די צדיקים און רביים, מיט די אבות און אמהות, מיט וועמען די פרומע חיה באַשעס איז געווען גאָר „היימיש", האָט זי אין אירע ביינאַכטיקע זעאונגען וועגן דעם געשמועסט.

און אין אירע הייסע מיט טרערן פאַרגאָסענע תפילות איבערן חורבן פון בית־המקדש, גלות השכינה און איבריקע כלל־ישׂראלדיקע צרות האָט זי אויך די דאָזיקע אייגענע תפילה אַריינגעוועבט, ווי זי האָט אַריינגעוועבט די גאָלדענע פעדעם אין איר שטיבל־פרוכת אין יענער צייט, ווען זי איז נאָך געווען אין די פעדערן און די „קרוין פון איר קאָפּ" איז נאָך געווען נעבן איר. —

די שדכנים וואָס זענען געקומען איר רעדן שידוכים אַ יאָר נאָך איר מאַנס טויט, האָט זי פאַרטריבן; פאַריאָגט פון זיך; ווי מען פאַריאָגט אַ שד אָדער אַ ווילדע מכשפה.

זייערע אָנשלאָגן, — האָט זי אָנגענומען ווי אַ לעסטערונג קעגן איר גרעסטער קדושה.

און אַ שבועה האָט זי זיך געגעבן נישט צו רוען, אפילו חיבוט הקבר וועט זי נעמען אויף זיך, „אוי־וויי, דער הימל זאָל איר נישט שטראָפן פאַר די רייד", אפילו איר חלק עולם־הבא איז זי גרייט אַוועקצוגעבן, אַבי נאָר צו דערגרייכן דעם דאָזיקן צוועק.

**
*

טעג, נודנע טעג און פינצטערע וואָכן זענען אַוועק און אַנדערע זענען געקומען אויף זייער אָרט. נאָר איר עלטסטע טאָכטער, די בוגרת, וואָס איז נאָך איר טאַטנס טויט נאָך שוואַרצער, נאָך קלענער און נאָך מיאוסער געוואָרן, איז נאָך אַלץ נישט געוואָרן קיין כלה. אסתרקע האָט איר די גרעסטע עגמת־נפש פאַרשאַפט. „אַ רחמנות" — פלעגט זי זאָגן אויפן קינד.

און טאַקע, זי האָט נעבעך קיין מזל נישט געהאַט. נאָך ביים מאַנס לעבן האָט מען איר גערעדט שידוכים. זי געדענקט ווי אַצינד זאָל דאָס זיין:

אין שטוב האָט געברענט דער גרויסער מיט פאַטשערקעס אַרומגענומענער מעשענער לאָמפּ. אויפן טיש איז געווען פאַרשפּרייט דער נייער פּליושענער טישטעך. בראָנפן און וויין האָבן אַרויסגעפּונקלט פון די קרישטאָלענע קאַראַפינקעס, אַלערליי זיסע געבעקסן און שאָקאָלאַד זענען מלכותדיק געווען צעלייגט איבער די זילבערנע קלאָשן. איר מאַן ע"ה, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, האָט אַליין דעם חתן, אַ בחור, בלוט און מילך, פאַרהערט. נאָר עפּעס איז עס נישט געגאַנגען. מ'האָט איר אַן עין־הרע געגעבן. מ'איז איר נאָר מקנא געווען, נישט פאַרגינט האָט מען איר דאָס לעבן. אפשר איז עס נישט געווען קיין זיווג, ווער ווייסט?

און אויך פון צווייטן שידוך איז גאָרנישט געוואָרן. אפילו דער שטאַמלדיקער־יענקאַטש, דער אויסגעפּראַנטעוועטער יונה פּערלשטיין, וואָס ביי איר מאַנס לעבן וואָלט זי נישט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף אים, האָט אויך צוריקגעשיקט די תנאים.

און וואָס וועט טאַקע זיין דער סוף? וועט זיך איבער איר דער הימל נישט דערבאַרעמען? ווי איז איר! איר אסתרקע מאַטערט זיך ביי איר נאָך פון קינדווייז אָן.

נאָך אַ קינד כמעט און זי איז שוין געשטאַנען אויף אַ בענקעלע ביים טו־באַנק און דערלאַנגט די פּויערים אַלץ וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. זי האָט געפירט דאָס גאַנצע געשעפט. די גאַנצע קראָם מיטן שפּייכלער איז געווען אויף איר קאָפּ. אַליין געוואויגן, געמאָסטן, געחשבונט און געשלעפּט די זעק זאַלץ און מעל פון די איינגעלייגטע קאַסטאַנס אין איר גרויסן שפּייכלער.

נישט אומזיסט זענען איר די פיס געשוואָלן געוואָרן ווי קלע־

צער פון שטייען אַ גאַנצן טאָג אויף די פיס און פון דער קעלט אין ווינטער.

אפילו קיין גומענע זאָקן, וואָס דער אַלטער פּוילישער דאָקטאָר מאַרקאָוויטש האָט איר געהייסן אָנטאָן, האָט זי דאָך איר נישט געקויפט.

**
*

זי האָט גענומען נאָך מער קאַרגן און וואַרגן. זי האָט אָפּגעריסן דעם ביסן פון מויל. אַ גראָשן צו אַ גראָשן אַוועקגעלייגט, כּדי צו זאַמלען נדנס פאַר אירע טעכטער.

מיט די צוויי קדישים, די יינגלעך, האָט זי נישט קיין דאגה. זיי וועלן זיך אי״ה זייער שטעטל אַליין באַשטיין. מיט די מיטלסטע וועט אויך גרינג אָנקומען. איר אייגענער קוזין, דער „שטעטלדי־קער־פאַסטוך" טרעט נישט אָפּ פון איר.

אַ דיבוק ר״ל איז אין אים אַריין. מענטשן זאָגן ס'איז אַ פאַר־ליבעניש. נאָך ביים מאַנס לעבן האָט שוין זיין מאַמע, אירע איי־גענע שוועגערין, זיך געטשעפּעט צו איר.

„וואָס האָט זי געטענהט: „ס'פּאַסט דיר נישט מיין משהלע, אַז די קינדער ווילן זיך, צו וואָס דאַרפסטו שטערן?"

אַצינד וועט זי זיך טאַקע נישט מישן.

מיט דער יינגסטער קאָן מען נאָך צוואַרטן. דער עיקר איז אָבער זי, אסתרקע, גאָט זאָל איר געבן חן ביי איר באַשערטן אין די אויגן. —

זי האָט באַשלאָסן מער נישט צו וואַרטן. צום אים אַליין, דעם הייליקן צדיק וועט זי זיך דערשלאָגן. זי מוז היינט זיין אַ מאַמע און אַ טאַטע אין איינעם. זאָל ער איר אַ ברכה געבן, דער רבי. נישקשה, אַז ער וויל, קאָן ער. ווי שטייט דאָרט געשריבן: „דער צדיק איז גוזר און דער וואָס איז אין הימל, אָ, שטראָף מיר נישט פאַר די רייד, איז מקיים!

זי וועט אים, דעם רבין, אפילו מוחל זיין די טענה, וואָס זי האָט צו אים, זי, די אלמנה נאָך זיין פאַרשטאָרבענעם חסיד און למדן, אהרעלע כאַטילעווערס אשה, פאַרן נישט אַריינמישן זיך אי־נעם סכסוך צווישן איר און געוועזענעם שותּף צום טאַרטאַק, אשר

קאַליכשטיין, „דעם הילצערנעם", ער זאָל פון גיהנום נישט אַרויס, פאַרן באַגנבענען איר חלק אין „פּאַליאָווע־בודע" פון גראַף פּאָטאָצ־קיס פּאַסעמיע.

דער רבי האָט איר דעמאָלט אָפּגעשיקט צו מענטשן. זי איז פאָרט אַן אשה, אַ פינצטערע אלמנה, און דער צד שכנגד, דער גנב, איז זיינער אַ לעבעדיקער חסיד...

פון דעסט וועגן וועט זי אַלץ פאַרגעסן. אַבי נאָר דער צדיק זאָל לעבן זאָל איר בענטשן, זי זאָל זוכה זיין חתונה צו מאַכן די קינדער. זיין ברכה קאָן וואונדער באַווייזן. נישט איין מופת, דער־ציילט מען אין שטאָט פון אים.

זי האָט געהערט, אַז דער רבי קומט אויף ראש־השנה צו פאָרן.

**

אינעם אַלטן הילצערנעם שטיבל איז אַלץ געווען אויפגערוימט. דאָס שטיבל האָט זיך מלכותדיק געגרייט אויפצונעמען דעם רבין.

אין סאַמע מיטן מזרח האָבן אַראָפּגעגלאַנצט די פרישע גאָלד־לאַקירטע, פון האָלץ אויסגעשניטענע פרענז און כלי־זמר אינסטרו־מענטן. אויך די לייבן און די כרובים, האָבן מאַיעסטעטיש ווי לע־בעדיקע אַראָפּגעקוקט צום עולם פונעם נייעם ארון קודש, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע הענט אויסגעמייסטערט חיים דער סטאָ־ליאַר און שניצער.

די טיפע סאַמעט־בלאָ פונעם ראש השנהדיקן פרוכת מיט דעם גאָלדענעם מגן דוד און צוויי אונטערהאַלטנדיקע גאָלדענע לייבן אין די זייטן, אויסגעהאָפטן דורך די נשי צדקניות, האָט דעם ארון קודש נאָך צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן.

די פריש געקאַלכטע ווענט מיט די אַראָפּהענגענדיקע בלאָע שלעקלעך אין דער נייער „שויתי" האָבן עדות געזאָגט וועגן אַ טאָפּלטן יום־טוב, צו וועלכן די חסידים גרייטן זיך.

**

ביי ר' שמואל, דעם חסידישן גביר, איז שוין געווען צוגעגרייט אַ דירה פאַרן רבין און זיינע מענטשן. די צוויי גבירישע קאַרע קלאַ־

טשעס זענען שוין געשטאַנען גרייט, געשפּאַנט אין דער איינציקער גומענער קאַטש פון שטאָט, אָפּצונעמען דעם רבין. אונטער איר אַ גאַנצע שורה דראָשקאַרסקע קאַטשן פאַר די איבעריקע חסידישע פּני האָבן נאָכגעפאָלגט דעם גבירס קאַטש. די צעשוימטע, פאַרריסענע גבירישע פערדלעך האָבן נישט געקאָנט איינשטיין אויף זייער אָרט. פערדיש־אומגעדולדיק האָבן זיי זיך געריסן פאָרויס. די פערדישע אויגן האָבן זיי געוואָרפן אין די זייטן, אויסקוקנדיק זייער אָנטרייבער. זייערע שאַרפע קאָפּיטעס האָבן זיך צום טאַקט געהויבן און אַראָפּגעלאָזט איבערן שטיינערנעם ברוק פון דער שענסטער שטאָטישער גאַס, אונטער די פענצטער פון גבירס דירה.

חיה באַשע די אלמנה האָט געקוקט פון איר קראָם צו די שטייענדיקע קאַטשן און איר האַרץ האָט געקוואָלן: זי האָט געזען די נאָענטע מעגלעכקייט אויסצופירן איר טרוים.

אַלץ גייט כשורה. דער רבי קומט טאַקע אויף יום־טוב און ער וועט דווקא איינשטיין ביי איר גבירישן פעטער. דאָרטן ביים פעטער וועט זי זיך פּילן היימישער און דרייסטער אויסצופירן איר פּלאַן.

פאַר ראש־השנה האָט איר משה יאָסיל, דעם רבינס גבאי ראשון, איר מאַנס געוועזענער ידיד אויסגעכתיבהט אַ קוויטל צום רבין.

אינעם קוויטל האָט ער אויסער איר אייגנטלעכע בקשה אויך צוגעשריבן אַ „נופח משלו": ער האָט דערמאָנט דעם רבין, ווער אהרעלע כאָטילעווער איז געווען. אויף זיין זכות אַלס גבירישער יושב.

די אלמנה האָט זיך געמאַכט האַרץ, אָנגענומען זיך מיט כוח און נאָכן אָפּפאַרטיקן זיך אין רבינס קיך מיטן טיי האָט איר דער גבאי אַריינגעפירט צום רבין.

אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ גלאָז מיט טיי און אין דער צווייטער אַ קליין זילבערן טשייניקל, כדי ביים סאַמע טיש, פנים לפנים קעגן רבין, צוצוגיסן נאָך טיי פון טשייניקל, אַזוי אַז דער טיי אינעם גלאָז זאָל זיך אַריבערגיסן אין שיילעכל, ס'זאָל זיין מיט אַ ווערעך אַריבער — „מלא". געוואוסט האָט זי: אַז וואָס פּרלער דער טיי וועט זיך אַריבערגיסן, אַלץ מזלדיקער וועט עס זיין פאַר איר. ס'איז אַ סגולה, אַז פריער השם יתברך, דערנאָך דער רבי, זאָלן ממלא זיין איר רצון.

דער רבי, אַ פּאַרטראַכטער, איז געזעסן אין זיין געבעטער שטול. די שווערע פּאַרוואַקסענע ברעמען האָבן ווי פאַרשטעלט זיי־נע אויגן. די זילבער־ווייסע פעדעם פון זיין ברייטער באָרד האָבן נאָך מער באַוויזן, פאַראיידלט זיין הדרת־פּנים'דיקן געשטאַלט.

די אלמנה האָט אַוועקגעשטעלט דעם טיי אויפן טיש און שע־מעוודיק, מיט אַ ציטערנדיקער שטימע פול מיט פּחד און יראת־הכבוד, האָט זי אָנגעהויבן, מישנדיק און פלאָנטערנדיק די ווערטער:

„איך בין משמש דעם הייליקן רבין. איך האָב געבראַכט פרישן טיי פון קיך. זאָל דער הייליקער צדיק טרינקען. איך בין די אלמנה נאָך אהרעלע כאַטילעווער. איך בעט ביים רבין אַ ברכה. אַ ברכה חתונה צו מאַכן מיינע קינדער".

דער רבי, שוין צוגעגרייט פון גבאי האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט אויפגעהויבן זיינע שווערע ברעמען און אויסמיידנדיק איר בליק האָט ער געזאָגט:

„אַ, וואַ, אַזוי־פיל קרעכצן, אַזוי־פיל טרויערן. עצבות גאָר! דאָס איז נישט קיין חסידישע מידה. ס'שטייט בפירוש: „וירא א' את כל אשר עשה והנה טוב מאוד". פאַרשטייסט אשה, ר' אהרעלעס אל־מנה? טרויער איז כפירה ר"ל, אַן אָפּלייקענונג פון זיינע ווערטער. מיט עצבות נעמט מען אים נישט. גיי אַהיים, מאַך יום טוב בשמחה און בעט זיך אוים אַ גוט יאָר. אי"ה מוצאי יום־טוב קום אַריין צו מיר נאָך אַ מאָל, וועסט מיר מזכיר זיין דיין בקשה. חתונה מאַכן קינדער איז אַ יידישע זאַך. עס קומט דיר. אויך אהרעלע ע"ה האָט זיך אויף דעם פאַרדינט. אַ וואוילער חסיד געווען".

**
*

דעם ראש־השנה האָט זי נאָך שטאַרקער געבעטן ווי אַלע יאָר. זי האָט מיט אירע תפילות געוואָלט אונטערשטיצן דעם רבין. זי איז הייזעריק געוואָרן פון די געשרייען און געוויינען. זי האָט אַרויי־בערגעיאָגט אַלע ווייבער אין דער ווייבערשול. ביי ונתנה־תוקף איז זי גאָר געבליבן אָן כוחות.

פון דעסט וועגן האָט זי דעם יום־טוב געמאַכט פרייליכער ווי תמיד. זי האָט דאָס מאָל גאָרנישט געשפּאָרט, מורא געהאַט נכשל צו ווערן. זי האָט געקויפט די בעסטע פיש און פלייש. אויך אין די

שהחיינו־פרוכטן האָט זי נישט פאַרגעסן: וויינטרויבן, קאַוואָן און אַנאַנאַס, אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט קויפן. פון די לעצטע גראָשנס, האָט זי אָסתרקען באַקליידט און באַגייט. זי האָט פאַרשטאַנען דעם רבינס וואונק.

אָנהאָרעווענדיק זיך, פאַרמאַטערט, איז זי באַלד נאָכן עסן אַנדרימלט געוואָרן.

אינעם גרויסן זאַל זיצט זי צוזאַמען מיט אויסגעפּוצטע ווייבער; מיט אַראָפּהענגענדיקע שווערע גאָלדענע קייטן; באַפּערלטע העלדזער און פינקלדיקע בריליאַנטענע אוירינגען. ביים סאַמע אויבן־אָן זיצט די גבירישע מומע מיט אירע טעכטער. אסתרקע זיצט אין אַ ווינקל אָנגעטאָן אין אַ ווייס זיידן צעפּאַלדעוועט חופּה־קלייד. אַ ווייסער שלייער פאַרדעקט איר פּנים. די קאַפּעליע שפּילט אַ פריילעכס. די גבירישע מומע באַטרונקען שרייט: „איך וועל נישט לאָזן באַזעצן די כלה. מען מוז וואַרטן אויפן רבין. וואו איז דער רבי? אָן רבין גיט מען נישט קיין חופּה וקדושין". — זי אַליין גייט אַפּיר פון טיש און, מיטשלעפּנדיק די מומע, כאַפּט זי די סעודה־חלה און נעמט טאַנצן מיט אַלע כוחות. אַ צעשוויצטע, אַ מידע ברעכן זיך איר שוין די פיס און זי טאַנצט און טאַנצט און שרייט: „נאָר נישט עצבות. ששון ושמחה זאָל זיין! טאַנצט! טאַנצט, ווייבער! פריילעך! פריילעך!

אַ פאַרשוויצטע האָט זי זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער — ס'איז שוין געווען זייער שפּעט.

אין דער פרי האָט זי זיך אויפגעכאַפּט אַ פריילעכע, אַ מונטערע. נישט דערציילנדיק קיינעם דעם חלום, האָט זי זיך געגרייט צום צווייטן מאָל צום רבין. דאָס מאָל האָט זי שוין געגלייבט צו באַקומען די ברכה.

מוצאי יום־טוב האָט זי ווידער אָנגעגאָסן טיי און ווידער אַריבערגעגאָסן מיטן זילבערנעם טשייניקל ביים סאַמע רבינס טיש. דער רבי האָט שוין דאָס מאָל גערעדט קלאָרער, אָפענער. ער האָט איר אויסגעפרעגט, ווי עס גייט איר. זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. ווי אַן אויפרייסנדיקער וואולקאַן האָט זי אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין.

„הייליקער צדיק, האָט זי געהעשעט — איך בעט גאָרנישט ביים רבין, איך בעט נאָר, איך זאָל קאָנען חתונה מאַכן מיינע קינ־

דער. זאָל דער הייליקער רבי מיר בענטשן. איך וויל הערן פון זיין הייליקן מויל די ברכה".

דער רבי, גערירט פון אירע טרערן, האָט אויפגעהויבן די שווע־רע ברעמען אין דער הייך און מיט אויפגעהויבענע הענט ווי צום דוכענען, האָט ער מיט אַ ווייכע שטימע געזאָגט:

„אשה, חיה באשה בת שרה, אלמנה נאָך ר' אהרנען, זיי גע־בענטשט. וועסט מיט השם יתברך'ס הילף חתונה מאַכן דיינע קינ־דער. מזל־טוב! שיק אַ שדכן צו שלמה תבואה־סוחר. די קינדער וועלן זיך געפעלן. און שרייב באַלד חול־המועד סוכות תנאים. דער זיווג וועט עולה יפה זיין".

אַ צעפריידטע, אַ צעזונגענע, איז זי אַרויס פונעם רבינס שטוב. שיכור פון שמחה איז זי נישט געגאַנגען, נאָר אונטערגעשפרונגען.

„ענדלעך אַרויסגעקריגן די ברכה!" — האָט זי געטראַכט. זי איז אַריינגעפאַלן אין שטוב אָן אַן אָטעם. זי איז צוגעלאָפן צו אס־תרקען, ווילד אַ קוש געטאָן איר אין שטערן און אויסגעשריגן:

„מזל־טוב! וועסט אַ כלה, וועסט. זאָל זיין מיט מזל".

ד ע ר ל ע ב ט

באַלד נאָך דער חתונה האָט זיך פֿרומה־רויזעס געעפֿנט אַ שפּייזקראָם אַנטקעגן דעם סאַמע מאַרק. די קרעמערס אַנטקעגן מאַרק האָבן זייער גאַנצן פֿדיון געצויגן פֿונעם דאָרפֿישן פּויער. דער פּויער איז נאָכן אָפּלייזן זיין קאַרטאָפֿל און תבואה צום ערשטן אַוועק צום שענקער. ערשט מיט דעם, וואָס איז געבליבן פֿון שענקער, איז ער געגאַנגען צום יידישן קרעמער איינקויפֿן זיין זאַלץ, נאַפֿט און מאַכאָרקע.

פֿרומה־רויזעס מאַן, זלמנקע קאָנסטאַנטינער, אַ הויכער שויינער יונגערמאַן, וועמען עס האָט נאָר וואָס גענומען שפּראָצן אַ שוואַרץ רעמל אַרום זיין שמאָלער גאָמבע, האָט זיך געהאַלטן ביי זיין „שרייבערישער" פּרנסה: ער איז געווען אַ „כל־בו"־מענטש ביים גביר פֿון שטאָט. דער גביר האָט געהערט צו פֿרומה־רויזעס משפּחה. ער איז געווען אַ צוגאָב צו איר פֿרומה־רויזעס נדן, אויב נישט אַ טייל פֿון אים, ווי זי אַליין, פֿרומה־רויזעס, איז געווען אַ טייל פֿון זיין משפּחה, די בת־יחידה פֿון זיין שוועסטער. פֿון דעסט וועגן האָבן זיי זיך ביידע נאָך אַ קורצער צייט געוואָלט באַפֿרייען פֿון די דאָזיקע פּרנסות. זי, די שוואַכע פֿרומה־רויזעס פֿון איר קראָם, וואו זי האָט געדאַרפֿט האָרעווען פֿון צוועלף ביז פֿערצן שעה אין טאָג. שלעפּן די זעק פֿון די אָנגעלייגטע קאָסטאַנס און צעווייגן זיי, און אויך אויסעסן זיך דאָס קראַנקע האַרץ מיט די דינגענדיקע פּויערים. ער, פֿון זיין אַ מענטש ביי יענעם, כאָטש ביי אייגענעם פֿעטער. אויסער דעם וואָס איז איר שווער געווען אַליין צו שלעפּן דעם עול פֿון קראָם, האָט זי געגליסט צו עפּעס גרעסערס. זי האָט אירע אויגן פֿאַריסן צום גבירישן פֿעטער. אויך ער איז דאָך נישט געבוירן געוואָרן באַלד מיט זיין עשירות. און אין דער אמתן: איז דאָס פֿאַר איר אַ תכלית צו בלייבן ביי דער בידנער שפּייזקראָם?

די משפּחה פֿאַרגרעסערט זיך, די הוצאות וואַקסן, און אויב זי

ווען זיך אַצינד אין די יונגע יאָרן נישט אַרויפּאַרבעטן — טאָ ווען? — איר מאַן ווידער האָט פון פעטער די גאַנצע חיונה נישט גע־קענט ציען. עס האָט נישט געקלעקט. דער פעטער האָט זיינע אָנ־געשטעלטע געצאָלט אויף נישט צו לעבן און נישט צו שטאַרבן.

„אַלץ אייגנס וועלן זיי גנבענען, וויפל איך זאָל זיי נישט צאָלן", פלעגט ער זאָגן. און איר מאַן האָט נאָך דערצו געהאַלטן, אַז ס'איז בעסער דאָס ערגסטע געשעפט ביי זיך, ווי דאָס בעסטע ביי יע־נעם. פרומה־רויזעס איז פון דעסט וועגן פאַרט געבליבן ביי איר קראָם. זי האָט נאָר, ווען זי האָט זיך מיט איר מאַנס הילף אַ ביסל אַרויפגעאַרבעט, געטוישט דאָס אָרט. זי האָט געגלייבט אין „משנה מקום, משנה מזל" פרומה־רויזעס. און אין דער אמתן, וואָס האָט זי דען געקענט עפּעס אַנדערש טאָן, ווען אויך צום קראָם האָט זי געמוזט צונוצן איר נאָך יונג טעכטערל, כדי זי זאָל מיט די קונים מאַכן דעם חשבון?...

איר מאַן אָבער איז אַוועק פון פעטער און האָט אָנגעהויבן פירן אויף דער אייגענער האַנט געשעפטן. און מסחרים האָט ער געפירט פאַרשידענע. אבי נאָר זיי האָבן געבראַכט ריווח. אַזוי האָבן זיי ביידע געהאָרעוועט, יעדער אויף זיין אופן און באַזונדער, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן אָפּשפּאָרן אַ גראָשן צו אַ גראָשן און דערגרייכט צו אַ שטיקל אייגנס.

ווען ער האָט שוין געהאַט אַ ביסל געלד, איז אים פאַרמיאוסט געוואָרן די ווינט־געשעפטן. ער, דער פּעיקער קאָנסטאַנטינער, האָט שוין געזוכט עפּעס אַ „סטאַטעטשנע" געשעפט — אַ געשעפט מיט אַן אייגענעם קאַנטאָר, מיט אַ הייכן שטענדער־ביורקע — אָט אַזוי ווי ביי זיין פרומה־רויזעס פעטער. ערשט דע־מאָלט, וועט ער אויך קענען צונוצן אַנדערע געשעפטן, ווי אַ צו־גאָב צום הויפּט־געשעפט.

ער האָט נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן. ווען די מעקלערס האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער קאָנסטאַנטינער זוכט אַ געשעפט, האָבן זיי אים באַלד פאָרגעשלאָגן איבערצונעמען קאַרפּאָוויטשעס גרויסע מיל. און ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם קאָנסטאַנטי־נער קלעקט נישט גענוג געלד אַליין איבערצונעמען די גאַנצע מיל אין אַרענדע און נאָך געבן קאַרפּאָוויטשן אַ היפּאָטעק־הלואה אויף

אַרויפצובויען אַ פערטן שטאָק, האָבן זיי אים גלייך אויסגעזוכט עטלעכע שותפים.

**
*

סטאַניסלאַוו קאַרפּאָוויטש איז געווען אַ געוועזענער גוט־באַזיצער און אַ פרומער קאַטאָליק. ער איז געווען אַ קליינער און פול־געפּאַקטער. זיין גרויסער בויך האָט פון דיקקייט זיך געריסן פון זיין קערפּער און האָט ווי אַ שווערע משא זיך אַראָפּגעדריקט צו זיינע נישט גלייכע פיס. זיין האַלדז האָט זיך פון פאָרענט גע־גוידערט אַראָפּהענגענדיק צו זיינע ברוסטן. און זיין פעטער רויטער קאַרק האָט זיך ווי אַ קאָלנער אָפּגעלייגט אויף זיינע אַקסלען. זיין רויט, גלאַטיק־אויסגעראַזירט פּנים האָט אויסגעזען ווי אַן אויסגע־פּליקטע פעטע רויטע גאַנדז. די גראָע אויגן האָבן זיך שוין אין גאַנצן פון דער דאָזיקער צעשוואָומענער מאַסע פעטס נישט אַרויסגעזען. צוליב דער שווערקייט פון זיין קערפּער איז ער נישט געגאַנגען, נאָר זיך אונטערגעקייקלט מיט זיינע אַביסל קרומלעכע פיס. עס האָט אויסגעזען, ווי די פיס ראַנגלען זיך ווי אַ טרעגער מיט זיין שווערער משא און פון גרויס שווערקייט בייגן זיי זיך אַ ביסל אונ־טער. — פון וואַנעט ער האָט זיך גענומען, ווייסט קיינער נישט. ווען ער האָט זיך באַוויזן און האָט אָנגעהויבן אונטערן שטאָט אויסבויען זיין גרויסע עלעקטרישע מיל, האָט ער שוין פון פריער געהאַט אויף דער שענסטער גאַס פון שטאָט אַ גרויס זייגערמאַכער־און ביזשוטעריע־געשעפט. דאָס געשעפט איז געווען דאָס רייכסטע און שענסטע אין שטאָט. זיין געשעפט־פירער און יוועליר, אַ הויכער יונגערמאַן אין די מיטעלע יאָרן, איז געווען אַ יידישער זייגערמאַכער, וועמען מען האָט אין שטאָט גערופן דער קאַדלובאָווער זייגערמאַכער, ווי ער מיט זיין קאַדלובאָוו, פון וואַנעט ער האָט געשטאַמט, זאָל זיין איינס. — די ערלעכקייט פון קאַדלובאָווער זייגערמאַכער און דער צוטרוי פון קאַרפּאָוויטשן צו אים האָט דעם אַלטן פריץ מיט דעם זייגערמאַכערס שטוב באַפריינדעט און פאַר־היימישט. —

מענדל זלאָטניק קאַדלובאָווער, מיט זיין קליין, קאָמעץ־בערדל, האָט געהאַט אַ פרוי מיט צוויי טעכטער, וואָס זענען גע־

ווען געראָטן אין זייער מאַמען מלכהלע. ווי מען האָט מענדלען גערופן איינפאַך און פאַרערט, ביי זיין שטאָט, אַזוי האָט מען זיין פרוי גערופן ביי איר אויסגעכאָליעטן פאַרצויגענעם נאָמען מלכה־לע. און „מלכהלע", האָט שוין אַלץ געזאָגט. דאָס האָט געהייסן: אַ ווייבל, אַ ברען. — אַ פרוי אַ צעלאָזענע הפקרניצע. — אַ ווייבל, וואָס איר ירושה — דריקט אויף איר מיט דער גאַנצער שווער־קייט פון אַ מילשטיין...

מלכהלע איז געווען אַ שיינע פרוי אין די מיטעלע יאָרן. אַ העל־בלאָנדע מיט אַ פּאָר וואַסערדיקע בלאָע אויגן, וואָס ווען מען האָט געקוקט אין זיי, האָט עס אויסגעזען, ווי מען שפּיגלט זיך אין אַ בלאָע אָזערע. איר לייביקייט און אירע פעסט־געפּאָרעמטע ברוסטן און היפּטן האָט צוזאַמען מיט איר ראָזען, פליישיק־אויס־גערונדיקטן פּנים אויסגעדריקט איר גאַנצע ווייבלעכקייט און ענער־גיע. איר קליינער אָנוואוקס ווי אַ חן־פּינטעלע אויפן רעכטן באַק, האָט ווי געזאָגט: איך בין גרייט צו ווערן באַהערשט, אָבער אויך צו הערשן... ווען זי האָט גערעדט, האָט זי אירע ווערטער פריער גוט אויסגעזאַפּטיקט אין מויל, הנאה האָבנדיק פון זיי, נאָך איי־דער זי האָט זיי אַרויסגעבראַכט. אין גאַנצן גענומען איז זי געווען אַ פאַרטראָגענער געוויקס אין אַ פרעמד פעלד...

אַז דאָס קליינע אַריבער זעכציק־יאָריק פאַרזעסן פריצל האָט איר צום ערשטן מאָל דערזען, איז ער באַלד באַהערשט געוואָרן פון איר. ער האָט שוין איינגעגראָבן אין איר זיינע גליטשיקע אויגן, און כסדר געזוכט איר נאָענטקייט. זי איז געווען אין גאַנצן אין זיין גוסטו. — מלכהלע האָט קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט. ער איז איר אמת שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן, דער צעקראָכע־נער קאַרפּאָוויטש, ער איז אָבער רייך. — זי וועט אים קענען נע־מען אין האַנט אַריין, איבער אים בעל־הביתעווען, אָט אַזוי ווי איר מאַן נעמט אין זיין האַנט אַ זייגערל, און טוט דערמיט וואָס ער וויל. אָבער דער עיקר וועט זי ווערן פריי... פריי פון איר מאַן, וואָס צוימט איר מיט זיין יידישקייט, און פריי פון זאָרג פאַר אירע טעכטער, וואָס דערוואַרטן זיי אַ גוטע קאַריערע...

קאַרפּאָוויטש האָט מסכים געווען איר אָפּצושרייבן זיין גאַנץ פאַרמעגן. ער האָט זי אַ קאַטאָליק איר נאָר געשטעלט איין תנאי: צו שמדן זיך. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי אין גרויסן שטאָ־

טישן קאָשטשאָל איז מיטן גאַנצן קנאַק, מיט די אַרומיקע ביסקופֿן און „פּראָבאָשטשן", געפּראַוועט געוואָרן דער שמד פֿון מלכהלען מיט אירע צוויי דערוואַקסענע טעכטער. און מלכהלע האָט צוגלייך מיט איר גוישקן נאָמען אויך צו באַקומען דעם צונאָמען „משומדרת". זי האָט זיך איבערגעטראָגן צו אים אין גרויסן מיל־הויף, און אָנגעהויבן „העלפֿן" פֿירן זיינע געשעפֿטן. דער קאַדלובאָווער זייגערמאַכער האָט איר נאָך פֿאַרן שמד פֿאַרלאָזט. אַוועקגעוואָרפֿן איר מיט די טעכטער, ווי ער האָט אַוועקגעוואָרפֿן זיין ברויטגעבערס געשעפֿט, וועלכן קאַרפּאָוויטש האָט צוליב אים געמוזט ליקווידירן.

***

די צוויי שותּפֿים פֿון קאָנסטאַנטינער זענען געווען פֿון דער זעלבער בראַנזשע. משה־יאָנטל איז אַליין געווען אַ מילנער. ער איז געווען אַ הויכער פֿעסט־געבויטער ייד, וואָס האָט געהאַט הינטערן שטאָט אַ ווינטמיל, פֿון וואָס ער האָט געצויגן פּרנסה. אַ האָרעפּאַשנער ייד אָן פּרעטענזיעס, ווי די שטיינער פֿון זיין וויאַטראַק האָבן אָן פּרעטענזיעס געמאָלן דעם פּויערישן קאָרן. געוואוינט האָט ער אויפֿן זעלבן הויף אין זיין פּויערישער כאַטע מיטן פּראָסטן טיש און באַנק. דאָס איינציקע, פֿאַר וואָס מען האָט געקענט פֿאַרעבענען זיין כאַטע פֿאַר אַ שטאָטישע, איז געווען דער מאָכיקער שינדלדאַך, וואָס האָט איר באַדעקט. אַלץ איז ביי אים געווען אַזוי איינפֿאַך, ווי דאָס דאָרפֿישע לעבן, וואָס ער האָט אַהערגעבראַכט. זיין שבת און יום־טוב איז באַשטאַנען אין אַ נישט־פֿאַרמעליקטע קאַפּאָטע, וואָס ער האָט אַרויפֿגעצויגן אויף זיך, און אין די יוכטענע שטיוול וואָס ער האָט זיי שוין לכבוד שבת אויסגעגלאַנצט אין טראָן. דערפֿאַר אָבער איז אין זיין גאַנצער אויפֿפֿירונג און האַלטונג געווען די שיינקייט פֿון אוממיטלבאַרקייט, פֿון אָפֿנקייט אָן קונצן...

דער צווייטער שותּף, דער ראַדזינער, איז שוין געווען גאָר דער היפּך פֿון משה־יאָנטלען. אַ מיטל־וואוקסיקער ייד, מיט אַ האַלב אַראָפּגענומען בערדל, איז ביי אים אַלץ אויסגעקומען ווי אויף דער העלפֿט. ער איז געווען האַלב חסיד און האַלב משׂכּיל. האַלב אָפֿן און האַלב פֿאַרשטעלט. ער האָט גערעדט געלאַסן, מיט שׂכל און מיט כיטרעקייט. און מען האָט קיין מאָל נישט געוואוסט וואו מען

האַלט מיט אים. — צוגעפּוצט מיט שניפּס און חסידישן קאָלנער, האָט ער זיך אַ ביסל אונטערגעבלאָזן. און ווי ער האָט זיינע כוונות באַהאַלטן, האָט ער להיפך זיין ביסל קענטעניש ליב געהאַט אַרויס־צושטעלן, מיט איר צו פּאַראַדירן. ער איז געווען אין האַנדל מיט־טרווילער, מען האָט זיך געמוזט מיט אים שטאַרק בינדן... און אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. אויך ער, הירשל שטיין, איז געווען פון דער בראַנזשע. זיין פרוי רוכטשע, האָט געפירט אַליין אַ קראָם פון מעל און קלייען.

**
*

דער קאָנטראַקט מיט קאַרפּאָוויטשן איז אויף איינציקע יאָרן מיט די רעכט אויף באַנייען געוואָרן געשלאָסן. לויטן אַריינגעלייגטן געלד פון די שותפים, איז געוואָרן באַשטימט זייער ריווח. און דער הויפּט־שותף איז לויטן אָפּמאַך געוואָרן דער קאָנסטאַנטינער, זלמני־קע לוסטיק.

דאָס געשעפט איז גוט אַוועק. אַלע זענען געווען צופרידן, אויך פרומה־רויזעס. די מיל האָט געקלאַפּט ביי טאָג און ביי נאַכט. מען האָט געמאָלן פון אָרטיקן ווייץ און פון פרעמדן, דער עיקר פון אוקרייאינישן. דער קרעמענטשוקער ווייץ איז געווען דער בעסטער. זיינע קערנער זענען געווען גראָב־בייכיק און פעטע, ווי די פעטע אוקראַינישע שוואַרץ־ערד. אויפן מעשענעם פראָבע־וואָגל האָט ער אַריבערגעוואויגן אַלע איבעריקע ווייצן. דאָס מעל פון דער פירמע „לוסטיק און קאָמפּ." האָט באַקומען אַ שם, אַריבעריאָגנדיק אַלע איבעריקע מעלפירמעס. עס איז געווען נישט ווייס, נאָר גאָלדיק, זון־קאָלירט. —

די בוכהאַלטעריע האָט אויסגעטיילט פאַרן קאָנסטאַנטינער הונדערט רובל אַ חודש ריווח, אויסער דעם גאַנצן דעטאַל־באַדאַרף אין מעל, פאַר פרומה־רויזעס שפּייזקראָם.

אַזוי איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר. ווען עס האָט זיך געענ־דיקט דער קאָנטראַקט, איז ער ווידער באַנייט געוואָרן. און פרומה־רויזעס האָט יעדן חודש געציילט די צוגעקומענע הונדערטערס, פון וואָס עס איז מיט דער צייט געוואָרן אַ שיינער קאַפּיטאַל.

***

אין אַ צײַט אַרום האָט אָבער אַלץ אָנגעהויבן אַנדערש אויס־זען. דער ראַדזינער האָט אָנגעהויבן צו אַלעמענס שטוינונג אַרויס־ווײַזן אַ פֿאַרשטעלטע אומצופֿרידנקייט. אויף זײַן פּנים איז געווען קענטיק אַ שטילער ברוגז. ער האָט אָנגעהויבן ווייניקער קומען אין קאַנטאָר, און מען האָט געקענט זען, אַז ער באַהאַלט עפּעס אויס. אויסער דעם איז ער געוואָרן אַן אָפּטער אַרײַנגייער צו דער משר־מדת, וועמען די איבעריקע שותּפֿים האָבן נאָכן שמד אויסגעמיטן. און ער האָט אָנגעהויבן געווינען איר סימפּאַטיע. מלכהלען, איז שוין געוואָרן פֿאַרמיאוסט דער עובר־בטלדיקער קאַרפּאָוויטש. זי האָט אים שוין נישט געדאַרפֿט. זײַן פֿאַרמעגן איז שוין לאַנג געווען אָפּגעשריבן אויף איר. דאָס איבעריקע האָט זי ביסלעכווײַז צו זיך אַרײַנגעשאַרט, ווי מען שאַרט אַרײַן קוילן אין אַ פֿײַערפֿאַן: דער אַלטער קאַרפּאָוויטש איז שוין אין גאַנצן געווען אויף איר חסד. מלכהלע האָט אָנגעהויבן אַרויסטרעטן קעגן דער פֿירמע מיט פּרעטענזיעס, מיט טענות.

אין אָנהייב זײַטיקע: דער קאָנסטאַנטינער זאָל אַראָפּנעמען דעם היפּאָטעק פֿון דער מיל. שפּעטער איז זי שוין אַרויס אָפֿן: זי וויל מבטל מאַכן דעם גאַנצן קאָנטראַקט. גענוג, האָט זי געזאָגט, איז מען נתעשר געוואָרן פֿון איר. זי וועט קיינעם מער נישט פֿאַרדינ־גען. זי אַליין וועט די מיל איבערנעמען, און זי איז בילכער.

זי האָט זיך גענומען פּראָצעסעווען מיטן קאָנסטאַנטינער און מיט אַלע שותּפֿים. דאָס געריכט האָט אָבער אַנערקענט די פֿעסט־קייט פֿון געזעץ. און דאָס געזעץ איז געווען אויף דער זײַט פֿון קאָנסטאַנטינער. דער פֿאַרשפּילטער פּראָצעס האָט איר נאָך מער צערייצט. זי איז טאָפּל געטראָפֿן געוואָרן אין איר אַמביציע און איר קעשענע...

דער טערמין פֿון קאָנטראַקט איז אָבער אויסגעגאַנגען. דער קאָנסטאַנטינער מיט די שותּפֿים האָבן זיך געגרייט אים צו באַ־נײַען אויף דער עפֿנטלעכער ליציטאַציע, בײַ וועלכער זיי האָבן לויטן אָפּמאַך געהאַט בײַ די זעלבע באַדינגונגען, פֿאָררעכט. קיינער פֿון די פֿאַרזאַמלטע האָט דעם פּרײַז נישט איבערגעשטיגן. דעם קאָנסטאַנטינערס פּנים האָט שוין דורך אַ דינעם אײַנגעהאַלטענעם

שמייכל אויסגעדריקט די פרייד פון נצחון. פרומה־דוויזעס האָט פרומ־לעך אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אַ שעפּטשע געטאָן:
— נישט געוואָשן די הענט, — אַ לויב צו דיר ג־ט, איך זאָל נאָך זען דעם סוף פון דער „משומדת".

נאָר פּלוצים האָט ווער זיך אַ באַוועג געטאָן און מיט אַ פעס־טער שטימע, מען זאָל אים הערן, אויסגעשריען:

„פינף טויזנט רובל מער און אויך דעם מעל־אָפּפאַל גיב איך אַוועק די „פּאַני קאַרפּאָוויטשאָווע".

אַ געמורמל איז אַדורכגעגאַנגען. ווער איז דאָס, האָבן אַלע גע־פרעגט? עס איז געווען דער צווייטער שותף, הירשל שטיין דער ראַדזינער. דער פאַרגעשלאָגענער פרייז מיטן איבערגעבן דעם מעל־אָפּפאַל איז געווען אַ צו הויכער. עס האָט קיין רייד נישט געקענט זיין אים איבערצושטייגן. און די שותפות־פירמע איז דורכדעם צו־זאַמענגעפאַלן. —

עס איז קלאָר געווען, אַז מלכהלע האָט מיט דער הילף פון הירשל שטיין, דעם ראַדזינער, אונטערגעשטעלט אַ פיסל, אַרויס־צושטויסן זלמנקע לוסטיק און צעבראָכן דאָס גאַנצע געשעפט.

אָפּגענאַרט און פאַרשעמט דורכן אייגענעם שותף, צוזאַמען מיטן אָנווערן פון אַזאַ גוט געשעפט, האָט זלמנקען מיט פרומה־דוויזען אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט, ווי אַ דונער וואָלט זיי גע־טראָפן אין מיטן העלן טאָג.

דער קלוגער און אין זיך פאַרמאַכטער זלמנקע איז באַלד אַוועק פון פּלאַץ.

פרומה־דוויזעס אָבער האָט זיך נישט געקענט שענקען. זי האָט געשאָלטן מיט וויסטע קללות דעם ראַדזינער און האָט זיך צו אים געריסן מיט אירע שוואַכע פויסטן. איר גאַנצע שנאה, איר גאַנצער ברענענדיקער האַס האָט זי פון איצט אָן אַריבערגעטראָגן אויפן ראַדזינער. אפילו אין דער משומדת האָט זי אַצינד פאַרגעסן.

„אַזוי אָפּטאָן!", האָט זי געהעשעט. — אַ ייד, אַן אייגענער שותף, זאָל מאַכן יד־אחת מיט אַ משומדת און צונעמען דאָס ברויט ביי אַ צענדליק מענטשן, און ווער? — „הערשעלע חסיד", וואָס קריכט צו געשמדטע ווייבער, וועמען איר מאַן האָט געמאַכט פאַר אַ מענטש, אים געגעבן ברויט מיט פוטער צו עסן!"

**
*

גאַנצע טעג און וואָכן האָט ביי זלמנקען אין שטוב געהערשט אַ געדריקטע שטימונג. עס האָט זיך געפֿילט אַ וויסטע אָנגעצויגנ־קייט, ווי מען וואָלט געזעסן שבעה נאָך אַ מת. די קינדער אין שטוב האָבן מורא געהאַט אַ הויך וואָרט אַרויסצורעדן. פֿרומה־רויזעס איז אין קראָם אַלץ געפֿאַלן פֿון די הענט. זי האָט זיך כּסדר טועה גע־ווען מיט די קונים. ער אַליין, ר׳ זלמנקע, איז שיער נישט דערשטיקט געוואָרן אין דער דאָזיקער שווערער לופֿט. נאָר אויב זלמנקע האָט מיט אַן אייסערלעכער רואיקייט פֿון דעם אַלעמען געמאַכט אַ שוויג, אָפּגעווישט דאָס מויל, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען, האָט אָבער די נערוועאיש־צעיאָכמעטע פֿרומה־רויזעס, נישט געוואָלט אָפּלאָזן. ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי דערמאָנט אָן דער געשיכטע און הירשל שטיין געשאָלטן מיט די ביטערסטע קללות. און יעדע דער־מאָנונג פֿון פֿאַרגעקומענעם אין זלמנקעס אָנוועזנהייט האָט אים ווי געטאָן, האָט אים געברענט, ווי מען וואָלט געגאָסן עסיק אויף זיינע וואונדן.

כאָטש דעם קאָנסטאַנטינער אַליין האָט נאָך מער פֿאַרדראָסן ווי פֿרומע־רויזעס, האָט ער אָבער דעם פֿאַרדרוס געדריקט אין זיך. ער האָט אים טיף אין זיך באַהאַלטן און פֿאַרשטעקט... ער האָט געקנייפּט די באַקן און געשטעלט די פֿאַרב.

דערפֿאַר טאַקע האָט זלמנקע, דער אין זיך פֿאַרשלאָסענער, דער געזונטער, וואָס האָט נאָך צו פֿערצן יאָר שוין אויס־געשפּאַנט אַלע וועלדער און פֿעלדער פֿון זיין ראַיאָן, מער געליטן ווי פֿרומה־רויזעס. ער האָט געליטן, ווייל ער האָט דעם „טאָטשענ־דיקן וואָרעם” פֿון זיין האַרץ נישט אַרויסגעיאָגט, נאָר אים נאָך טיפֿער פֿאַרגראָבן. און דער „וואָרעם”, אַריינקריכנדיק טיפֿער, האָט זיך געפֿילט גאַנץ באַקוועם אין זלמנקעס האַרץ. — און ער האָט געטאָטשעט און געטאָטשעט... זי אָבער, די קראַנקע פֿרומה־רויזעס, האָט זיך פֿאַרט גרינגער געמאַכט. זי האָט זיך גרינגער געמאַכט דורכן אויסשרייען זיך, און דורך אירע קללות. —

דער קאָנסטאַנטינער האָט זיך אַרומגעזען, אַז אַזוי ווייטער קען עס נישט גיין. ער קען שוין פּשוט אין שטוב נישט איינזיצן. זי איז אמת געוואָרן אַ ביסל רואיקער, זיין ווייב. די צייט מאַכט

אַליין פֿאַרגעסן. אָבער ער קען נאָך אַליין איר אין די אויגן נישט קוקן. עס דאַכט זיך אים, אַז איר יעדעס וואָרט, איר יעדער בליק איז אָנגעלאָדן מיט טענות, שטומע טענות צו אים און צו זיך אַליין.

און ער האָט אירע אייגענע שטומע יאַדעניש אויך נישט געקענט פֿאַרטראָגן. זי איז דאָך זיין אייגענע פֿרוי. ער האָט דעריבער גענומען פֿלייסיק זוכן אַ נײַ געשעפֿט. אַ געשעפֿט, וואָס זאָל אים אין גאַנצן פֿאַרנעמען, פֿאַרשלינגען אין זיך... אויך פֿרומה־רויזעס זאָל זיך אַרויסטאָן פֿון דער מיל און פֿון ראַדזינער.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי ער האָט אין איילעניש איבערגענומען אַ נײַ גרויס געשעפֿט. דאָס נײַע געשעפֿט האָט אים טאַקע אין גאַנצן פֿאַרשלונגען. עס האָט אים אָבער אויך אַזוי אין גאַנצן פֿאַרפּלאָנטערט, אַז ער האָט שוין ביזן סוף פֿון דעם קנויל זיך נישט געקענט אַרויסוויקלען... עס איז שוין נישט געווען זיין באַקאַנטע בראַנזשע, וואו מען האָט געקענט צו יעדער צייט אָפּלייזן דאָס גאַנצע אַריינגעלייגטע געלד. אויך נישט דער רואיקער קאַנטאָר אויפֿן הויף פֿון געשעפֿט אין סאַמע שטאָט. דאָס נײַע געשעפֿט איז געווען צעוואָרפֿן. עס האָט איינגעשלונגען דאָס גאַנצע געלד און פֿאַרמעגן. און מען האָט נאָך געדאַרפֿט אָנלייען אַ וועלט. קיין באַלדיקן ריווח האָט מען נישט געזען, אויך נישט קיין פֿדיון. מען האָט געמוזט זיין צו דעם סאָרט האַנדל צוגעוואוינט. מען האָט געדאַרפֿט האָבן אַ גרויסן כוח אויסצוהאַלטן. און צו דעם איז נאָך צוגעקומען אַנדערע נישט־פֿאָראויסגעזעענע צרות: נאָכן אָפּאַרבעטן אַ צייט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער איז גוט אַריינגעפֿאַלן. עס וואָלט בעסער געווען, ווען ער הייבט מיט דעם נישט אָן. פֿאַר פֿרומה־רויזעס באַרואיקונג איז עס יאָ געווען אַ מעלה. ווייל ס'איז פֿאַר איר געווען אַ בלינד געשעפֿט. זי איז אויף דעם אין גאַנצן נישט געווען קיין מבין. און אַז זי האָט געזען, אַז איר מאַן איז אַזוי כסדר פֿאַרנומען, האָט זי געמיינט, אַז דאָס געשעפֿט דרייט זיך...

**
*

עס האָט שוין אויסגעזען, ווי פֿרומה־רויזעס האָט זיך אין גאַנצן באַרואיקט, ווי זי זאָל שוין האָבן פֿאַרגעסן אין ראַדזינער. זי האָט אים שוין אין שטוב מער נישט דערמאָנט.

איר מאַן אָבער האָט זיך געענדערט. ער האָט אָנגעהויבן אויסזען שלעכט. ער איז געוואָרן פאַרשלאָסענער, סודותדיקער. זיינע באַקן זענען איינגעפאַלן, געוואָרן אויסגעצויגענער. די אויגן זענען טיפער אַריין אין קאָפּ, זיך אַליין איינגעשרומפן. זיי האָבן גענומען קוקן סומנער, פאַרזאָרגטער. אויסער זיין הויכן שטערן און די נאָז, וואָס איז אַצינד געוואָרן לענגער, האָט מען שוין באַלד קיין שטיקל פנים נישט אַרויסגעזען. און דאָס ביסל, וואָס מען האָט יאָ אַרויסגעזען, איז געוואָרן באַדעקט מיט אַ טונקל־גרינקייט. האָט זי זיך צוריק אָנגעהויבן דערמאָנען אין ראַדזינער. כאָטש זי האָט אין איר מאַנס אָנוועזנהייט זיך איינגעהאַלטן, באַהערשט, איז ער איר צוריק אַרויפגעשוואומען. ער איז איר אַרויפגעשוואומען, ווייל זי האָט באַלד לכתחילה גאָר אים נישט געהאַט פאַרגעסן. אָ, זי פרומה־רויזעס פאַרגעסט נישט אַזוי גיך אַן עוולה, וואָס מען טוט איר! און ער איז איר אַצינד אַרויפגעשוואומען צוליבן אויסזען פון איר מאַן, וואָס איז קענטיק, אַז ער ליידט. זי האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן די סיבות פון זיינע זאָרגן. זי האָט געמיינט, אַז דאָס נייע געשעפט גייט נאָרמאַל. זלמנקע קאָנסטאַנטינער האָט אַלץ פון איר אויסבאַהאַלטן. האָט זי דעריבער דאָס אַלץ צוגעשריבן צום אַלטן פאַרדרוס וואָס האָט זיך אין אים אָפגערופן און נאָגט אים דאָס האַרץ.

עס האָט זיך גענומען אָנרוקן שווערע צייטן. איבער אייראָפּעס הימלען האָבן זיך גענומען זאַמלען שוואַרצע כמאַרעס. עס איז געווען די לעצטע טעג פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט. און ווי נאָר זיי זענען אַריין, האָבן זיי גענומען קאָנפיסקירן די סחורות ביי אַ טייל סוחרים. און צווישן די דאָזיקע איז זלמנקע קאָנסטאַנטינער אויך געווען. די דייטשן האָבן צוגענומען ביי אים זיין גאַנץ פאַרמעג, אָט אַזוי פשוט צוגערויבט.

עס איז שוין נישט געווען וואָס אויסצובאַהאַלטן פאַר פרומה־רויזען. זלמנקע איז באַלד שווער קראַנק געוואָרן. דער דייטשער דאָקטאָר, וועמען מען האָט גערופן, איז געשטאַנען פון דער ווייטנס. ער האָט זיך גאָר צום קראַנקן נישט צוגערירט נישט באַטראַכט אים, נאָר אויסגעהערט די געשיכטע פון דער קרענק, ווי מען הערט אויס אַ מעשה. האָט ער געהייסן רייבן דאָס האַרץ מיט שפירט. דער שפירט האָט נישט געהאָלפן. די איינרייבונגען האָבן נישט גע־

קענט אויפהאַלטן דאָס פֿון לאַנג שוין צעטאַטשעטע האַרץ, פֿון איר אייגענער צעפֿאַלנקייט. און ר׳ זלמנקע לוסטיק, דער קאָנסטאַנטינער, איז אין אַ קורצע צייט אַרום געשטאָרבן.

**
*

פֿרומה־רויזעס אַלטער צאָרן קעגן ראַדזינער האָט זיך אַצינד נאָך מער צעברענט. די אַלטע שׂנאה, האָט אַצינד ווי אַ וואולקאַן־אויסברוך פֿון איר אַרויסגעשטורעמט. ס׳איז געווען פֿאַר איר קלאָר, אַז ווען נישט ער, ווען ער דינגט נישט אויס די מיל, וואָלט איר מאַן געבליבן ביים אַלטן רואיקן געשעפֿט און ס׳וואָלט צו דעם אַלעמען נישט געקומען. זי וואָלט אַצינד נישט געוואָרן אַ ווייסטע אלמנה און אירע קינדער יתומים. זי האָט אָנגעהויבן בעטן אויפֿן ראַדזינער דעם טויט. איר הייסטער וואונטש איז געווען, אַז דעם ראַדזינערס ווייב רוכטשע שטיין, זאָל אויך ווערן אַ אלמנה ווי זי. און איר גרעסטע לעבנס־אַמביציע איז אַצינד געוואָרן צו דערלעבן אָט דעם מאָמענט. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ זינד, אַ שטאַרקע זינד אַזוי צו טראַכטן, און אַז אַלע מענטשן שטאַרבן, און דאָך האָט זי זיך נישט געקענט באַפֿרייען פֿונעם דאָזיקן באַגער.

אין אַלע צייטן, אין אַלע מינוטן פֿון איר לעבן האָט זי געטראָגן מיט זיך אָט דעם וואונטש. ער איז געוואָרן אַ טייל פֿון איר לעבן ווי דאָס עסן און דאָס טרינקען. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זי פֿאַרבייגיין פֿאַר דער ראַדזינערס מעל־קראָם און אַריינשרייען אינווייניק: — „וועסט זיין, וועסט זיין אַ אלמנה ווי איך! מיט ג־טס הילף!״

אין די שווערסטע פֿאַרוויקלונגען פֿון איר לעבן, און אפֿילו קראַנקייטן, ווען זי האָט געהאַט מיט זיך אַליין צו טאָן, האָט זי זיך געשטאַרקט, זיך גענומען אין דער אייגענער האַנט אַריין און זיך אַליין געזאָגט:

— „ניין! איך טאָר נאָך נישט שטאַרבן. איך האָב נאָך נישט פֿאַרזוכט דעם זיסן טעם פֿון נקמה. איך מוז פֿריער דערלעבן דעם ראַדזינערס טויט, דערנאָך וועל איך רואיק שטאַרבן!״

מיט די דאָזיקע געדאַנקען האָט זי געלעבט, מיט דער דאָזיקער ווילדער האָפֿענונג האָט זי געטראָגן דעם ביטערן לאַסט פֿון איר

אַלמנה־זײַן און דעם שווערן יאָך פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון איר פֿאַריתומטער משפּחה.

נאָר אײן מאָל אין אַ גראָען װינטערדיקן אָוונט איז צו איר דערגאַנגען די ידיעה אַז הירשל שטײַן דער ראַדזינער איז גע־שטאָרבן. געשטאָרבן אין בליענדיקן עלטער װי איר מאַן.

פֿרומה־רויזעס האַט אויפֿגעצאַפּלט. אויפֿגעצאַפּלט פֿון אומגע־ריכטקייט און פֿון װילדער פֿרייד. און זי האָט פֿאַמעלעך, מיט אַ באַזונדערער כּוונה, װי אַ פֿרומער ייד זאָגט דעם „שמע ישׂראל", הויך אַרויסגעזאָגט די דרײַ װערטער:

„ב...רוך, ד...ײַן, א...מת!

צוגעבנדיק: איך האָב דערלעבט..."

אָפּגעזאָגט זיך פון רבנות

די לעצטע צייטן איז ר׳ יעקב יוסף, דער מרא דאתרא פון דער מאָטילעווער קהלה, געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. ר׳ יעקב יוסף איז אויף דער מאָטילעווער כסא הרבנות שוין געזעסן פופציק יאָר. די שטאָט האָט זיך שוין געגרייט צו פייערן דעם יובל פון זיין פופציק־יעריקער רבנות. די מאָטילעווער קהלה האָט איר רב זייער געשעצט און פאַרערט. זי האָט געשעצט זיין גרויסע לומדות, ענייוות און ערלעכקייט. זיין ערלעכקייט און אהבת הבריות האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. ער פלעגט זאָגן:

„פאַר אַ ירא שמים אָפּצוהיטן אַלע דינים איז קיין קונץ נישט. ווער דען זאָל אָפּהיטן די דינים אַ נישט אַ ייד, אַ מאמין? נאָר די אמתע מדרגה פון אַ ייד איז: צו גיין אויף די וועגן פון מענטשלעכקייט, אפילו „לפנים משורת הדין״. — דאָרט וואו דער מידת הדין פאַרהאַלט דעם שטראָם פון יושר און אהבת הבריות, דאַרף אויך דער דין אָפּטרעטן פאַר זיי דאָס אָרט. דער עיקר איז דער מענטש, ווי אויך יעדע בריאה אויף דער וועלט״.

די שטאָט האָט געוואוסט, אַז זייער רב איז נישט נאָר אַ „נאה דורש״ נאָר אויך אַ „מקיים״. נישט איין מאָל, ווען ער האָט לויטן דין טריף געמאַכט אַן עוף ביי אַן אָרעמער יידענע, פלעגט ער שוין גאַנצע טעג אַרומגיין אַ צעטראָגענער און אַ פאַרשלאָסענער אין זיך. ס׳איז געווען קענטיק דער אינערלעכער געראַנגל, וואָס גייט אָן טיף אין אים. און כאָטש ער פלעגט אין אַזאַ פאַל, בסתר, די יידענע אַהיימשיקן דעם שאָדן, פלעגט ער זיך פון דעסט וועגן נישט באַרויִקן. די רביצין פלעגט דעמאָלט נישט קענען צוקומען צו אים. עס האָט נישט געהאָלפן איר בעטן, אַז דער פינף און זיבעציק־יעריקער זקן זאָל עפּעס טועם זיין, ביז די רביצין האָט זיך גענומען צוגעוואוינען צו דעם, כאָטש מיט ציטער און מורא. דאָס מאָל אָבער

איז זיין פאַרטראַכטקייט און נידערגעשלאָגנקייט אַריבער אַלע גרענעצן. און געווען איז עס צוליב חיים „שלים־מזל“.

***

חיים „שלים־מזל“ איז געווען אַ הויכער דאַרער ייד אין די פערציקער. צוליב זיין איבערגעוואַקסנקייט און דאַרקייט האָט עס אויסגעזען ווי ער טראָגט אַ האָרב. זיינע רחמנות־אויגן זענען אים געזעסן טיף אַריין אין קאָפּ. פון זיין פנים, וואו ס'איז ערטערווייז געווען צעוואָרפן איינציקע האָר, ווי צעוואָרפענע זאַנגען אין פעלד, האָט זיך מער ווי אַ פאָר דאַרע שטשאָקעס און ווי אַ שלשלת־געבויגענע נאָז נישט אַרויסגעזען. חיימען איז אַלץ געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ. די שטאָט האָט געהאַט אַ סך צרות פון אים. און נישט איין מאָל האָבן די דאָזאָרעס באַהאַלטן אַ שטילן פאַרדרוס קעגן זייער רב, הלמאי ער האַלט זיי אין איין דערקוטשען צוליב חיימען.

„וואָס איז — האָבן זיי שטיל געזאָגט צווישן זיך, דער רב זאָל נישט הערן, — ער איז אונדזער אייביק קעסטקינד? וויפל איז דער שיעור צו שיטן אין אַ לעכערדיקן זאַק?“

חיים, האָט שוין געהאַט אויסגעפרואווט אַלע מלאכות. צו דעם איז ער נאָך געווען אַ קראַנקער. אַלע חולאתן פון דער תוכחה האָבן אין אים געשטעקט. זומער און ווינטער האָט ער געטראָגן אויף זיך אַן אַלט אויסגעריבן וואַטאָווע וועסטל, און אַ שאַליק אויפן דאַרן האַלדז, ווי אַ חזן פאַר ימים־נוראים. צוויי ווייבער זענען אים געשטאָרבן, איינע פון סוכאָטע, די צווייטע אין קימפעט. די דריטע איז אַצינד געלעגן אין שפיטאָל. פון די אַלע דריי ווייבער האָבן געקלעבט אַרום אים, ווי בינען אַרום דער קעניגין, אַכט קינדער, פון וועלכע דאָס עלטסטע איז קוים אַלט געווען עלף יאָר. ווען ער איז געווען אַ פורמאַן, האָבן אים צוויי פערד, איינע נאָך דער אַנדערער, געפגרט. עס איז נישט געווען אין גאַנצן זיין שולד, ווייל קהל האָט אים גאָר באַלד קיין שטאַרקע פערד נישט געקויפט. צוליבן רבס צודרינגלעכקייט האָבן זיי פאַר יוצא וועגן, אים גלייך געקויפט לעבעדיקע פגרים. — נאָך דעם ווי זיינע פערד האָבן זיך אַוועקגעלייגט, איז ער געוואָרן אין דער שטאָטישער „בוינע“ אַ שינדער פון יידישע בהמות. ווען ער האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרטראָגן

די שינדערײַ מיטן שעכטהויז, האָט זיך דאָן דער רב ווידער אַרײַנ־געלייגט, און ער איז געוואָרן אַ קצב. מיט דער ערשטער בהמה האָט מען אים אַרויסגעהאָלפֿן. און אַ יאַטקע האָט ער געמאַכט פֿון אַ שטאַל, וואָס קהל האָט אים געגעבן פֿון הקדש־פֿאַרמעג. און ער האָט אונטערטאַנצנדיק געבראַכט די ערשטע בהמה אין שעכט־הויז. נאָר אַז יאַנקל שוחט האָט זיך אַ נעם געטאָן נאָך דער שחיטה צום לונג און לעבער, האָט זיך אויף זײַן צעקנייטשטן פּנים צע־לייגט אַ ווייטיקדיקע גרימאַסע. און יאַנקל שוחט האָט אַ זאָג גע־טאָן צו חיימען:

„נעם דעם לונג און לעבער און גיי שוין מיט אים צום רב. איך וויל נישט שטעלן אויף זיך".

***

ווען חיים איז אַרײַנגעקומען צום מאָטילעווער רב, האָט ער אים געטראָפֿן אַרומגיין איבערן גרויסן בית־דין־שטוב אַהין און צו־ריק, פֿאַרזונקען אין די מחשבות. אויפֿן טיש איז געלעגן אַן אָפֿע־נער ספֿר, צוגעדעקט מיט דער רויטער פֿאַטשיילע. עס האָט זיך היינט ר' יעקב יוסף'ן נישט געלערנט. בשום אופֿן נישט. ווי נאָר ער האָט זיך גענומען פֿאַרטיפֿן אין דער סוגיה, האָבן זיך אים די געדאַנקען צעמישט. די קלאָרקייט איז אים צערונען ווי אונטער דער האַנט. ער האָט זיך אויף דער סוגיה נישט געקאָנט קאָנצענ־טרירן. אַנדערע געדאַנקען זענען אים אויפֿגעקומען אין מוח און האָבן אַרויסגעשטויסן די פֿריערדיקע, אָדער, זיי האָבן זיך געקרייצט, צוזאַמענגעמישט זיך. —

ערשט אַז ר' יעקב יוסף האָט געהערט די אויסקלאַפּנדיקע טריט פֿון חיימס באַקאָוועטע שטיוול, האָט ער זיך ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. און אויפֿהייבנדיק די אויגן פֿון אונטער זײַנע געדיכט־באַ־וואַקסענע ברעמען, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין חיימס רחמנות־אויגן, וואָס האָבן אַצינד אויסגעזען, ווי די אויגן פֿון אַ געבונדענער בהמה, פֿאַר דער שחיטה.

„שוין אַ פֿרישע צרה, אַ, חיים?" — האָט דער רב אַרויסגע־מורמלט.

און נישט וואַרטנדיק אויף חיימס תשובה, האָט ער גלייך גע־

נומען אין האַנט אַריין דעם לונג און לעבער און אַ פינצטערער שאָטן האָט זיך צעלייגט אויפן שטענדיק לייכטנדיקן פּנים פון רב. ער האָט באַלד גענומען זוכן און נישטערן צווישן די צעוואָרפענע הלכה־ספרים, וואָס זענען געווען אָנגעהויפט אויפן טיש. נאָר נישט געפינענדיק דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, איז ער צוגעגאַנגען צו די גרויסע ספרים־שאַפעס, וואָס האָבן פאַרשטעלט די ווענט פונעם גרויסן בית־דין־שטוב, און ער האָט עפענענדיק די שווער־בייכיקע ספרים אָנגעהויבן אָנגעשטרענגט מעיין צו זיין אין זיי. פון גרויס אָנשטרענגונג איז אים אַזש אַרויס אַ שווייס פון פּנים, וואָס האָט אַראָפּגערינט פון זיין הויכן ווינקלדיקן שטערן און איז אַריין ווי קליינע ריטשקעלעך אין אַ טייך, אין זיין געדיכטער זילבער־באָרד. ער איז אין גאַנצן געוואָרן אויסגעמאַטערט. ער האָט געוואָלט גע־פינען עפּעס אַן אָנשפּאַר, אַן אָנווייזונג אויף כשר צו מאַכן חיימס בהמה. ער ווייסט ווי שווער ס'איז אָנגעקומען אים זי צו פאַרשאַפן. עס שטייט אים נאָך פאַר די אויגן די נישט־צופרידענע בליקן פון די דאָזאָרעס, וואָס האָבן ווי געזאָגט:

„אָנגעזעצט זיך אויף אונדז מיט אַ חיים „שלים־מזל".

באַזונדערס געדענקט ער דעם בייזן בליק פון נחומקע „גוי", דעם נייעם אַרויפגעאַרבעטן גביר פון שטאָט, וואָס האָלט אין איין שרייען:

— „רבי, מישט זיך נישט; לאָזט איבער דעם רחמנות פאַר אונדז". —

און דער עיקר ער אַליין, דער בעל הבהמה, איז דאָך נעבעך אַזאַ גרויסער נצרך, ווי אַזוי מאַכט מען אים טריף די בהמה, וואו ס'איז אַריינגעלייגט זיין גאַנץ ביסל צונויפגענומען פאַרמעג? זאָל ער פּסקענען כשר, וועט ער ר' יעקב יוסף חלילה פאַרקרימען דעם דין, אַ דין, וואָס איז אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, וואו ס'איז נישטאָ קיין ספק־ספיקא וועגן דעם, אַז די בהמה איז טריף. און ער האָט שטיל מיט אַן איינגעהאַלטענעם צער, ווי מען פליסטערט אַרויס די פאַר טרייסט־ווערטער צו אַן אבל, אַרויסגעפליסטערט צו חיימען:

„די בהמה איז טריף".

חיים האָט זיך איינגעקאָרטשעט, דער „האָרב" איז אים גרע־סער געוואָרן און ער האָט מיט פאַרגאָסענע אויגן פאַרלאָזט דאָס בית־דין־שטיבל.

**
*

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. ר׳ יעקב יוסף האָט נאָך גאַרנישט געהאַט טועם געווען. דאָס עסן מיט אַ שעפּ וואַסער צום וואַשן זיך, איז געשטאַנען גרייט און האָט געוואַרט אויף אים. ער האָט ווידער גענומען אַרומגיין איבערן צימער און האָט געוואָלט אָננעמען אַ לעצטן באַשלוס, וואָס די געדאַנקען וועגן דעם האָבן אים שוין פון לאַנג פאַרפאַלגט. נאָר אַצינד נאָכן טריף מאַכן חיימס בהמה האָט דאָס ביז אַהעריקע וואַקלען זיך פון מאַטילעוועער רב צווישן יאָ און ניין מיט איין מאָל אויפגעהערט. חיים האָט איבערגעצויגן דאָס צינגל פון דער וואָגשאָל, אויף אַ באַשטימטע זייט. ער האָט אַריינגערופן די רביצין און איר מוסר מודעה געווען:

„מאַטילעוועער רביצין, איך זאָג זיך אָפּ פון רבנות. איך האָב טריף געמאַכט חיימס בהמה״. —

„איז וואָס זשע — האָט די רביצין מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט, האָט עס פאַר אַ שייכות איינס מיטן אַנדערן. האָסטו זיך חלילה טועה געווען, האָסטו נישט ריכטיק געפּסקנט?

— „ניין! — האָט ר׳ יעקב יוסף געענטפערט. די בהמה איז על פי דין טריף. נאָר איך וויל נישט מער זיין קיין טריף־מאַכער, פאַרשטייסטו? איך קען חיימס צער נישט אָנקוקן. איך קען אויך מער נישט בודק זיין די חלפים. איך וויל אויף זייער פּאַלירטן שאַרף מער נישט קוקן. די תורה הקדושה צווינגט אונדז נישט צו שעכטן בהמות און עופות און צו עסן זייער פלייש. זי איז נאָר מתיר דאָס צו טאָן, נאָכגעבנדיק אונדזער נאַטור. אָבער דער מענטש דאַרף זיך אויפהייבן העכער אפילו איבער זיין אייגענער נאַטור. ער דאַרף איר צוימען און באַהערשן, וואו נאָר עס שטייט און קאָן דאָס לעבן, און אפילו דער בלויזער צער פון אַ צווייטע בריאה. איך וועל אויף מאָרגן הייסן רופן אַן אסיפה פון קהל, וואו איך וועל איבערגעבן מיין אָנגענומענעם באַשלוס. איך וועל נאָר בעטן, איבערצולאָזן מיר דעם ביזאַהעריקן פאַרקויף פון הייוון און שבת־ליכט. און דאָס וועט אונדז קלעקן אויף אונדזער אויסקומעניש. איך וועל אָבער דינען דעם בורא אויף אַן אַנדער אופן. איך וועל אָפּגעבן אַ שיעור פאַר די משניות־לערנער און די עלטערע בחורים, „שלא על מנת לקבל פרס״.

**
*

די אסיפה איז געווען אַ שווערע. עס האָט זיך אויף איר גע־פילט אַ געדריקטע שטימונג. די בעלי־בתים זענען געקומען צו לויפן אָננעמען זיך פאַר זייער רב. — זיי האָבן לכתחילה נישט געוואָלט גלייבן, אַז דער אַלטער מאָטילעווער רב זייערער זאָל גאָר פּלוצים זיך אַליין אָפּזאָגן. און די בעלי־מלאכות האָבן געשריגן:

„מען דאַרף העכערן דעם רב די שכירות. סיי ווי סיי, האָבן זיי געטענהט, צעטיילט ער אַ טייל אויף צדקה". —

ערשט ווען ר' יעקב יוסף האָט דערקלערט, אַז ער האָט ח"ו נישט קיין שום טענה נישט צו דער שטאָט, נישט צו די דאַזאָרעס, נאָר ער זאָגט זיך אַליין אָפּ פון גוטן ווילן, האָבן זיי זיך אַלע מיט אַ שווער געמיט באַרואיקט. דערפאַר האָט זיין בקשה וועגן איבער־לאָזן אים דעם פריערדיקן פאַרקויף פון הייזון און שבת־ליכט, און דאָס נאָר פאַר יידן, איינשטימיק געוואָרן אָנגענומען.

אויף צומאָרגנס האָט שוין ר' יעקב יוסף געזאָגט דעם שיעור פאַר די משניות־יידן, ווי אַ פּשוטער למדן. ער האָט זיך געפילט נאָכן אויסטאָן די רבנות־קרוין ווי נײַ געבוירן.

נאָר די געוועזענע מאָטילעווער רביצין האָט נישט פאַרשטאַ־נען דעם שכל פון דער זאַך. זי האָט נישט געקאָנט באַנעמען ר' יעקב יוספס מאָדנעם שריט...

חיים קאָוואַל

פון וואַנעט ער האָט זיך גענומען, האָט קיינער גענוי נישט געוואוסט. נאָר געזאָגט האָט מען, — אַז ער שטאַמט פון אַ יידישן אַרענדאַטאָר, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ הויף אין איינעם פון פירשט ראַדזיווילס „פּאָסעסיעס”. און איין מאָל, ווען חיים איז געווען אַליין אין זיין פּאָטערס הויף, איז פּלוצים אָנגעפאָרן אין אַ קאַרעטע מיט פיר פערד „נאַ־שפּיץ” ראַדזיווילס טאָכטער מיט צוויי באַגלייטער, און האָבן אים מיט געוואַלד געוואָלט מיטנעמען מיט זיך. דער יונגער חיים האָט אָבער מיט איין קלאַפּ אומגעוואָרפן ביידע אירע באַגלייטער, און איז אַנטלאָפן פון זיין פּאָטערס הויף. פון דעמאָלט אָן האָט ער גענומען וואַנדערן איבער דער מדינה, ביז ער האָט זיך דערשלעפּט אַהער...

***

ווען חיים קאָוואַל איז דאָ באַקאַנט געוואָרן, האָט ער שוין געהאַט זיין הילצערנע קוזשניע אינעם שמאָלן געסל ביים גרויסן טראַקט, וואָס צעגייט זיך אין אַלע זייטיקע־וועגן אויסער דער שטאָט. ווען ער איז אָנגעקומען, איז ער געווען אין די פולע בליענדיקע יאָרן. ער איז געווען אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער שיינער מאַן, מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל, וואָס האָט אַרומגענומען זיין קיילעכדיק־פּאַרשניצטע גאָמבע ווי מיט אַ קליין פּליושן פּעלכל. פון ביידע זייטן פון דער שייך געפּאָרעמטער נאָז האָבן אַרויסגעבלישטשעט אַ פּאָר גליענדיקע שוואַרצע קוילן, וואָס האָבן ווי שטאַרקע רעפלעקטאָרן אַדורכגעדרונגען יעדע פאַרהוילעניש. זיין גבורה איז געווען אין לשער. ס'האָט פון אים געווייעט אָן איבערמענטשלעכע קראַפט. דאָס ווילדסטע פערד איז זיך געשטאַנען רואיק, פאָלגעוודיק. ווי נאָר חיים קאָוואַל האָט אַ נעם געטאָן זיינע

פערדישע פוס אין זיין קרעפטיקער האַנט אַריין. ווי אַן אונטער־טעניקער הונט האָט זיך דאָס פערד געלאָזט אָפּשאָבן דעם קאָפּי־טע־אַנוואוקס און אַזוי אונטערטעניק זיך געלאָזט אָנשלאָגן די פּאָד־קאָוועס, וואָס חיים האָט מיט אַ באַזונדערע הנאה אויסגעקלאַפּט אויף זיין גרויסער קאָוואַדלע. שוין גאַנץ פרי פלעגט ער זיך יעדן טאָג געפינען אין דער גרויסער הילצערנער שטאַל, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ קוזשניע. ער האָט געאַרבעט אַליין אָן אַ געהילף. אַליין האָט ער געצויגן דעם בלאָזזאַק, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אַלטן איינגעקאַרבטן לעדער ווי אַ געקאַרבטע האַרמאָניקע, און אַליין פלעגט ער אויסקלאַפּן די אָנגעגליטע אייזנס אויף זיין שווע־רער קאָוואַדלע. ער איז געווען אַ פּרוש. ווי ער איז געווען אַן אַר־בעטזאַמער, אַזוי איז ער אויך געווען ערלעך. די אַרומיקע פּויערים האָבן ממש געקלעבט אין אים. אַז ס'האָט זיך אַ מאָל געטראָפן, ס'האָט ביי אַ פּויער געפּלאַצט אַ ראָד, וואָס ער, חיים, האָט גע־מאַכט, פלעגט ער נישט וועלן וויסן, וועמענס שולד דאָס איז, נאָר ער פלעגט שוין גוט־ברודעריש קלאַפּן דעם פּויער איבער דער פּליי־צע, זאָגנדיק: — „ווייך נישט, מענטשעלע, איך וועל זי דיר צורעכט מאַכן אָן געלד". און נישט איין אָרעמען יידישן אָדער קריסטלעכן פורמאַן פלעגט ער אָנשלאָגן אומזיסטע פּאָדקאָוועס פאַר זייערע לע־בעדיקע פּגרים און דערביי צוקרעכצן פון צער, ביים אָנבליק פון זייערע אויסגעדאַרטע גופים. ווי גוט ער איז געווען צו מענטשן, יידן צי קריסטן, אַזוי פלעגט ער אויך קאָנען בייז ווערן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אָננעמען זיך פאַר יידן צו שיצן זיי פון גוישקע הענט, ס'רוב יונגע שקצים, וואָס פלעגן פּרוּוון אָנפאַלן אויף זיי. באַזונדער פלעגט ער שוין אַכטונג געבן אין די טעג פון פּריזיוו, ווען די „נאָוואָבראַנצעס" פלעגן פאַר גרויס שמחה, וואָס זיי גייען אין די זעלנער, פּרוּוון אַ הוליע טאָן איבער די יידן. אין אַזעלכע טעג פלעגט שוין חיים נישט אַרבעטן, נאָר ווי אַ געטרייער שומר פלעגט ער זיך אַרומדרייען אַרום די יידישע געסלעך, וואָס האָבן ווי מיט אַ רייף אַרומגענומען דאָס הויז, וואו עס איז פאָרגע־קומען די „וואָיענע" קאָמיסיע. און אַז די גוישקע רעקרוטן האָבן נישט געהערט זיין פריערדיקע וואָרענונג, נאָר האָבן זיך מיט אַ ווילדן איספּעט אַ לאָז געטאָן אויף די פאַרזאַמלטע יידן, האָט חיים אַרויסגעריסן אַ ברעט פון אַ נאָענטן פּאַרקאַן און מיט איר געשאַט־

קעווען אויף רעכטס און אויף לינקס, ביז די שיכורע „נאָוואָבראַנ־צעס" פלעגן זיך פון די קלעפּ אויסניכטערן און זיך ווי די מייז אין די לעכער, צעלויפן אין אַלע זייטן. אַז דער „גאָראָדאָוואָי" וואַסיל, אַ הויכער קאָזאַק מיט אַ נאָכלויפנדיקן ווייסן באָרד, ווי אַ הונט, האָט אַנלויפנדיק מיט זיין בלאַנקער שווערד, דערזען, ווי חיים קאָוואַל פּאָכעט מיט דער ברעט ווי מיט אַ פּורנאַלסקער בייטש, האָט ער גוטמוטיק מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן צו חיימען: „חייאימקאָ כוואַטיט (גענוג)!" און איז צוריק אַוועק אויף זיין פּאָסטן.

ביי יעדער יידישער צרה, וואָס פלעגט זיך טרעפן אין שטאָט, איז שוין חיים קאָוואַל אויסגעוואַקסן און געהאָלפן מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט. ער איז נישט געווען קיין פייערלעשער. ער איז קיין מאָל נישט געווען פאַרשריבן אין דער „פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע", נאָר אַז ס'האָט זיך געמאַכט אַ שריפה, האָט שוין חיים געטאַש־טשעט אויף זיינע געזונטע פּלייצעס די יידישע זאַכן און אַוועקגע־טראָגן זיי אויף אַ געזיכערט אָרט. און פאַר חיימען האָט קיינער נישט מורא געהאַט, טאָמער וועט עפּעס פאַרלוירן גיין. נישט זייענ־דיק קיין „פּאָזשאַרניק", איז ער פון דעסט וועגן געווען פאַררעכנט ביי דער קאָמאַנדע ווי אַן אייגענער. איין מאָל איז אין שטאָט אויס־געבראָכן אַ גרויסע שריפה. דאָס פייער האָט מיט דער גיכקייט פון אַ שטורעם מיט זיינע פלאַמיקע לאַפּעס גלייך אַרומגעכאַפּט אַ ריי יידישע הייזער. מען האָט זיך אַרומגעזען, אַז אין אַ הויז איז גע־בליבן אַ קינד. דער אַרויסגאַנג און די פענצטער פון הויז זענען שוין אָבער געווען פול מיט רויך. קיינער האָט נישט געוואַגט אַריינצו־קריכן אינעווייניק, כדי אַרויסצוראַטעווען דאָס קינד. איין חיים נאָר האָט גלייך צוגעשטעלט דעם פּאָזשאַרנעם לייטער און אָנזאָגנדיק, מען זאָל שפּריצן אין דער זייט וואו ער קריכט אַריין, איז ער גלייך אַריין אין ברענענדיקן הויז. מיט שרעק און אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָבן אַלע אָפּגעוואַרט דעם סוף. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי חיים האָט זיך באַוויזן מיט אַ פערסאַדזעט וויינענדיק קינד. פון דעמאָלט אָן האָבן זיך אַלע גאָר אַנדערש גענומען באַציען צו אים. כאָטש פון זיין אָרט, ביי דער טיר פון בית מדרש, וואו ער איז געזעסן צוזאַמען מיט אַלע „געמיינע לייט", האָט ער נישט גע־וואָלט אַוועקגיין.

חיים האָט ווייטער געאַרבעט אין זיין קוזשניע. נאָר די ייִנגלעך,

וואָס פלעגן ליב האָבן צו זען, ווי אַזוי חיים קאָוואַל קלאַפּט אַליין אוים מיט איין האַנט דעם גליענדיקן אייזן, האָבן באַמערקט, ווי פון צייט צו צייט, כאַפּט ער אַ קוק אין אַ ספר. באַלד האָט זיך די ידיעה פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטאָט. יידן האָבן גענומען שושקען זיך: „עפּעס איז ער נישט קיין געוויינלעכער קאָוואַל". — די קלאַנגען זענען אויך דערגאַנגען צו די קריסטן. באַזונדער צו די דאָרפישע גלוביקע פּויערים. און וואָס אַ מאָל מער איז חיים געוואָרן באַוואָרפן מיט אַרבעט. ער האָט זיך מיט דער אַרבעט נישט געקאָנט קיין עצה געבן. און קיין געהילף האָט ער אויך נישט געוואָלט צונעמען. „ס'איז נישט גלייך", האָט ער געזאָגט. — פלעגט ער די פּויערים ווי די רוחות טרייבן פון זיך. — „וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר? האָט ער געטענהט. ווייניק קאָוואַליעס זענען פאַראַן אין שטאָט? איך האָב שוין גענוג אַרבעט, איבערגענוג. אָט, איז יאַנקל קאָוואַל אויך אַ מענטש. און ער איז דאָך ביליקער. ער איז באַוואָרפן מיט קינדערלעך". — נאָר וואָס מער ער האָט זיי געטריבן פון זיך, אַלץ מער האָבן זיי געצויגן צו אים ווי חסידים צו אַ גוטן ייד.

די יאָרן זענען געגאַנגען, חיים איז עלטער געוואָרן. זיין פעדשוואַרץ בערדל האָט אָנגעהויבן גראָ ווערן. חיים האָט אָבער זיין פריערדיקן כוח נישט אָנגעוואוירן. ווי פריער האָט ער וויטער געאַרבעט אַליין אין זיין קוזשניע. נאָר אין די שווערע ווינטערדיקע נעכט, פלעגט חיים אויסוואַקסן ערגעץ אין אַ שטאָטיש אונטערגעסל, דאָרט וואו די וואַרינונגען לאָזן זיך אַראָפּ וואָס נידעריקער אין דער ערד, און פלעגט ווי אַ גנב היטנדיק די אייגענע טריט, אונטערוואַרפן אונטער אַ קעלער־טיר, דאָ אַ רובל, דאָ אַ דרייערל.

***

אין שטאָטישן בית מדרש, וואו עס פלעגן אין די ווינטער־אָוונטן זיצן און לערנען די חברה משניות מיט די חברה עין יעקב, פלעגן זיך נאָך חצות צונויפקומען לומדים־מקובלים און פאַרשן די טיפקייטן פון דער קבלה. צווישן די לומדים איז אויך געווען דער שטאָטישער רב, ר' מאירל, דער בעל „דברי מאיר". דער גרויסער בית מדרש איז געווען טונקל און ליידיק. טונקעלע שאָטנס האָבן זיך גע־

לייגט אויף די אָפּגעלאָזענע בית מדרש־ווענט. די קבלה־אַטמאָס־פערע האָט מיט איר מיסטעריעזער שווערקייט און אמונהדיקער הייליקייט, אָנגעשטעקט די געמיטער פון די מאמינים־מיסטיקער. אַ שוואַך פלעמל פון אַ וואַקסן ליכטל, וואָס איז געווען צוגעקלעבט צו אַן אויסגעריבענעם בית־מדרש־טיש, האָט מיט אַלע כוחות זיך געריסן אין דער הויך, לעילא, לעילא, — און ראַנגלענדיק זיך מיט די שפּריטנדיקע שאָטנס, האָט דאָס פלעמל דווקא געוואָלט באַווייזן דאָס חשיבות פון ליכט איבער דער פינצטערניש. — די מקובלים האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ טיפן ענין פון דער „יצירה" און האָבן אים נישט געקאָנט באַנעמען. אויסגעטאָן אין גאַנצן פון דעם עולם „שבאתגליא" (אַנטפּלעקטע" וועלט), האָבן זיי זיך געפונען אין די העכערע ספערן פון דעם עולם „שבאתכסיא" (פאַרבאָרגענע וועלט), וואו זיי האָבן אין דער אייגענער פּאַרזונקענקייט געוואָלט פאַרנעמען דעם טיפסטן סוד פונעם זיין. — זיי זענען אָבער אין גרויסן צער און אין פּיין געבליבן שטיין, נישט קאָנענדיק אַרויס פון טעמפּן ווינקל פון זייער אייגענער מחשבה. — זיי האָבן ווייטער מיט זייערע געדאַנקען נישט געקאָנט אָנגיין... נאָר פּלוצים האָט אַן אומגעריכטער סקריפּ פון דער בית־מדרש־טיר און פעסטע טריט פון אַ מענטשן, וועמענס הויכער סילועט האָט זיך גענומען אַרויסשיילן פון דער בית מדרש־טונקלקייט, איבערגעריסן זייער פאַרטראַכטקייט. ס'איז געווען חיים קאָוואַל. פאַרוואונדערט לכתחילה פון חיימס אָנקום אין די דאָזיקע שפּעטע נאַכט־שעהן, האָבן זיי אָבער מער קיין אויפמערקזאַמקייט חיימען נישט געפּרוווט שענקען. חיים איז צו צו דער ספרים־וואַנט, האָט אַרויסגענומען אַ ספר און האָט געפּרוווט ביים שיין פון איינציקן ליכטל, אין אים מעיין זיין. ווען די מקובלים האָבן צוריק באַנייט זייער סוגיה, פּרוּוונדיק פאָרט צו געפינען אַ באַשייד איבער איר, האָט זיך דאַן חיים גוט צוגעהערט צו זייערע רייד. ער האָט זיך שטיל אויפגעהויבן פון זיין אָרט און איז צוגעגאַנגען צום „דברי מאיר", זאָגנדיק מיט אַ נישט דרייסטן קול: — „מרא דאתרא, לפי עניות דעתי", זייט איר זיך טועה. נישט אַזוי איז דער מיין. און ער האָט זיי מיט אַ באַזונדערע חריפות און קלאָרקייט אויפגעקלערט דעם גאַנצן ענין. אַ קלאָרקייט איז אויפגעגאַנגען אין די מוחות פון די לומדים ווי אַ פרימאָרגן ליכטיקייט. יעדער סימן פון טונקלקייט

איז אַצינד געווען פאַרשוואונדן. ר׳ מאיר׳ל האָט זיך מיט יראת הכבוד אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און דאָס ערשטע מאָל האָט ער אַרויסגעבראַכט פון זיין מויל דאָס וואָרט רבי חיים. — „רבי חיים, האָט ער אָנגעהויבן, נישט איך, נאָר איר דאַרפט זיין דער מרא דאתרא. מיר זענען גרייט צו זיין אייערע תלמידים. לערנט מיט אונז, רבי חיים! מיר גליסטן צו הערן פון אייער מויל תורה״. — „ניין, „דברי מאיר״ האָט חיים אַרויסגעשטאַמלט. איך בין נישט געקומען איבערנעמען אייער רבנות. איך בין נישט ראוי דערצו. איך בלייב ווייטער חיים קאָוואַל. מצוות און חריפות אַליין גענוגן נישט. עס איז נאָר אַ מדרגה צו דערקאָנען און באַנעמען. ווי דאָס פייער פון מיין קוזשניע איז נאָר אַ מיטל ווייך צו מאַכן דאָס אייזן און מיין האַמער, אויסצושלאָגן די פאָרמען, וואָס איך וויל אויספאָרעמען. מיטן דערקאָנען און באַנעמען דאַרפן מיר ערשט אַריינדרינגען אינעם לעבן. דער עיקר איז: דער אויסגעשמידטער טאַט אויף דער קאָוואַדלע פונעם לעבן. די דערהויבענע מחשבה, דאָס הייליקע וואָרט דאַרף נידערן פון זיינע הויכן אויף די ערדישע פלאַכן. — „לא בשמים היא״, די תורה איז נישט באַשטימט פאַרן הימל. פאַרן מענטשן איז זי געגעבן געוואָרן. דער מענטשן־זון דאַרף די פרוכט פון זיין דערהויבנקייט אויף דער ערד פאַרזייען. די בני־אדם (מענטשן־קינדער), ווי אויך אַלע איבריקע באַשעפענישן זאָלן פון די דאָזיקע אויפגייענדיקע קערנער געניסן. אַלץ דאַרף זיך אין לבוש פון מעשים אָנקליידן. דער הימל, — דאַרף דורך דער ערד אַליין אויסגעפּרואווט ווערן...״

דערשטוינט זענען זיי געוואָרן פון זיינע רייד. ס׳איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז דער דאָזיקער קאָוואַל איז נישט נאָר אַ גאון, נאָר אויך אַ באַהאַלטענער בעל־מידות, אַ הייליקער. זיי האָבן ערשט אָנגעהויבן באַנעמען זיין דרך און אויפפירונג. די ידיעה פון דער דאָזיקער נאַכט־געשעעניש, איז זיך גיך צעגאַנגען איבערן שטאָט און סביבה. און מען האָט אים שוין אָנגעהויבן רופן רבי חיים. דער רב און די שטאָט האָבן זיך באַמיט, אַז חיים זאָל אַוועקוואַרפן די קוזשניע. מען האָט אים געוואָלט געבן אַ בכבודיקערע פרנסה. חיים האָט אָבער נישט באַשטאַנען. און ער איז ווייטער געבליבן ביי זיין אַרבעט.

***

נישט ווייט פון שטאָט האָט געוואוינט אַ פויער מאַטשעי יור־קעוויטש. מאַטשעי איז געווען אַ קליין דראָבנע פויערל מיט אַ גע־שטופּלטן פּנים אַן איבערבלייבעכץ פון אַ פּאָקן־קראַנקייט, און מיט אַ פּאָר רויטע אָנגעלאָפענע אויגן. זיין קליינע ווירטשאַפט וואָס ער האָט געהאַט נישט ווייט פון שטאָט, האָט אים נישט געקאָנט געבן גענוג אויף חיונה. פלעגט ער צו פאַרדינען פירן קלעצער אין שטאָטישן טאַרטאַק. האָט זיך מאַטשעי איינגעלעבט מיט יידן און פלעגט זיין אַן אָפטער גאַסט ביי חיים קאָוואַל, פון וועמען ער האָט ווי אַלע איבריקע פויערים שטאַרק געהאַלטן. אָבער נאָך מער ווי ער האָט חיימען פאַרערט, האָט ער ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. אַלץ האָט מען ביי מאַטשעיען געקאָנט פועלן, נאָר נישט אָפּזאָגן זיך פון פלעשל. אַז מאַטשעים „ברויט־געבערין", די אַלטע שקאַפּע האָט אויסגעצויגן די פיס, זי איז אין אַ גליטשיקן ווינטערטאָג גע־פאַלן אונטער דעם אייגענעם קלעצערבאַרג, וואָס האָט איר צוגע־דריקט צום טויט, האָט מען מאַטשעיען אַרויסגעהאָלפן. מען האָט אים צונויפגעשאַפט אַ פופציקער רובל אויף אַ נייעם פערד. די מאַ־טשעיאָווע האָט גענומען דעם פופציקער מיט אַן איבריקן קערבל, און האָט אים צוליב פאָרזיכטיקייט פאַרשטעקט אין מאַטשעיעס שטיוול־כאָלעווע. און מאַטשעי איז געגאַנגען אין שטאָט אַריין צו חנא פערדהענדלער איינקויפן אַ נייעם פערד. נאָר דערווייל, איי־דער מאַטשעי איז געגאַנגען צו חנאן באַקוקן דאָס פערד, איז ער אויף קוראַזש אַריין צו שלמקה שענקער, מאַכן אַ כוסה. ער האָט אויסגעטרונקען איין גלעזל נאָכן אַנדערן, און ס'איז אים געוואָרן וואַרעם און פריילעך. אין פויערישן קאָפּ האָט זיך אים גענומען באָמ־בלען, ווי וואַסער־קייקעלעך אין אַן אויפקאָכעדיקן וואַסער. — ער האָט ביים אַוועקגיין וועלנדיק אַרויסשלעפּן פון דער כאָלעווע דאָס קערבל צו באַצאָלן, מיטגעשלעפּט דעם פופציקער און זיי ביידע האָפּערדיק אַ וואָרף געטאָן אויפן שענקערס טיש. שלמקה האָט אויף גיך אַריינגעלייגט אין שופלאָד ביידע פּאַפּירלעך, און האָט פון קערבל געגעבן אַ רעשט. אין אַ גוטער שטימונג מיט אונטערטאַנצנ־דיקע פיס איז מאַטשעי באַלד אַוועק צו חנאן קויפן דאָס פערד. דער גראָבער חנא האָט אים געוויזן איין פערד נאָכן אַנדערן און האַלטנדיק דאָס פערד ביים צוים, האָט חנא אַ שווער־סאַפּנדיקער, נאָכלויפנדיק דעם גאַלאָפּירנדיקן פערד, אים געוואָלט באַווייזן דעם

פערדס פלינקייט. ענדלעך האָט מאַטשעי אויסגעקליבן דעם געוואונטשענעם פערד. ער האָט אַריינקלאַפנדיק זיין דאַרע, אָבער קרעפקע פויערישע האַנט אין חנאס פליישיקער האַנט אַריין, מושווה געוואָרן מיטן פרייז. נאָר אַז מאַטשעי האָט אַריינגעשטעקט זיין האַנט אין דער כאָלעווע, אַרויסצוציען דעם פופציקער, האָט ער אים נישט געקאָנט געפינען. ער האָט אין צעטומלעניש און אין אַנגסטן ווייטער געזוכט, ביז ער האָט אין גאַנצן אויסגעטאָן דעם שטיוול — דער פופציקער איז אָבער נישט געווען. דער צער פון נישט־געפינען, האָט אים נאָך מער צעמישט און צעטומלט. און ער האָט שוין גאָר נישט געקאָנט געדענקען וואָס ס'איז מיט אים פריער געשען.

אויף צומאָרגנס איז מאַטשעיען ווי אַ ליכט אויפגעגאַנגען דער באַוואוסטזיין פון דער נעכטיקער געשעעניש. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין קיין אַנדער אָרט איז ער נישט געווען פאַרן באַקויפן דאָס פערד, ווי נאָר ביי שלמקה שענקער. שלמקה האָט אָבער געלייקנט „שטיין און ביין". — און קיין עדות זענען נישט געווען. די קריגערייען צווישן פויער און שלמקהן האָבן אָנגענומען דראָענדיקע פאָרמען. אַלע האָבן געהאַלטן מיט מאַטשעיען, ווייל שלמקה האָט נישט געהאַט קיין גוטן נאָמען. — מאַטשעי איז אַוועק צו חיימען, פאַר וועמען ער האָט אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ. ער האָט שווערנדיק זיך ביי אַלע הייליקע, אַז וואָס ער זאָגט איז ריכטיק, געפאָדערט גערעכטיקייט און געבעטן אַז חיים זאָל זיך אַריינמישן. חיים האָט די זאַך גענומען ערנסט. ער איז אַוועק צו דער מאַטשעיאָווע איר אויספרעגן וועגן אַלץ. די מאַטשעיאָווע האָט אַלץ באַשטעטיקט, וואָס איר מאַן האָט געזאָגט. מאַטשעי איז באַשטאַנען אויף אַ יידישע דין־תורה, נאָר ביי חיימען. אין אים גלויבט ער. חיים האָט אָבער צוליבן כבוד פון רב, נישט געוואָלט אָננעמען די דין־תורה. די דין־תורה ביים רב איז געווען אַ שווערע. קיין צוטרוי צו שלמקהן האָט מען נישט געקאָנט האָבן. ער איז געווען באַקאַנט מיט זיינע טונקעלע געשעפטן. מען האָט אים קיין שבועה נישט געקאָנט געבן. אָבער צופסקענען מאַטשעיען האָט מען אויך נישט געקאָנט. עס האָט געפעלט קאָנקרעטע באַווייזן. חיים אָבער איז געווען איבערצייגט אין מאַטשעיס אמת. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם פויערס צער. און נאָך מער האָט אים ווי געטאָן דער צער פון חילול־השם. און ער האָט גענומען די זאַך אין זיין

אייגענער האַנט אַריין. ער האָט אין די אָוונטן אָנגעהויבן גיין צו שלמקהן. ער האָט אים אויג אויף אויג באַוויזן די גרויסע אומרעכט, וואָס עס געשעעט מאַטשעיען אַן אָרעמען פויער, און די שרעקלעכע זינד פון „חילול־השם", וואָס ווערט דערמיט באַגאַנגען, דווקא דער־פאַר וואָס מאַטשעי איז אַ קריסט. ער נעמט אויף זיך, האָט ער אין אים אַריינגעטענהט, נישט נאָר דעם פיין פון אַן אָרעמער פויערי־שע פאַמיליע, נאָר אויך זיין, חיימס, פיין. — און די פאָלגן פון אַזאַ טאָט זענען שווערע. חיים האָט אים אַדורכנעמענדיק מיט זיינע דורכדרינגלעכע אויגן, אים אונטערגערוקט דעם געדאַנק: אַז אפשר האָט שלמקה דאָס נישט געטאָן במזיד. עס קאָן זיין, אַז ער האָט נישט ווילנדיק, נישט ווייסנדיק פאַר זיך אַליין, בשוגג, צוזאַמען מיטן רובל, אויך דעם פּופּציקער צו זיך אין שופלאָד אַריינגעוואָרפן. ער גיט אים אַ טאָג צייט ער זאָל איבערציילן זיין געלד. און אויב אפילו ער האָט עס געטאָן במזיד, קאָן ער אויך חרטה האָבן און אומקערן דאָס געלד.

שלמקה האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן חיימס דורכדרינ־גענדיקן בליק. עס האָט אים אויסגעזען, ווי חיים לייענט פון אים אַרויס אַלע זיינע געדאַנקען. ווי ער, חיים, וואָלט בייזיין מיט מאַ־טשעיען, ווען ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם פּופּציקער אויף שלמקהס טו־באַנק. אַ פאַרמאַטערטער נאָך חיימס אַוועקגיין, האָט ער זיך געזען אויף מאַטשעיס שטיקל פעלד. מאַטשעי צוזאַמען מיטן ווייב און קינדער זענען איינגעשפּאַנט אין אַקער און שלעפּן אים. נאָר ווי נאָר שלמקה איז אָנגעקומען, האָבן זיי אים אַליין איינגעשפּאַנט אין אַקער. ער פּרואווט שלעפּן דעם אַקער און דער אַקער רירט זיך נישט פון אָרט. ער באַגיסט זיך מיט שווייס און פאַלט. איבער אים שטייען פויערים. זיי פאַכן מיט אַ בייטש ווי צו אַ פערד און שרייען: — „שלעפּ, שלעפּ, שלמקה גנב! וועסט פילן דעם טעם פון אַ פויער אָן אַ פערד. זיי הייבן אים אויף און ווילן אים שלאָגן. נאָר דאָ קומט פּלוצים אָן חיים און זאָגט צו זיי: — „וואָס טוט איר, מענטשן. דערבאַרעמט אייך, הערט אויף!" און מאָדנע, ווי נאָר זיי האָבן דערזען חיימען, האָבן זיי גלייך אים אויסגעשפּאַנט זאָגנדיק מיט גרויס דרך ארץ: „חיימקאַ, נעם די זאַך צו דיר אין האַנט אַריין. מיר פאַרלאָזן זיך אויף דיר".

ווען שלמקה האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געווען אין גאַנצן

צוזאַמענגעבראָכן. ער האָט שוין מער די זינדיקע לאַסט אין זיך נישט געקאָנט טראָגן. און ער האָט אַצינד אַליין געוואָלט זיך וואָס גיכער באַפרייען פון דריקנדיקן שולד־געפיל. ער האָט געבעטן אַרויס־רופן מאַטשעיען. ווען מאַטשעי איז געקומען, האָט שלמקה שוין אָנ־געהויבן אין אַ פריינדלעכן טאָן: — „איך געדענק נישט, מאַטשעי, איך זאָל האָבן צוגענומען דיינע פופציק רובל. נאָר אַז דו געדענקסט אויף זיכער, אַז דו האָסט אַ וואָרף געטאָן אויף מיין טיר־באַנק אויך דעם פופציקער, גיב איך דיר אים אָפּ".

און ער האָט אים באַלד געגעבן פופציק רובל.

מאַטשעי האָט אויפגעלעבט. ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן פון שמחה. ער האָט פון גרויס צעטומלעניש געכאַפּט חיימס האַנט און געוואָלט איר קושן. חיים האָט איר צוריקגעכאַפּט, זאָגנ־דיק: — „עס קומט נישט קיין דאַנק פאַר גערעכטיקייט, מאַטשעי. אַלע מענטשן זענען געבוירן אין ג־טס געשטאַלט. און דער אמת, איז איינער פאַר אַלע..."

**
*

דער „דברי מאיר" איז שוין געווען אַ זקן. ס'איז געקומען זיין צייט און ער איז נסתלק געוואָרן. פאַר דער פּטירה האָט ער אָנגע־זאָגט, מען זאָל רבי חיימען אויפנעמען פאַר זיין ממלא מקום. ער איז אַ גדול בישראל, אַ באַהאַלטענער צדיק, האָט ר' מאירל מגלה געווען. חיים האָט אָבער, ווי דעמאָלט, נישט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות. — „נישט פאַר מיר איז אַ רבנות־קרוין", האָט ער גע־זאָגט. יעדער מענטש קאָן זיך האָבן זיין אייגענעם דרך אין לעבן און זיין אייגענעם אופן ווי אַזוי צו ווערן געשפּייזט, אויב נאָר עס איז נישט אין סתירה צום אמת און צדק, צו אהבת ישראל און הבריות".

ווען אָבער נאָך ר' מאירלס פּטירה האָט זיך אויף דער אסיפה צעפלאַקערט אַ מחלוקת צווישן די צדדים וועגן איבערנעמען דאָס רבנות, האָט זיך פון ערגעץ אַ ווינקל באַוויזן חיים. אַלע האָבן אין שטילקייט און אין ערפורכט געווענדעט זייערע אויגן צו חיימען. זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז שוין מרוצה אַליין צו ווערן רב. חיים האָט זיך אַרומגעקוקט. עס איז געווען קאַנטיק, אַז ער זוכט עמעצן.

ער האָט אויפגעהויבן זיינע שוין גראָ געוואָרענע ברעמען און האָט די אויגן זיינע אָנגעשטעלט אויף אַ ווייניק באַקאַנטן מיטל־יעריקן ייד. ער איז מיט געלאַסענע טריט צו אים צוגעגאַנגען און אָננע־מענדיק אים ביי דער האַנט האָט ער אַ זאָג געטאָן: — „מזל־טוב, רב! מזל־טוב, מרא דאתרא״:

אַ רגע איז דער עולם געבליבן געפּלעפט. באַלד אָבער האָבן זיך אַלע ווי אויפגעכאַפּט פון אַ דרימל און האָבן אין איין קול אויסגע־שריגן: מזל־טוב, מזל־טוב. ס'איז געווען ר' ברוך קיידענאָווער.

*****

ר' חיים איז נפטר געוואָרן אין טיפן עלטער. די שטאָט האָט אַזאַ גרויסע לוויה ביז אים נישט געזען. די גאַנצע שטאָט און סבי־בה, יידן און קריסטן, האָבן נאָך אים לאַנג געטרויערט. קיין קינ־דער און קיין פאַרמעגן איז נאָך אים נישט געבליבן. זיין ביסל געלד האָט ער נאָך פריער פאַרטיילט פאַר אָרעמע. נאָר חיימס קוזשניע איז נאָך אים געבליבן אַ פאַריתומטע...

דאָס קידושין־רינגל

ווען מענדל זיידמאַן איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד, איז געוועזן זיין ערשטע ברענענדיקע גליסטונג, וואָס האָט אים אין גאַנצן באַהערשט, צו באַזוכן זיינע היימשטעט. און שטעט האָט ער געהאַט צוויי. ער האָט געהאַט זיין געבוירן־שטאָט, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע קינדער־ און יוגנטיאָרן, און האָט אויך געהאַט זיין שטאָט, וואו ער האָט געלאָזן זיינע נאָענטסטע. אין אָט די ביידע שטעט האָט ער געהאַט זיין גרויסן אומגליק. אין דעם גרויסן בראָך, וואָס ס'האָט געטראָפן זיין פאָלק, איז ער אויך געוועזן נישקשה באַטייליקט. ער איז געבליבן אַליין פון אַ גרויסער בריים פאַרצוויגטער משפחה, וועמענס צווייגן האָבן זיך ווי פון אַ ריזיקן בוים צעצוויגט איבער גאַנץ פוילן און ליטע. אַ חסידישע פאַמיליע ווי זיינע איז געוועזן, האָט זי נישט פאַרלאָזט איר נעסט, ביי קיין שום אומשטענדן. און ווען די דייטשע האָרדעס האָבן אין זייער מאַרש אויף מזרח אויך זיינע שטעט פאַרכאַפּט, האָבן זיי צוזאַמען מיט די איבריקע יידן אויך זיינע נאָענטסטע אויסגעקוילעט. כאָטש דער דאָזיקער שרעקלעכער גרוס איז נאָך צו אים דערגאַנגען אין רוסלאַנד, האָט ער אים לכתחילה נישט באַנומען אין זיין גאַנצער שווידערלעכקייט. ער האָט געוואַרט אויפן מאָמענט צו קענען זיך אין דעם אַליין איבערצייגן. ער האָט אויך געוואָלט, קומענדיק קיין פוילן, זיין אומגליק, נאָך אַ מאָל איבערלעבן; טרינקען פון די ביטערע וואַסערן פון אייגענעם קוואַל. — ער האָט געהאַט דאָס באַדערפעניש ווי מכפר צו זיין אויף זיין אייגענעם „שולד־געפיל", דורכן נאָך אַ מאָל איבערלעבן די אייגענע ליידן. דורכן אומענדלעכן צער פון טרעטן אויפן אָרט פון אייגענעם אומגליק, האָט ער ווי געוואָלט אָפּווישן דעם כלומרשטן פלעק פון זיין אייגענעם געוויסן; כאָטש ער איז פון זיין היים נישט אַנטלאָפן, כדי זיך אַליין צו ראַטעווען, נישט מיטן אייגענעם ווילן איז ער אַוועק אין יענע

פרעמדע ווייטקייטן, וואו ער האָט אין צער פון נאָגעניש און בענ־
קעניש נאָך דער היים פאַרבראַכט זיינע בעסטע יאָרן. פאַרקערט,
ער וואָלט געקאָנט זאָגן: אַז זי, זיין פרוי אַליין, איז געווען נישט־
ווילנדיק שולדיק אין איר אייגענעם און אין זייער קינדערס טויט,
ווייל ער האָט איר געוואָרנט און געבעטן, זי זאָל מיט די קינדער
קומען צו אים אין לאַגער אַריין. וואָרעם עפּעס אַן אומבאַשטימט
געפיל האָט אים נאָך באַלד אין אָנהייב פאָרויסגעזאָגט דעם אָנקו־
מענדיקן אומגליק. פון דעם מאָמענט, ווען די שווערע טירן פון זיין
טורמע־קאַמער האָבן זיך אונטער אים פאַרמאַכט, האָט ער קלאָר
געזען דעם פאַרניכטנדיקן שטורעם, וואָס רוקט זיך אָן אויף זיין
הויז. ער ווייסט נישט, ווי אַזוי און פון וואַנעט דאָס דאָזיקע געפיל
האָט זיך צו אים גענומען. אָבער ער האָט מיט אַ זוניקער קלאָר־
קייט פאַרויסגעפילט די אייזערנע מחיצה, וואָס וועט זיך ווי אַ ביי־
זער שטן שטעלן צווישן אים און זיי. און ער האָט דעריבער גע־
וואָלט די דאָזיקע מחיצה אַוועקנעמען. פון דעסט וועגן האָט ער
זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון באַוואוסטזיין, אַז ס׳האָט דאָך אויך
געקאָנט זיין אַנדערש. ער אַליין האָט דאָך אויך געקאָנט זיין אויף
זייער אָרט. שוין דאָס אַליין, וואָס ער האָט געהאַט דורכן פאַל פון
אַרויסגעשיקט צו ווערן, דעם „גליק" פון געראַטעוועט צו ווערן;
פון נישט צו זיין מיט זיי צוזאַמען, דריקט אויף זיין געמיט און
פרעסט ווי מיט הונדערטער פרעסן זיין האַרץ. און נאָך מער האָט
אין אים גענאָגט אַן אַנדערע אינווייניקסטע באַדערפעניש און גע־
פיל: דאָס איז געווען די באַדערפעניש צו געפינען עפּעס אַ זכר
פון זייער הייליקן אָנדענק און אויפצונעמען ידיעות פון זייער אומ־
קום. ער האָט געברענט פון אומגעשטילטער גליסטונג צו הערן ע־
פּעס פון זייער לעצטן גאַנג. ער האָט געוואָלט וויסן פון די איבער־
לעבונגען פון זייערע לעצטע מינוטן. דורכן דאָזיקן וויסן האָט ער
ווי געוואָלט אַריינדרינגען אינעם תהום פון זייער פּיין און צער. ער
האָט דאָס באַגערט, כדי צו פילן זיך ווי ער וואָלט אַליין מיט זיי
זיך באַהאַפטן אין זייערע לעצטע פּיינפולע מינוטן. דער זכר פון
זייער אָנדענק האָט אים געדאַרפט פאַרהיטן פון פאַרגעסן אין זיי.
פון אַרויסגעשטויסן צו ווערן פון זיין שווער באַלאָדענעם זכרון־קאַ־
מער. — ער האָט געוואָלט מיט זיי כאָטש אין זכרון אויף אייביק
זיין פאַרבונדן: „אייננבינדן זיי אינעם בינטל פון זיין לעבן". די דאַ־

זיקע טיפע באַדערפעניש האָט צעפּיבערט זיין גאַנצע נשמה און מהות און האָט אים געטריבן וואָס גיכער צו באַזוכן זיינע היימשטעט.

**
*

מענדלען האָט מען אין די רייפע בחורישע יאָרן גערופן מענדל דער פילאָזאָף. גערופן האָט מען אים אַזוי דערפאַר, ווייל ער האָט אַרויסגעוויזן נישט געוויינלעכע פעאיקייטן. שוין אַלס ייִנגל האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַן עילוי. צו זיין בר־מצווה זענען געקומען אַלע שטאָטישע לומדים מיטן אַלטן רב, דעם גאון און בעל־מקובל, צו הערן זיין וואונדערלעכע דרשה. דער יונגער מענדל האָט שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַ שאַרפקייט פון אויפנעם און טיפן אַריינדרינג. ער האָט פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט פון טיפן אַנאַליז: צו אַנאַליזירן יעדן געדאַנק, אים „צענעמען" ווי דאָס ווערק פון איידלסטן מעכאַניזם אויף זיינע טיילן, און דערגרונטעווען זיך צו זיין לאָגישסטן שורש. ווען ער האָט עפּעס באַלויכטן אָדער אויפגעקלערט, האָט מען די קלאָרקייט פון זיין געדאַנק געקאָנט אָנטאַפּן מיט דער האַנט.

אַז ער איז אין די רייפערע יאָרן אַוועק פון שטיבל; ער איז נכשל געוואָרן און האָט גענומען שלינגען ביכער, האָט ער מער נישט געדאַרפט, ווי זיינע אַלטע כלי־זין איבערצושמידן, כדי מיט זיי אַריינדרינגען און אויפצונעמען די נייע בילדונגס־פאָרמען און געדאַנקען, וואָס ער האָט אַצינד אויפגענומען. און ווי ער האָט זיך נישט מאָדערניזירט, ווי וויים ער זאָל נישט האָבן אַוועקגעגאַנגען פון די אַלטע פאָרמען, האָט ער מיטן געדאַנק אינעם אַלטן געשטעקט, זיך נישט געקאָנט פון אים אָפּרייסן. — דאָס איז געווען צוליב זיין פאַרעקשנטן גלויבן אינעם אייגענעם אמת, און זיין פלאַמיקע ליבע און צוגעבונדנקייט, וואָס ער געפילט צו זיין פאָלק.

**
*

ער האָט געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער חסידישער פאַמיליע און איז געווען אַ ביסל העכער פון מיטל־וואוקס. ער האָט געהאַט אַ בלאַסלעך פנים, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן גרויסן ווינקל־

דיקן שטערן. דער גרויסער שטערן, האָט ווי אַן אַרויסהייבנדיקער באַרג אַלץ פֿאַרשטעלט אַרום זיך. ווען נישט די פֿיין־געשניצטע נאָז מיט די צוויי שוואַרצע „איידל־שטיינער", וואָס האָבן אַרויסגע־קוקט פֿון אונטער דעם שטערן־באַרג, שימערירנדיק מיט זייער שוואַרצן פֿלאַם, וואָלט מען דאָס איבריקע פּנים מיט די לענגלעך אויסגעצויגענע באַקן, וואָס האָבן זיך ווי אַ קויל פֿאַררונדיקט און פֿאַרענדיקט מיטן שמאָלן גאָמבע־ביין, נישט אַרויסגעזען. די באַוועגלעכע „שטיינער" פֿון אונטער זיינע שאַרפֿע שטערן־ביינער, וואָס האָבן צייטנווייז אין גליאיקן עקסטאַז געקאָנט אויפֿפֿלאַקערן, — און צייטנווייז האָבן זיי זיך אָנגענומען מיט טרויער און מיט אַן סופֿיקן צער, אַרויסגעבנדיק פֿון זיך אַ פֿייכטן טוי, האָבן עדות געזאָגט אויף אַ פֿאַרשיי־נאַרטיקן כאַראַקטער און האָבן אויך וואָר־שיינלעך געמאַכט זיין צונאָמען. — ער האָט טראָץ די פֿאַרמעג־לעכקייט פֿון זיינע עלטערן, נישט געהאַט קיין גרינג לעבן. דאָס לעבן איז געווען זייער האַרט צו אים. שוין פֿון קינדווייז אָן האָט ער אַדורכגעמאַכט אַלע קראַנקייטן וואָס נאָר אַ בן־אדם קאָן אַדורכ־מאַכן. ווי די נאַטור וואָלט וועלן אויספּרואוון זיין אויסהאַל־טונגס־כּוח. אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן די פֿאָלגן פֿון די אַמאָליקע צרות אים גענאָגט די ביינער. מיטן פֿאַרשאָלטענעם דייטש האָט ער נאָך געהאַט צו טאָן פֿון זיין פֿריסטער יוגנט. נאָך באַלד אין די ערשטע טעג פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער שוין געפֿילט דעם דייטש אויף זיך. שוין דעמאָלט האָט ער זיך איינגע־שניטן אין זיין נאָך יונגן זכרון, ווי מיט אַ טיפֿן שניט פֿון אַ שאַרפֿן מעסער. זיי האָבן באַלד ביי זייער אַריינקום אין שטאָט זיין פֿאָטער ברוטאַל אַרויסגעטריבן פֿון זיינע סקלאַדעס און צוגערויבט ביי אים זיין גאַנץ פֿאַרמעגן. אָנשטאָט דעם, האָבן זיי אים געגעבן ווערט־לאָזע „שיינעך". זיין יונגער פֿאָטער איז צוליב דעם קראַנק געוואָרן און אָפּליגנדיק זעקס וואָכן אין בעט, איז ער יונגערהייט אַוועק פֿון דער וועלט. פֿון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרג־אַראָפּ פֿון זיין משפּחה. — ער האָט נאָך דעמאָלט פֿיינט באַקומען די דייטשן בתכלית השנאה. ער האָט איינגעזען אַז אונטער דער כּלו־מרשטער דייטשער העפֿלעכקייט איז באַהאַלטן אַ רויבער און אַ מערדער. נאָך צווייטאָליקע נישט־געלונגענע פּרואוון חתונה צו האָבן, ביי וואָס ער איז פֿון גרויסן געראַנגל מיט זיך אַליין, געוואָרן

אויסגעמאַטערט און אויסגעשעפּט, באַזונדערס דורך זיין נישט־געַ־לונגענע ליבע מיט רחלען, וואָס מיט איר האָט זיין פאַמיליע אים געשטערט זיך צו פאַרבינדן, האָט ער ענדלעך חתונה געהאַט מיט זיין פון די דייטשן שפּעטער דערמאָרדעטער שרהלע וויינשטיין, וואָס האָט אים געבוירן דריי זייער פעאיקע קינדער. די פרוי זיינע, אַ שלאַנקע שאַטינקע מיט אַ פּאָר גוטמוטיקע שוואַרצע קאַרשן־אויגן, האָט געַנוג יסורים פון אים אויסגעשטאַנען. יסורים פון זיין שווערער קראַנקייט, וואָס ער האָט באַלד נאָך דער חתונה אַדורכגע־מאַכט, ווי אויך פון לעצטן אַרעסט, וואָס האָט אים פאַרוואָרפן אין די רוסישע צפונדיקע אורוועלדער, אַזש העט, העט, ביז די צפונדי־קע טונדרעס. איר געטריישאַפט און קרבנות־גרייטקייט פאַר אים האָט איר אויפגעהויבן ביי אים אין די אויגן. דורכן שמעלצטיגל פון פיין און ליידן, וואָס ער, איר מאַן, האָט זיך אין אים געשמאָלצן, האָבן זיך זייערע ביידע נשמות און הערצער געליטערט און נאָך נעענטער זיך באַהאָפטן... האָט ער געפילט צו איר אַ טיפע דאַנק־באַרקייט און האָט געטרוימט פון דער ערשטער באַגעגעניש, וואָס ער וועט האָבן מיט איר און זיינע געליבטע קינדער, אַזוי אַז ער האָט זיך אויסגעמאָלט אין זיין פאָרשטעלונג, אַ מאָדנע פאַנטאַסטי־שע טרעפונג, וואָס ער וועט פאַר זיי צוגרייטן מיט אַן אומגעריכטן סיורפּריז...

דאָס איז אַלץ געווען ביז די היטלעריסטן זענען אָנגעפאַלן אויף פוילן. ווען ער האָט אָבער אין לאַגער באַקומען די ידיעה פון דייטשן אָנפאַל און גלייכצייטיק וועגן פאַרנעמען זיין שטאָט, האָט דורך דער דאָזיקער פלוצימדיקער ידיעה עפּעס זיך אינווייניק אין אים אָפּגעַ־ריסן. ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי דאָס איז געשען, ער האָט אָבער דערפילט ווי אַ געוואַלטיקע קראַפט האָט אינווייניק אין אים אַ שפּאַר געטאָן אַ טרערן־כוואַליע, וואָס האָט זיך געריסן צו זיינע אויגן. ער האָט ווי אַ מאַן דעם טרערן־פלייץ געוואָלט איינהאַלטן, אים אונטערדריקן — ער האָט אָבער נישט געקאָנט. די אומבאַ־וואוסטע סטיכיע איז געווען שטאַרקער פון אים: זי האָט אים באַ־זיגט און ער האָט זיך ווי אַ קליין קינד פונאַנדערגעוויינט. יעפימאָוו, זיין דערנעבן שטייענדיקער בריגאַדיר, האָט אים געפּרואווט טרייסטן און אפילו אָפּלייקענען די ידיעה, ס׳איז אָבער געווען אומזיסט. דאָס פאַרבאָרגענע געפיל, וואָס האָט זיך ערגעץ איינגעגעסן אין זיין

האַרץ, באַלד ווי מען האָט אים איינגעשלאָסן אין זיין תּפיסה־קאַ־
מער, איז דאָס מאָל קלאָרער און בולטער געקומען צום אויסדרוק.
די נעפּלהאַפטע קאָנטורן פון דער פריערדיקער זעאונג זענען
ווי קאָנטורן פון אַ נעפּלהאַפט בילד צעשוואומען, און אויף
זייער אָרט איז אויפגעגאַנגען ווי אַ זון אין פרי־מאָרגן דאָס
קלאָרע בילד פון זיין משפּחה־קאַטאַסטראָפע. און פון זיין מויל האָט
זיך אַרויסגעריסן דאָס לאַחר־יאושדיקע וואָרט: „שוין אַלץ פאַר־
פאַלן!" פון דעמאָלט אָן זענען די איוב־בשורות איבער די פּוילישע
יידן אָנגעקומען מיט אַ שווינדלדיקער גיכקייט איינע נאָך די אַנדע־
רע און כאָטש מענדל האָט שוין געהאַט באַגריפן די קאַטאַסטראָפע
אין איר גאַנצן אומפאַנג, האָט ער טראָץ דעם זיך געוואָלט אָננע־
מען מיט מוט און געשאַפן זיך קינסטלעכע אילוזיעס, כדי זיך אַליין
צו טרייסטן. ער האָט געוואָלט, כדי פסיכיש נישט צוזאַמענברעכן
פאַר זיך אַליין פעלשן דיווירקלעכקייט.

מיט זיין אינטעלעקט האָט ער באַנומען די נויטיקייט פון
צייט־דיסטאַנץ וואָס זאָל ווי זשאַווער אויפעסן די שאַרפע בי־
טערקייט פון מאָמענט. ער האָט אַזוי אַרום כלומרשט גענומען זוכן
די אַדרעסן פון זיינע קינדער אין מאָסקווער „ספּראַוואָטשנאָע ביוּ־
ראָ". ער איז שוין על פּי טעות געווען ביים ברעג פון דער האָפע־
נונג. כאָטש דאָס בירוראָ האָט גערעדט נאָר פון איין קינד, האָט ער
זיך אויך מיט דעם שוין געוואָלט טרייסטן. אַרויסגעוויזן האָט זיך
אָבער, אַז ס'איז גאָר נישט זיין קינד, כאָטש עס שטימט דער נאָ־
מען און די יאָרן. פון דעסט וועגן האָט ער אויך דעם דאָזיקן פאַלשן
שיין פון האָפענונג געצויגן ביי דער „האַנט", מיטשלעפנדיק אים
מיט זיך קיין פּוילן. —

**
*

יוזשעק שוויערטשיצקי איז געווען אַ שייגעץ אין די דרייסיקער
יאָרן. אַ טונקעלער, פון מיטל־וואוקס מיט אַ פּאָר יידישע סמאָלע־
אויגן און אַ פּעכשוואַרצער טשופּרינע, האָט מען אים געקאָנט אָנ־
נעמען פאַר אַ ייד. זיינע ברייטע שטאַרקע קינביינער, און דער עיקר:
דאָס אַרויפגעקאַטשעטע נעזל האָט אָבער פאַרראַטן זיין פּוילישע
אָפּשטאַמונג. ער איז געווען דער יינגסטער זון ביי זאָשע די סטרוזש־

קע פֿון מענדלס הויז. זאָשע די סטרוזשקע, אַ קליינע, אַ טונקעלע, האָט געהערט צו די אָרעמסטע פּוילישע שיכטן. איר מאַן דער שי־כור, האָט איר נאָך ביים לעבן פֿאַרלאָזט און איז פֿרי געשטאָרבן פֿון טרינקען. אירע קינדער האָבן זיך דערצויגן אויף הפקר. דער עלטערער איגנאַץ ווי דער יינגערער יוזשעק, זענען ביידע נישט גע־ווען קיין געהויבענע מאַליאַרעס. די שוועסטער סטאַכאַ האָט צו־פֿאַרדינט אין די טונקעלע געסלעך. די סטרוזשקע אַליין איז געווען אַן אַרבעטסווילִיקע פֿרוי. זי האָט גערייניקט מענדלס הויז און נאָך אַ פּאָר שכנישע הייזער. צו איר שכר האָט אויך געהערט די קע־לער־דירה, וואָס זי האָט פֿאַרנומען ביי מענדלען אין הויז. געשיכורט האָבן זיי אַלע; נאָר ווען דער עלטערער איגנאַץ איז געווען אַ „סטאַ־טעטשנער" שיכור, איז יוזשעק געווען גאָר אַ גאַסניונג. אַז ס'איז אין פּוילן אויפֿגעקומען די ענדעקישע יוגנט, האָט דער טעמפּער יו־זשעק געהערט צו אירע „באָיואווקעס". אין די לעצטע יאָרן פֿאַר די היטלעריסטישע שחיטות איבער די יידן איז יוזשעק שוין גע־ווען אַ באַקאַנטער אַנטיסעמיטישער אויסוואורף. ער איז געווען צו־ליב זיינע אָפּטע אַוואַנטורעס אַ כּסדרדיקער גאַסט אין שטאָטישן אַרעסט־הויז. דאָס געסל, אין וועלכן ער האָט געוואוינט, האָט פֿון אים נישט געקאָנט אויסהאַלטן. אַ פֿרוי האָט ער דווקא געהאַט אַ יידישע. ער האָט איר אַרויסגענומען פֿון ערגעץ אַ הייזל, וואו זי האָט צוזאַמען מיט זיין שוועסטער „געאַרבעט", און איר אָפּגע־שמדט. יוזשעק, ווי אויך אַלע אַרומיקע קריסטן ביי מענדלס גאַס, האָבן מענדלס פֿרוי שרהלען ליב געהאַט. זיי האָבן איר ליב גע־האַט, ווייל זי איז געווען אַ גוטע. ווייל ביי דער דאָזיקער גוטער „יידישקע" אין שפּייזקראָם, וואָס זי האָט געפֿירט צוזאַמען מיט איר מוטער דער אלמנה, האָט מען געקאָנט אַלץ באַקומען אויף באָרג. און געבאָרגט האָבן זיי אויף נישט אַוועקצוגעבן. און וויפֿל די שכני־שע קריסטן זאָלן נישט האָבן געבאָרגט, האָט זיי „סאַראַ", ווי זיי האָבן איר גערופֿן, קיין מאָל נישט שטרענג געמאָנט. אויסער דעם וואָס זיי פֿלעגן נעמען ביי דער „יידישקע" אין קראָם נישט אָפּצו־געבן, האָבן זיי באַזונדער געליען פּראָדוקטן גלייך פֿון איר שטוב אַרויס און אויך אַ מאָל אַ „גמילות חסד", וואָס זיי פֿלעגן ביים לייען איר צושווערן „פּאָד כּיירעם", אַז זיי וועלן איר צו דער באַשטימ־טער צייט אָפּגעבן. באַזונדערס האָט איר יוזשעק ליב געהאַט. ער

האָט טאַקע פֿיינט געהאַט אַלע יידן, ווי ער האָט פֿיינט אַלע „בעז־באָזשניקעס" און „אַנטי־קריסטן". אַ ווען עס וואָלט זיך געווענדט אין אים, ווען מען גיט אים רשות... אָבער פֿאַר איר מאַכט ער אַן אויסנאַם. זי איז זיין „זשידאָווקע". ווי די נקבה זיינע מאַריאַ. ווען ער פֿלעגט שוין נישט האָבן וואָס פֿון שטוב אַרויסצוטראָגן אויף בראָנפֿן, ווען זיין „זשידאָווסקע מאַריאַ" האָט אויסבאַהאַלטן אירע נייע שיך, ער זאָל זיי נישט פֿאַרקויפֿן אויפֿן „פֿלעשל", איז ער שוין געלאָפֿן צו שרהלען און איז מיט דער הכנעה פֿון אַ בעטלער איר געפֿאַלן צו די פֿיס, בעטנדיק איר זי זאָל אים לייען אַ פֿאַר זלאָטעס ביז מאָרגן, ער האָט זיך דעמאָלט געשוואוירן אין נאָמען פֿון יעזוס־קריסטוס און אַלע הייליקע, אַז ער וועט אָפּגעבן. און שרהלע, נישט קאָנענדיק אָפּזאָגן, האָט געבעטן דעם שיכורן „אָנעראָוויעץ", ער זאָל כאָטש זיך נישט באַטייליקן אין די ביינאַכטיקע אָנפֿאַלן אויף יידן.

***

ווען מענדל האָט באַשלאָסן צו באַזוכן זיין נאָענטסטע היימשטאָט, איז דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז אין אים אויפֿגעקומען, געווען אָפּצוזוכן יוזשעקן דעם שיכור. דער דאָזיקער געדאַנק איז אים אמת אָנגעקומען שווער. ער האָט געדאַרפֿט פֿירן מיט זיך אַליין אַ שווערן אינערלעכן געראַנגל. פֿון איין זייט איז פֿאַר אים געווען פֿיינלעך צו טרעפֿן זיך מיט אַזאַ אומווירדיקן נפֿש. ער געדענקט גאַנץ גוט די צרות, וואָס די יידן האָבן זיך פֿון אים אָנגעליטן נאָך ערב היטלער, און ווי אַזוי האָט ער געטראַכט, וועט ער דער ייד קוקן דעם לעבן־געבליבענעם פּוילישן אויסוואורף אין די אויגן אַריין, ער, דער פֿאַרשניטענער אומגליקלעכער ייד, דער אָפּגעהאַקטער צווייג פֿון יידיש־פּוילישן בוים? און ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ חלק אָט דער יוזשעק האָט אַליין אַריינגעטראָגן אין די שחיטות איבער זיינע ברידער און שוועסטער און אפֿשר אויך איבער זיינע אייגענע? ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַפֿרייען פֿון אומגעשטילטן באַגער, אַרויסצובאַקומען ידיעות דורך אָט דעם יזשעקן, איבער זיין פֿאַרשניטענער משפּחה. דער דאָזיקער פֿאַרלאַנג איז געווען ביי אים ווי אַ „חסד של אמת", וואָס יעדער לעבעדיקער

איז שולדיק דעם פֿון לעבן אַוועקגעגאַנגענעם. — דאָס איז דאָך, האָט ער געטראַכט, די לעצטע פֿאַרבינדונג פֿון לעבן מיט דעם, וואָס רייסט זיך אויף אייביק אָפּ פֿון לעבן. (און אויב דאָס איז אַזוי ביי אַ נאָרמאַלן טויט, הייגט ווי איז שוין ביי אַזאַ אומנאַטירלעכן קאַטאַקליזם, וואָס ס׳האָט געטראָפֿן זיין פֿאָלק?) און געקאָנט האָט ער יוזשעקן, ער האָט געקאָנט זיין נאַטור, זיינע שיכורנדיקע שוואַכקייטן. ער האָט געוואוסט, אַז ווען ער טרינקט זיך אָן, קען מען ביי אים אַלץ אַרויסבאַקומען. ווי די שאַרפֿע פּליטיקייט פֿון זיין „וואָדקאַ" זאָל ווי אַן אויפֿרייסנדיקער לופֿט־דרוק, אַרויסשטויסן דעם מבול פֿון זיינע מישנדיקע רייד. און דאָס דאַרף ער דאָך טאַקע. ער וועט שוין וויסן אַרויסצושיילן דאָס נייטיקע פֿון אומניטיקן, דאָס אמתע פֿון נישט־אמתן. מיטן דאָזיקן געדאַנק האָט ער, אָפּזייענדיק אַ קורצע צייט אין לאָדזשער רעפּאַטריאַנטן־הויז, גענומען דעם צוג, וואָס דאַרף אים פֿירן אין זיין היימשטאָט, וואו ער האָט געלאָזן זיינע נאָענטסטע. באַקאַנטע האָבן אים אָפּגערעדט פֿון דאָזיקן שריט. דער וועג, וואָס פֿירט צו דער גרויסער יידישער אינדוסטריע־שטאָט, איז פֿול מיט סכנות. ער גייט איבערן גרויסן פּוילישן באַנקנופּ מאַלקין. און פֿון דער באַנסטאַציע מאַלקין ביז זיין שטאָט ציען זיך אומענדלעכע געדיכטע וועלדער, וואו עס לויערן די „אַקאָווצעס" און אַנדערע יידן־פֿיינטלעכע רעשטלעך, וואָס זענען גרייט צו דערשלאָגן די לבן געבליבענע יידישע „ניע דאָביטקעס" (נישט דערשלאָגענע). — ער האָט אָבער זיי נישט געפֿאָלגט. צו שטורעמדיק איז געווען ביי אים דער באַגער וואָס גיכער צו זיין אין זיין שטאָט. ער האָט מיט זיין גאַנצער נשמה, מיט אַלע זיינע אברים געפֿיבערט מיטן דאָזיקן פֿאַרלאַנג און ער האָט זיך נישט געקאָנט פֿון אים באַפֿרייען.

**
*

עס האָבן זיך אין פּוילן געשטעלט פֿרילינגדיקע טעג. די לופֿט איז געווען אַ דורכזיכטיקע, אַ ריינע. די זון האָט נאָך נישט דערקוטשעט מיט איר היץ. זי האָט נאָר מילד־וואַרעמלעך געגלעט איבערן קערפּער, אָפּשוואַכנדיק דאָס קילע ווינטל, וואָס האָט זיך נאָך נישט געוואָלט צוגעוואוינען צו דער נייער צייט. דער פּוילישער הימל איז שוין געווען אָפּגערייניקט פֿון די אָנגעכמורעטע ווינ־

טער־וואָלקנס. איבערן בלאָען פּרוכת האָט זיך נאָר וואו נישט וואו אַדורכגעשלייכט קליינע פלעקן, וואָס האָבן אינעם דורכזיכטיקן בלאָען שפּיגל גיכער אויסגעזעצן ווי מאַט־בלאָע לאַטעס אויף אַ טיף־בלאָען הינטערגרונט. דיביימער און די לאָנקעס האָבן שוין אָנגע־הויבן אויפשפּראָצן מיט זייער ערשטער צאַרטער גרינקייט. די פייגל האָבן ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, — אויסגעקוועטשט די לופט מיט זייערע שברימדיקע טרעלן, זאָגנדיק שירה צו דער איי־ביקייט. פּוילישע קינדער האָבן זיך מיט אַ טאָפּל־צעיאָכמע־טער פרייד, געשפּילט אויף די פון יידן ליידיק געוואָרענע גאַסן. מענדלען האָט ווי געטאָן די דאָזיקע גאַנצע אידיליע. דאָס גאַנצע בלוט האָט אין אים אויפגעקאָכט. ער וואָלט וועלן אַצינד זען דווקא דאָס פאַרקערטע... דער קלענסטער טומל פון אַ פּויליש קינד האָט אים אויפגערודערט, אַרויסרופנדיק ביי אים די געשטאַלטן פון זיי־נע יינגעלעך צוזאַמען מיטן גאַנצן שוידער פון זייער אומקום. יע־דער אַדורכדרינגענדיקער בליק פון אַ פּאָר פּוילישע אויגן האָט אים ווי מיט אַ דורכנעמענדיקע בייזע קעלט געמאַכט גליווערן די אָדערן. ער האָט פון אומעטום אַרויסגעהערט: „פון וואַנעט האָבן זיי זיך גענומען די נישט דערשאָכטענע?״ די גאַנצע מענטשלעכע געפאַלנ־קייט האָט זיך מיט איין מאָל פאַר אים אַנטפּלעקט; אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער נאַקעטער גרויזאַמקייט, אויפרודערנדיק, צעטרייסלענ־דיק זיין גאַנץ געמיט און וועזן. און ער, דער זון פון אַ פאָלק, וואָס האָט אַריינגעבליצט אין דער פינצטערניש מיטן ליכט פון „לא תר־צח״ און „ואהבת״, איז געוואָרפן געוואָרן פון די העכסטע הייכן פון גלויבן אינעם מענטש, ביז די טיפסטע אָפּגרונטן פון מענטש־פאַרלייקענונג.

***

דער צוג איז נישט דערגאַנגען ביז זיין שטאָט. אין מאַלקין האָט ער געמוזט אויסשטייגן. ער איז אַראָפּ צוזאַמען מיט אַנדערע רע־פּאַטריאַנטן, אין רעפּאַטריאַנטן לאַגער וואָס איז געווען האַרט ביי דער באַנסטאַציע. די קריסטן האָבן אים אַלס ייד נישט דערקענט. ער האָט זיך מיט די אַנדערע געשטעלט אין דער ריי, אָפּצוגעבן צום קאָנטראָל זיין רעפּאַטריאַנט־דאָקומענט. און פּלוצים דערהערט

זיך אַ כריפּקע שטימע פון לאַגער־קאָמענדאַנט: — „מאַשעק, קום אַהער". און גלייך ווי אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער טעמפּער שטי־מע האָבן זיך צענדליקער פּאָר אויגן ווי אָנגעגליטע שפּיזלען אַ קער געטאָן אין דער ריכטונג צו מענדלען, אָנקוקנדיק אים מיט אַ פּאַר־דעכטיקע נייגעריקייט. — דער קאָמענדאַנט האָט שוין מענדלען נישט אָפּגעלאָזט. אָננעמענדיק אים ביי דער האַנט, האָט ער אים אַרויסגעריסן פון זיין פּאַרטרעטער, פאַרזעצנדיק ווי מיט אַ קול פון אַ סקריפּנדיקע זעג: — „איך וועל דיר געבן אַ באַזונדערן צימער. האַלט זיך נישט מיט קיינעם און פּאָר נישט ווייטער, ווייל — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין אייגענעם האַלדז און אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער אים, ווי מען טוט אַ פּיר מיטן סמיטשיק איבער דער ברייט פון אַ פידל — זיי וועלן מאַכן איבער דיר כיק, כיק, כיק"...

און אַריינגעמענדיק אים אין זיין ביוראָ, האָט ער מיט אַ גע־מאַכטער פּאָטערלעכקייט אין אים אַריינגעטענהט: — „בלייב דאָ אַזוי לאַנג ביז ס'וועט זיך באַרואיקן. אַז עס וועט זיך איינשטילן, וועל איך דיך אָפּשיקן מיט אַ וואָך קיין ביאַליסטאָק. דערווייל וועל איך דיר געבן אַ צימער און וועל דיך אַליין באַזאָרגן מיט עסן".

אוןווירקלעך האָט ער אים אַליין אַריינגעבראַכט דעם מיטאָג און זיין פּאָרציע ברויט. שפּעטער אַ ביסל איז ער ווייטער געקומען און אים געבעטן, ער זאָל שטעלן בראָנפן: זיי וועלן ביידע, האָט ער געזאָגט, טרינקען אויף ברודערשאַפט. ווען מענדל האָט אים גע־זאָגט, אַז ער האָט נישט קיין געלד אויף בראָנפן, האָט אים דער קאָמענדאַנט פאָרגעלייגט אויסצובאָרגן. ער דאַרף נאָר אונטער־שרייבן, אַז ער, מענדל, האָט אויף אַזאַ אופן באַקומען פון קאָמענ־דאַנט שטיצע. — מענדל האָט פון דער גאַנצער האַלטונג פון קאָ־מענדאַנט באַקומען טויט־אַנגסטן. דער גאַנצער געשפּרעך און זיין אויפפירונג האָט אים אויסגעזען פאַרדעכטיק. ער האָט נישט גע־וואוסט וואָס אָנצוהייבן, וואָס צו טאָן. ער האָט געטראַכט: וועט ער אים געבן געלד אויף בראָנפן, וועט ער זיך נאָך מער אָנ־שיכורן. און ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ נעק ער וועט אַרום אים. ער קען דאָך ביי נאַכט אין פולער שיכרות און אין יידן־האַס אים דערמאָרדן. וועט ער אים ווידער אָפּזאָגן, צערייצט ער אים ווידער ווי אַ ווילדע חיה און ער קען זיך צוליב דעם אויך אין אים נוקם

זיין. וואַקלענדיק זיך אַזוי אין דער אייגענער מחשבה, האָט אים אויפגעבליצט אַ געדאַנק: ער זאָל זיך גאָר אַרויסגנבענען פון באַראַק און אַוועקגיין אויף דער באַנסטאַציע, האַלטנדיק זיך ביים סאַמע „פּאָסטערונעק". עס איז געווען אין אָוונט. ער האָט זיך אַרויסשאַרנדיק שטיל פון באַראַק, אָנגעטראָפן אַן אַלטן קריסט. דער קריסט האָט אים אויסגעזען גלויבנדיק. ער האָט פאַר אים אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ און געפרואווט אים פרעגן וואָס צו טאָן. דער קריסט, אויסהערנדיק אים, האָט אים געראַטן אַרויפצוכאַפּן זיך אויפן נאָענטסטן צוג, וואָס וועט דאָ באַלד פאַרבייפאָרן און אָפּטראָגן זיך פון דאַנעט כל זמן ס'איז צייט. — „אָט באַלד, האָט ער געזאָגט, קומט אָן אַ „טאָוואַראָווער" מיט בלויז קריסטלעכע רעפּאַטריאַנטן, וואָס פאָרן אין דער ריכטונג צו ביאַליסטאָק. די „אַקאָווצעס" זענען וועגן אַליך אינפאָרמירט. קיין קריסטלעכן צוג וועלן זיי נישט באַפאַלן. ווען ער וועט אָנקומען, וועט שוין זיין גוט פינצטער. כאַפּ זיך אַריין אין אַ וואַגאָן פון „באַבעס", און רוק אַראָפּ דאָס היטל, זיי זאָלן דיין אומגליקלעכע יידישע צורה נישט דערקענען. טראָג זיך אָפּ בשלום פון דאַנען און זאָל דיר גאָט העלפן".

די עצה איז אים געפעלן געוואָרן. ס'האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט, ווי עס האָט זיך באַוויזן אַ „טאָוואַראָווער" צוג. דער שווערסאַפּענדיקער אַלטמאָדישער לאָקאָמאָטיוו האָט אַרויסגעאָטעמט זיין לעצט ביסל אָטעם־קנויל און האָט זיך ווי אַן כוחות אָפּגעשטעלט. מענדל האָט אויף גיך אַרומגעקוקט אייניקע וואַגאָנעס און געפינענדיק אַ ווייבערישן וואַגאָן, איז ער מיט אַן אַראָפּגערוקטן היטל אין אים אַריין. ער איז פאַרקראָכן אין אַ ווינקל ווי אַ מויז אין איר נאָרע, און האָט אויסגעצאַפּלט, זיין באַגער אָנצוקומען בשלום אין זיין שטאָט. די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע. אַ פינצטערקייט האָט געשפּרייט שוואַרצע פלעקן איבער דער ערד. ביימער־שאָטנס האָבן ווי בייזע איילנדיקע רוחות, פאַרבייגעטאַנצט פאַר זיינע אויגן אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג. ער אַליין האָט אָבער גאָרנישט געזען אין דער דאָזיקער חשכות אויסער די שוואַרצע שאָטנס, וואָס האָבן זיך ווי אויפהייבנדיקע שלאַנגען אַריינגעשניטן אין דער דאָזיקער פינצטערניש. ער האָט זיך אין פחד און אין מורא אין גאַנצן איינגעקאָרטשעט אין זיין ווינקל, איינגעשרומפּן זיך. און נישט נאָר דעם גוף האָט ער איינגעשרומפּן, נאָר אויך זיינע געדאַנקען און

אַלע זיינע לעבנס־אינסטינקטן האָט ער מצמצם געווען ביז די לעצ־טע גרענעץ פון צמצום... ער האָט איצנד ווי אַלץ קאָנצענטרירט אויף דעם איין איינציקן פּונקט: בשלום אָנצוקומען צו זיין ציל. ער האָט באַנומען, אַז ס'האָט ערשט נישט קיין זין צו פאַרלירן דאָס אייגענע לעבן. נאָך אַזוי פיל פּיין און ליידן וואָס ער האָט אַדורכגע־מאַכט, נאָך אַזוי פיל מאָל קוקן דער סכנה אין די אויגן אַריין דאַרף מען שוין איר ערשט פאַרטרייבן אָט די סכנה. איר אין גאַנצן אויס־מיידן. און ער איז דאָך איצנד דער איינציק לעבנגעבליבענער גליד, פון זיין אַזוי ברייט צעוואַקסענער משפּחה, דער איינציקער עדות פון זייער שוידערלעך פאַרשניטן לעבן. איז טאַקע אין אים אויפ־געגאַנגען דער טיפערער זין פון ביבלישן געבאָט. „ובחרת בחיים!“ און ער האָט זיך אָנגענומען מיט דער גאַנצער עקשנות פון לעבן, כדי צו לעבן...

***

אויף צו מאָרגנס גאַנץ פרי איז ער אָנגעקומען אויפן באַן־הויף פון זיין שטאָט. ער האָט צוליב דער פריער שעה נאָך מורא געהאַט אַראָפּצוגיין. האָט ער זיך דעריבער אַרומגעדרייט אויפן וואָקזאַל. דער וואָקזאַל איז געווען אין גאַנצן צעשטערט: ער איז געווען איין הויפן גרוז. אַרומקוקנדיק זיך אַזוי, האָט ער אָנגעטראָפן אויפן ערשטן קריסט. דער קריסט האָט אים אפילו העפלעך באַ־גריסט. אויך מענדל האָט אים דערקענט. דאָס איז געווען אַ שטי־לער קריסטלעכער קרעמער, מיט וועמען ער פלעגט זיך טרעפן ביי פאַרשידענע איינקויפן. זיי זענען ביידע געווען קונים אין גרויסן הורט־געשעפט פון אסתר בראָמבערג. אָבער מענדל האָט אויס־געמיטן מיט אים צו שמועסן. נאָך די בלוטיקע וואַקכאַנאַליע איבער די יידן און נאָך דער נאַר וואָס פאַרלאָפענער געשיכטע מיט אים אַליין אין מאַלקינער רעפּאַטריאַנטן לאַגער האָט ער בכלל פאַר־לוירן דעם צוטרוי צו יעדן נישט־ייִד, אויף דער פוילישער ערד. ער האָט אַחוץ מיט יוזשעקן דעם שיכור, צוליב וועמען ער האָט גע־מאַכט די דאָזיקע געפערלעכע נסיעה, כדי אַרויסצובאַקומען ידיעות וועגן אומקום פון זיינע נאָענטסטע און אויך אפשר באַקומען אַן

אַנדענק פון זיי, נישט געווען בכוח מיט וועלכן ס'איז פּאָליאַק אַרייַנ־צוגיין אין אַ געשפּרעך. וואָרעם אויסער די מוראדיקע שחיטות איבער זייַנע ברידער, וואָס האָבן אים ווי אַ ייִד לייבלעך באַרירט און אויפגעשוידערט, האָט ער זיך נאָך מער געפילט מאָראַליש דערדריקט צוליב ברוטאַלן טרעטן אויף זייַן נאַציאָנאַלער ווירדע און שטאָלץ. — ער האָט ווי אַ באַליידיקטער נישט געקאָנט קוקן דעם באַליידיקער אין די אויגן אַרייַן. נאָך מער, ווי עס האָט געברענט אין אים דער ווייטיק איבער די ייִדישע מוראדיקע פּאַרלוסטן, האָט אין אים געברענט דער ווייטיק פון דער אומבאַהאָלפנקייט פון זייַן פאָלק. דאָס אויסקוילענען ווי די קעלבער, אַ דריטל ייִדן אין מיטן העלן טאָג האָט געלאָזן אַ טיפן קנייטש אין זייַן נשמה און האָט פאַרוואונדעט זייַן האַרץ. און טרעפנדיק זיך פּנים לפּנים מיטן ערשטן קריסט, האָט ער דערפילט אַ בריענדיקע רויטקייט אויף זייַנע באַקן, וואָס איז געקומען פון אַ טיפע פאַרשעמטקייט, וואָס אַ טייל פּאָליאַקן האָבן צוזאַמען מיט די דייטשן אים דעם ייִד גורם געווען. די דאָזיקע ברענענדיקע רויטקייט האָט אין אים צערודערט דאָס בלוט. און מענדל האָט געמוזט, כּדי זיך צו באַהערשן און באַרואיקן, פון אים אַוועקדרייען.

די זון האָט זיך שוין העכער אויפגעהויבן אויפן האָריזאָנט. די באַוועגונג אויפן וואָקזאַל איז געוואָרן שטאַרקער. מענדל האָט זיך שוין פאַרנומען אויפן וועג אין שטאָט אַרייַן. גייענדיק אַזוי צום צענטער שטאָט, מיט אַ האַלב דרימלענדיקן באַוואוסטזייַן ווי אַ לונאַטיקער, האָט ער פּלוצים זיך דערפילט ווי אַרומגענומען מיט שטאַרקע קלעשטשעס, וואָס האָבן אים געדריקט און שוין נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט אין זייַן פאַרטראַכטקייט אויפגענומען: — אַ, מענדל, שלום עליכם, פון וואַנעט קומסטו? די שטימע האָט אים דאָס מאָל אויסגעזען אַזוי וואַרעם, לייבלעך־היימיש, זי האָט אים געצערטלט, באַרירט מיט אַ צערטלעכע האַנט פון אַ געליבטער. זיי זענען זיך געפאַלן אויף די העלדזער. עס איז געווען זייַן ערשטער ייִדישער לאַנדסמאַן, וואָס איז צוריקגעקומען פון אוישוויץ, שייקע „בלעך". שייקע „בלעך" איז געווען אַ געפּאַקט ייִדל: מיטל־וואוקסיק, ברייט און פול. די אויפשפּראָצנדיקע שניי־ווייסע האָר אויף זייַן געראַזירטן קאָפּ, האָבן באַוויזן אַז ער איז שוין אַריבער די זעכציקער. טראָץ זייַן עלטער און אַ ביסל צו שווערן גוף, וואָס ער האָט אויף זיך

געטראָגן, איז ער געווען איין שטיק קוועקזילבער. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַ שוסטער־יינגל. ווען ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז דאָס איז פאַר אים נישט קיין תכלית, איז ער שוין געווען באַשעפטיקט ביי נישט גלאַטע געשעפטן. — אין די יאָרן פאַר היטלערן, איז ער שוין געווען אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן סוחר מיט צוויי שיינע הייזער אויף די הויפטגאַסן. ווי אַ גבירישער אַלטער בחור האָט ער זיך אויסגעקליבן אַן אָרעם מיידל פון אַן אינטעליגענטערער משפּחה, וואָס האָט אים געבוירן אַ קינד.

טוליענדיק זיך איינער צום אַנדערן ווי צו אַ מוטער וואָס מען האָט פאַרלוירן און פּלוצים צוריקגעפונען, האָט שייקע גייענדיק, אים דערציילט זיינע איבערלעבונגען. ער האָט נאָך געהאַט מזל שייקע „בלעך": ער האָט אָפּגעפונען זיין פרוי אַ געזונטע און זיינע הייזער זענען געבליבן גאַנץ, אָט אַזוי ווי ער האָט זיי איבערגעלאָזט, כמעט די איינציקע הייזער אין שטאָט. ער וואוינט שוין אפילו אין זיין אייגן הויז. מענדל האָט אים אויסגעהערט און געזאָגט: — „איך פאַרגין דיר דיין מזל, שייקע. הלואי וואָלט אַזוי מיט אַלע יידן געשען". דאָס איז נאָר געווען געזאָגט. אין דער אמתן האָט ערגעץ אינעווייניק ביי אים זיך אָנגעצונדן אַ קנאה־פייערל... אמת, ער האָט פון דעם זיך געוואָלט באַפרייען. וואָרעם וואָס וואָלט ער געהאַט ווען אויך שייקע איז אין זיין לאַגע, וואָלט דען דעמאָלט אים גרינגער געוואָרן? אָבער פאָרט האָט דאָס טייוולאָנישע געפיל נישט נאָכגעלאָזט, זיך נישט אונטערגעגעבן. און אַ פּאָר זילבער־קייקעלעך האָבן זיך פון קנאה־פאַרדרוס, אַראָפּגעגליטשט פון מענדלס איינגעפאַלענע באַקן.

***

מענדל איז געגאַנגען אַליין צו זיין הויז. ער האָט דאָס מאָל נישט געוואָלט, עמעצער זאָל אים שטערן, ער האָט געגלוסט צו בלייבן אַליין מיט זיינע אינטימסטע געפילן. ער האָט זיך געשעמט און מורא געהאַט, טאָמער וועט ער נישט קאָנען אונטערדריקן זיין צער אין אָנבליק פון זיין פאַריתומט הויז און ער וועט זיך מוזן צעבליפּען ווי אַ קליין קינד, ווי דאָרטן אין רוסלאַנד ביים באַקומען די ידיעות איבער די יידן־שחיטות און דאָס פאַרנעמען פון זיין

שטאָט. אַזוי גייענדיק איז ער אַריינגעפאַלן אין יידישן צענטער. ס'האָט אים געצומען שניידן ביים האַרץ. ווינד און וויי, די גאַסן זענען חרוב און וויסט. ער האָט זיך גאָר אַזוינס נישט געקאָנט פאָרשטעלן. נישט נאָר די יידישע הייזער זענען נישטאָ, נאָר אויך די גאַסן, ווי זיי וואָלטן גאָר קיין מאָל נישט געווען. ער דערקענט זיי נישט. אַלץ איז אויסגעמישט אין איין מיש־מאַש. הויפנס ציגל און ברוך זענען אָנגעוואַלגערט איבער די אַמאָליקע גאַסן. מען גייט נישט אויף טראָטואַרן, נאָר עפּעס אין אַ מיטן פון אַ שאָסיי וואָס געפינט זיך אין סאַמע יידישן צענטער. עס זעט אויס נאָך ערגער ווי אַ חורבן. ס'איז אַ תוהו ובוהו ווי פאַרן באַשאַף. — אַ האַלבע שטאָט האָט דעם אויסזען פון איין לענג. די שטאָט איז ווי געוואָרן איינגעשרומפּן, קלענער געוואָרן אין שטח. נישטאָ די ווייטקייטן פון די פאַרמאַכטע גאַסן, געסלעך און זאַאולקעס. אַלץ ליגט אָפן פאַרן בלויזן אויג, אָט אַזוי ווי דער נאָענטער האָריזאָנט. און צווישן די בערגער גרוז שטעקן אַרויס ווי שטייענדיקער סכך הויכע וויל־דע גראָזן און געוויקסן. קאָזעס און אַלערליי פיה פּאַשען זיך פריי אויף די חורבות פון די יידישע הייזער. אין אַ זייט ערגעץ זעט ער אַן אָנזאַמלונג פון אייזן און זיילן. ער גייט צו נעענטער און דער־קענט דעם סקעלעט פון דער גרויסער שטאָטישער שול. אָט איז אַ טייל פון דער בימה, אָט די מאַרמאָר־טרעפּ פאַרן ארון־קודש. אָבער וואָס איז דאָס, ווי קומט דאָס אַהער? דאָס שול־געסל, ווי ער געדענקט, איז דאָך געווען אַ באַזונדער געסל מיט אַן אַרויסגאַנג צו דער גרויסער אָפענער גאַס, וואָס האָט געפירט צום וואַלד. און דער אָנגעהויפטער באַרג אייזן און ברוך זעט גאָר אויס זיך צו געפינען אין מיטן פון אַ פעלד מיט אַן אָפענעם וועג אין אַלע זייטן און ריכטונגען. ער האָט זיך דערמאָנט אין שוידערלעכן גורל פון דער שול מיט אירע יידן. דער דייטשער אכזר האָט אַריינ־געטריבן טויזנטער יידן אין דער דאָזיקער שול, ווי מען טרייבט אַריין אַ ריזיקע סטאַדע פיה, און האָט זי צוזאַמען מיט אירע יידן אונטערגעצונדן. און דער פייער האָט מיט זיינע פלאַקערנדיקע „אָ־רעמס" אַרומגעכאַפּט די יידן מיט זייער שול און האָט זיי צונויפ־געגאָסן אין איין פאַרניכטנדיקן פלאַמיקן מבול אויף אייביק. איינס ביים לעבן, זענען זיי אויך געוואָרן פאַראייניקט נאָכן טויט... מענדל האָט אין געדאַנק ביטער געצומען יאָמערן: — „אָ, געשענדעטע און

געלעכטערט, האָט אומריינער דיינע הייליקייטן. ווי איז אונדז. דאָרט וואו יידיש־לעבן האָט געצאַפּלט, איז טויט און וויסט. דיינע גאַסן זענען געוואָרן איין חורבות פאַרוואַנדלט. דיינע פאַרזאַמלונגס־ערטער, זענען נישטאָ מער. גרויס ווי דער ים איז אונדזער בראָך, ווי דער אָפּגרונט טיף איז אונדזער צער. אונדזערע ווירדיקסטע גראָע זענען געוואָרן צעשאָסן אין די ווינקלען. די איידלסטע זענען ווי מיסט געוואָרפן געוואָרן אין די גריבער. די געלערנטע פאַרפּייניקט, די אויסדערוויילטע פאַרברענט. אָ, גרויזאַם איז געווען דער מערדער, גרוילהאַפטער, ווי די פאַרצוקנדיקע חיה..."

פון דאַנעט איז ער אַריבער אויף רעכטס, ביז ער האָט זיך געפונען אין זיין גאַס. די גאַס האָט ער דערקענט דורך איניקע הייזער וואָס זענען גאַנץ געבליבן, און דורכן אַלטן בית־עולם, וואָס האָט זיך געצויגן אַנטקעגן איבער דער גאַנצער לענג פון זיין גאַס. אָבער אויך דעם בית־עולם האָבן די דייטשן נישט געלאָזט צו רו. דער הויכער געמויערטער פּאַרקאַן איז געווען אַראָפּגענומען, די מצבות אַרויסגענומען אָדער צעבראָכן. גייענדיק מיט דער לענג פון די חורבות ביז דעם אָרט, וואו זיין הויז האָט זיך געדאַרפט געפינען, איז אים שווער געווען צו דערקענען דאָס אָרט, ביז ענדלעך ער האָט מיט גרויסע אָנשטרענגונגען דאָס אָרט דערקענט. אָבער אָנשטאָט אַ הויז האָט ער געפונען דאָס אָרט וויסט און ליידיק. דער באָדן איז געווען ווי איין קיילעכדיקע גרוב צעגראָבן ווי אַ פאַרקערטער קופּאָל. דאָס גאַנצע אָרט איז געווען ווי אויף צו להכעיס אויסגערייניקט, ווי אַ גוט אויסגערייניקט פעלד. קיין זכר און קיין שפּור פון אַ הויז. אַ וויסטער דערדריקנדיקער יאוש איז אים באַפאַלן. זיין גאַנצע האָפענונג, וואָס איז מיטן הויז געווען פאַרבונדן, איז צערונען, ווי אַ קאָרטנהייזל צעפאַלן. ער האָט געהאָפט דאָ צו טרעפן יוזשעקן און פון אים אַרויסצובאַקומען וואָס ער דאַרף. אַצינד זעט ער, אַז אויך דאָס איז אַ פוסטע פאַנטאַזיע. ער האָט זיך גענומען נאָכפרעגן אויף דער סטרוזשקע, אויף יוזשעקן. קיינער האָט נישט געוואוסט צו געבן קיין קלאָרע תשובה. די ווייניקע גאַנץ געבליבענע הייזער פון די אַרומיקע גאַסן זענען דאָ געווען באַוואוינט פון פרעמדע פּאָליאַקן, וואָס האָבן אויסגעטוישט זייערע סאָוויעטישע בירגערשאַפט אויף די פוילישע. און זיי האָבן די אַלטע איינוואוינער נישט געקענט. מענדל האָט זיך גענומען אַרומשלייכן אַרום

די חרובע גאַסן, ווי אַ שאָטן, אָן אַ זין און אַ ציל. ער האָט געוואַרט אויף דער שפּיל פֿון בלינדן צופֿאַל, ביז ער איז אָנגעקומען דורך די וויסטע פּלעצער אין דער אַמאָליקער שיינער גאַס, וואָס האָט זיך ווי אַ שלאַנג געשלענגלט פֿון דער באַן ביז אַרויף צו צום שטאָטגאָרטן, פֿון וואַנעט זי האָט זיך אויף לינקס אויסגעבויגן צום מאַגיסטראַט. די דאָזיקע גאַס האָט שוין געהאַט מער מזל ווי דער יידישער צענטער. אייניקע הייזער זענען געבליבן גאַנץ און פֿון די איבעריקע זענען געבליבן סקעלעט־ווענט מיט אַרויסשטאַרצנדיקע אויגנלעכער. אויף דער דאָזיקער נאָך אויסזעענדיקער גאַס, וואָס איז פֿול געווען מיט לעבן, האָט ער זייענדיק פֿאַרזונקען אין זיינע אייגענע מחשבות, פּלוצים דערפֿילט אַ ברוטאַלן שטויס אין דער זייט, וואָס האָט אים ווי אויפֿגעוועקט פֿון זיינע דרימלענדיקע געדאַנקען. אומקוקנדיק זיך, איז שוין פֿאַר אים געשטאַנען אַ שיכורער יונגער פּאָליאַק מיט היטלער־וואָנסעלעך, וואָס האָט שיכורלעך אַרויסגעכריפּעט: — „אַ, מענדל, דו לעבסט? איך האָב געזאָגט, אַז די יידן זענען אַ פֿאַרכישופֿט פֿאָלק. פֿון די קברים קריכן זיי צוריק אַרויס לעבעדיקע. וואָס שטייסטו אַזוי ווי אַ גולם, גיב די „בוזשע" וועלן מיר זיך צעקושן. אַזאַ גאַסט, אַזאַ ליבער גאַסט, אַ קלייניקייט: דער בעל־הבית, סאַראַס מאַן אַליין איז אַרויס פֿון קבר...!" — מענדל איז די ערשטע רגע געבליבן געפּלעפֿט, אי פֿון דעם אומגעריכטן צונויפּטרעף, אי פֿון זיינע שטעכעדיקע ווילדע רייד, וואָס האָבן אים געשטאָכן ווי מיט שאַרפֿע שפּילקעס. נאָר דער שיכורער יוזשעק האָט אים שוין געהאַלטן ווי מיט צוואַנגען. עס האָט אים געעקלט יוזשעקס באַריר. ער האָט זיך געפֿילט ווי ער וואָלט אַרויפֿגעטראָטן אויף אַ גליטשיקער זשאַבע. ער איז שיער, שיער נישט אומגעפֿאַלן. נאָר דער באַוואוסטזיין פֿון דעם ציל — פֿון זיין רייזע, איז אין אים אויפֿגעגאַנגען; האָט זיך אין אים געשטאַרקט. און דער דאָזיקער באַוואוסטזיין האָט גענומען די אויבערהאַנט איבער זיינע איבעריקע געדאַנקען און געפֿילן, וועלכע ער האָט אונטערדריקט. יוזשעק האָט אים פֿאָרגעלייגט אַריינצוגיין אין אַ שענק און פֿאַרגיסן דעם צונויפּטרעף. מענדל האָט זיך קעגן דעם שטאַרק געווערט. ער האָט מורא געהאַט געשטערט צו ווערן פֿון די איבעריקע שיכורים. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס בעסטע פֿאַר דער זאַך וועט זיין צו טרעפֿן זיך מיט אים אַליין ביי אים אין שטוב. ער מוז דאָס מאָל גיין צו

דער „חיה אין איר אייגענעם דזונגל...״ ער האָט אויסגעטראַכט אַ תירוץ, אַז ער איז קראַנק. ער מוז זיך כאָטש איין טאָג אויסרוען. דערפאַר קומט ער צו אים מאָרגן אין שטוב און ער יוזשעק וועט טרינקען, וויפל זיין האַרץ גליסט. נאָר ער בעט אים, קיינער זאָל נישט זיין דערביי. ער האָט מיט אים צו שמועסן איבער — פאַר זיי ביידע — גאָר וויכטיקע זאַכן. יוזשעק האָט זיך נאָך געפּרוּווט עקשענען, נאָר זעענדיק, אַז ס׳וועט נישט העלפן, האָט ער אַ זאָג געטאָן: — מענדל, ליי מיר דערווייל אַ פּאָר זלאָטעס אויף אַ פלעשל. איך וועל פאַרגיסן דעם וואָרעם און טרינקען פאַר דיין געזונט. ווי איך ליב גאָט. אַזאַ גאַסט! אַזאַ ליבער גאַסט! איך וועל אויך טרינ־קען פאַר דיין „סאַראַס״ נשמה, אַזאַ גוטע, אַזאַ גוטע יידישקע״. מענדל האָט אַצינד מיט אים נישט געוואָלט אַריינגיין אין קיין רייד. ער האָט נעמענדיק ביי אים דעם אַדרעס פון זיין דירה, אים אַוועק־געגעבן די לעצטע גראָשנס, וואָס ער האָט באַקומען פון יידישן קאָמיטעט.

***

יוזשעק איז געוואָרן אויפגעריכט. ער האָט געוואוינט אויסערן שטאָט. זיין דירה פון דריי צימערן האָט זיך געפונען אין אַ שיינער קריסטלעכער געגנט. דאָס אָרט האָט זיך גערעכנט פאַר אַ פאַר־מעגלעך. כאָטש אָפּגערוקט פון שטאָט, איז אָבער די געגנט געווען אַרומגערינגלט מיט בלומען־גערטנער און גוטער לופט. דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז מענדלען געקומען אויפן זינען, איז געווען: — „זע, ווי ער האָט זיך אַרויסגעאַרבעט, אָט דער שיכורער אויסוואורף. זיכער נישט פון „מעשים טובים״. — ווער ווייסט, וויפל בלוט און טרערן עס ליגט אין זיין דאָזיקער דירה? דער וועג פון דער פריערדיקער קעלער־דירה ביז דער היינטיקער, איז אוודאי מיט געננג יידיש בלוט אויסגעוויקט... און ווער ווייסט, וויפל טראָפּנס פון זיין אייגענער משפחה, האָט דער דאָזיקער וועג איינגעזאַפּט...״ ער האָט זיך געשטאַרקט און האָט אויף גיך איבערגעריסן דעם דאָזיקן קאָשמאַרפולן געדאַנק. ער האָט אים פאַרטריבן פון זיך, ווי מען פאַרטרייבט אַ זלידנע פליג, זי זאָל נישט שטערן די נויטיקע קאָנצענטראַציע. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן אויף

דער אײנגנטלעכער אויפגאַבע, צוליב וואָס ער איז אַהער געקומען. ער האָט מיט אַ צעוויטיקט האַרץ, אָבער מיט שטילע תחנונימ־דיקע רייד, זעצנדיק זיך אַנטקעגן יוזשעקן, אָנגעהויבן: — „הער זיך איין, יוזשעק. איך בין געקומען בײַ דיר געוואָר ווערן וועגן די לעצטע מינוטן פֿון מײַן פֿאַרשטאָרבענער פֿרוי און קינדער. איך בעט דיך, יוזשעק, דערצייל מיר אַלץ, אַלץ וואָס דו ווייסט. איך בין פֿאָרויס מוחל אַלע דײַנע זינד קעגן זיי, אויב דו ביסט אין אַזעל־כע געשטרויכלט געוואָרן. נאָר דערצייל דעם גאַנצן אמת. אַז איך וועל וויסן, אַז דאָס וואָס דו דערציילסט איז אמת, וועל איך דיר גוט באַפֿרײַדיקן".

יוזשעקן האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעז־לעך בראָנפֿן און אָנקלאַפּנדיק זײַן גלעזל אין מענדלס, מעשה ברוי־דערשאַפֿט, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ הייזעריקעוואַטע שטימע: „מענדל, דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב פֿײַנט געהאַט יידן. יאָ, פֿײַנט געהאַט, פֿײַנט געהאַט!" — האָט ער איבערגעחזרט — „כאָטש איך אַליין האָב גענומען אַ יידישקע. איך האָב איר אָפּגעשמדט, די נקבה מײַנע. און בײַ אונדז „אָנעראָוועצעס", איז די שנאה צו אייך אַרײַן אין אונדזער בלוט. און איר האָט דאָס אַליין פֿאַרדינט, איר גאָט־לעסטערער, גאָטס מערדער, פֿון וועמען איר זענט טאַקע פֿאַרשאָלטן געוואָרן אויף אייביק. איר האָט אונדז אויך, אײַער מאַ־מעשע... צוגענומען דעם ביסן פֿון מויל. אַלץ בײַ אונדז פֿאַרכאַפּט. דעם דײַטש אָבער האָבן מיר אויך נישט ליב. נאָר אַז דער „שוואַב" איז אונדז געקומען העלפֿן אייך פֿאַרניכטן, זענען מיר אוודאי גע־ווען צופֿרידן. בפֿרט אַז מיר האָבן גוט פֿאַרדינט... נאָר פֿאַרדראָסן האָט מיר, וואָס ער לאָזט מיר נישט אויסקלויבן מײַנע אייגענע יידן. איך האָב דאָך אפֿילו מײַן יידישע „מאַריאַשע" געמוזט אויס־באַהאַלטן. און דאָס זעלבע האָב איך געוואָלט טאָן מיט דײַן שרהן. געוואָלט ווי איך ליב גאָט. איך שווער דיר דאָס בײַ יעזוס־קריסטוס און די הייליקע מאַריאַ. אָ, זי איז דאָך געווען אַזאַ גוטע, אַזאַ גור־טינקע, דײַן שרה. זי איז נישט געווען גלײַך צו אייך פֿאַרשאָלטענע יידן. און איך האָב איר דערפֿאַר ליב געהאַט. האָב איך זיך בײַ איר געבעטן: — „סאַראַ, קום מיט מיר! איך וועל דיר אויסבאַהאַלטן אין דאָרפֿישן קלויסטער. דער דאָרטיקער גלח איז מײַנער אַ באַ־

קאַנטער. ער איז מיט מיר געבונדן, אין איין סוד געבונדן... און איר אויפהאַלט וואָלט געווען געזיכערט". נאָר זי, איינגעקשנט ווי אַ ייד, ווי אַ קריסטוס־פאַרלייקענער, האָט געענטפערט: „איך דאַנק דיר פאַר דיין קריסטלעך האַרץ, יוזשעק. אָבער איך קען נישט פאַרלאָזן מיינע קינדער און מיינע אַלטע מאַמע. איך האָב אויך נישט קיין רעכט דערצו. נאָר אויב דו וועסט מיר שווערן ביי אַלץ וואָס דיר איז הייליק, אַז וועסט נישט אָפּשמדן מיינע קינדער, וועל איך זיי דיר געבן אויסצובאַהאַלטן. איך וועל דיר דערפאַר אַוועקגעבן אַלץ וואָס איך פאַרמאָג, און אויך אַ שריפט פאַר מיין מאַן, אַז ווען ער וועט צוריקקומען פון רוסלאַנד און וועט ביי דיר איבערנעמען די קינדער, זאָל ער דיר גוט באַפרידיקן". — און וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? איך וואָס האָב יידן פיינט, זאָל גאָר גיין ראַטעווען יידישע קינדער? פאַרשטיי מיר, מענדל. זעסטו, פאַר איר האָב איך געוואָלט מאַכן אַן אויסנאַם. און אויב דו הונטישער זון, גלייבסט מיר נישט, וועל איך דיר באַלד געבן אַ סימן". — ער האָט איבערגעריסן די פלאָנטערנדיקע רייד, ווי וועלנדיק זיך אָפּרוען, עפּעס צו אַ פרישן געוואַגטן שפרונג, וואָס מענדל האָט אים נישט פאַרשטאַנען. מענדל האָט אים נישט געוואָלט שטערן. ער האָט געשלונגען זיין יעדעס וואָרט און האָט אַצינד אויפגענומען זיין יעדע שיכורע באַוועגונג און גרימאַסע. ער האָט געוואָלט פון זיין יעדן קנייטש פון פנים, פון יעדן שיקל פון זיינע באַטרונקענע אויגן אַרויסלייענען אַ באַשטעטיקונג צו די שוין אַרויסגערעדטע רייד און דערגיין צום ווייטערדיקן, צום נאָך נישט דערציילטן. יוזשעק האָט זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל, ווי צו מאַכן זיך קוראַזש, און מיט איין זופּ האָט ער עס אויסגעטרונקען, פאַרבייסנדיק מיט אַ שטיקל „קראַקאָווסקין" וואורשט. ער איז מיט וואַקלדיקע טריט אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימער, געזוימט זיך אַ ביסל און טראָגנדיק מיט זיך אַ גאָלדן קידושין־רינגל, האָט ער דאָס שטופּנדיק צו מענדלס אויגן גערעוועט: „נאַ זע, ס'איז „סאַראַס" צי נישט? ייד, נישט גלויבענדיקער! איך גיב דיר דאָס אַוועק, איך דערפיל דערמיט דער אומגליקלעכערס צוואה. און זאָל דאָס זיין אַ כפּרה פאַר מיינע זינד!" — אָפּזאָגנדיק דאָס, האָט ער פאַרגעזעצט: — „עס איז געווען אין אַ פרילינגדיקן אָוונט פאַר דער אַקציע, איידער די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם געטאָ מיט עס־עס־לייט און יעגער־הינט. די

געניוע דאַטע געדענק איך נישט. איך האָב דעמאָלט שוין געטראָפן גייענדיק פון דער אַרבעט צוריק אין געטאָ. האָט זי מיר אַוועקגע־רופן אין אַ ווינקל, און באַשוואוירן מיר דאָס איבערצוגעבן צו דיר, ווען דו וועסט צוריקקומען. זי האָט, ווייזט אויס, געגלייבט אין דיין אומקער. זי האָט געזאָגט: „זאָל דאָס זיין דער לעצטער זכר פון אונדז פאַר מענדלען". איך האָב דאָס רינגל גוט באַהאַלטן. נישט איין מאָל האָב איך שיער נישט אויסגעשטאַנען דעם נסיון און עס געוואָלט אַוועקגעבן פאַר אַ פלעשל. נאָר מיין יידישע נקבה האָט מיר נישט געלאָזט. נישט געלאָזט די נקבה. דאַכט זיך, אָפּגעשמדט — און פאָרט אַ יידישער אָדער... ס'האָט איר אָבער „מאַריאַשן" געגנוג געקאָסט. נישט איין זאַך אירע האָב איך צוליב דעם פאַר־קויפט".

מענדל האָט דאָס רינגל באַלד דערקענט. ס'איז געווען אַן איינ־פאַך גאָלדן רינגל, וואָס ער האָט איר געקויפט צו דער חתונה. ברייט־טער ווי געוויינטלעך, איז אויף דער אַנדערער זייט געווען אויס־געקריצט צוויי זיך דריקנדיקע הענט, מיט די נעמען פון חתן־כלה, און די צייט פון זייער חתונה. מענדל האָט דאָס רינגל צוגעלייגט צו זיינע ליפּן. ער האָט אַ ציטער געטאָן און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין. פאַרשעמענדיק זיך פאַר יוזשעקן, האָט ער אויף גיך אָפּגעווישט די טרערן פון זיינע אויגן. ער האָט זיך ערשט דערמאָנט אין אַ מאָדנער געשיכטע מיטן זעלבן רינגל. און ס'איז אים פריש געשטאַנען פאַר די אויגן זיין אומגעקומענע פרוי און שוויגער. גע־ווען איז דאָס אין זעקס און דרייסיקסטן יאָר, אין אַ פּסחדיקע נאַכט. ווען ער איז געקומען פון בית־המדרש צו פּראַווען דעם סדר, און זיין פרוי, אַן אויסגעפּוצטע, אַ שיינענדיקע, האָט אָנגעגאָסן די כו־סות, האָט ער באַמערקט, אַז דאָס קידושין־רינגל איז נישטאָ אויף איר האַנט. און ווען ער האָט איר אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט, איז זי געוואָרן צעטומלט און עס אָנגעהויבן זוכן. איר מאַמע האָט באַלד אויסגעשפּיגן דריי מאָל און אַ זאָג געטאָן: „אויף אַלע וויסטע פעלדער"...

זי האָט שוין אָבער דאָס רינגל נישט געפונען. ערשט אין אַ צייט אַרום, ווען די דייטשן זענען צום ערשטן מאָל אַריין אין זייער שטאָט, און מענדל האָט גענומען אויסבאַהאַלטן די פּאַפּירן פון אַנ־טי־היטלער־קאָמיטעט, וועמענס אָניציאַטאָר ער איז געווען, האָט

ער עס געפֿונען פֿאַרקייקלט אונטער זיין בעט. פֿון דעמאָלט אָן האָט זי עס שוין נישט אַראָפּגענומען פֿון איר האַנט, ביז זי האָט עס דורך יוזשעקן אים צוריק איבערגעגעבן, ווי אַ לעצטן זכר פֿון זייער פֿאַרשניטן לעבן.

זיין ערשטע ליבע

אין פינף און פערציקסטן יאָר, ווען די דייטשע בעסטיע איז שוין געלעגן אַ געבונדענע צו די פיס פון די קאָאַליציע־אַרמייען און איבער די מרחקים פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד וואו אַ פוילישער ייד איז געווען פאַרוואָרפן האָט זיך שוין געטראָגן די בשורה פון אומקער געמישט מיט טרויער און צער פון ליידיקע היימען, — האָט זיך יאָסל שיינמאַן געפונען אין קאַזאַכסטאַנישן דזשאַמבול.

קיין דזשאַמבול וואָס האָט מער אויסגעזען ווי אַ ריזיק צע־וואָרפן דאָרף איידער אַן „אָבלאַסטנאָיע" שטאָט (וואָיעוודסטווע), איז ער געקומען נאָך אַ ריי וואַנדערונגען, וואָס ער האָט אַדורכ־געמאַכט איבערן גרויסן רוסלאַנד. פון זיין לעצטן אָרט דאָס אוז־בעקישע שטעטל קאַגאַן מיטן פיין געשניצטן עמירס פאַלאַץ, אין שכנות פון דער הייסער בוכאַראַ, איז ער געווען געצוואונגען אַוועק־צופאָרן. נישט צוליבן באַפעל פון פוילישן קאָנסול פאַר די פוילישע בירגער אַריבערצופאָרן קיין דזשאַמבול, האָט ער פאַרלאָזט די שטוי־ביקע פאַרקעטן פון פאַלאַץ, וואו ער האָט אין די נעכט אַוועקגע־לייגט זיין מידן גוף אויף אַ בלויזן שמאַטע־אויסשפרייט, צווישן אַ פאַרשידענעם מענטש־אָפּפאַל, — נאָר ווייל אים איז מיאוס גע־וואָרן דאָס אַרומשלעפן זיך מיט דער באַן אָן אַ ציל, צוזאַמען מיט אַנדערע יידן ווי ער, וואָס האָבן זיך געוואָלט שלאָגן מיטן דייטשן מערדער. און דערפאַר, וואָס זיי האָבן געגאַרט צו ממיתן דעם דייטש, האָט זיי אַנדערס'עס גענעראַל־שטאַב נישט געוואָלט אָנ־נעמען. נישט פאַרגינט האָט ער, דאָס היטלעריסטישע בלוט זאָל שפריצן אויף שאַרף פון יידישן באַגנעט. האָט פוילנס שטאַב צו־נויפגענומען די דאָזיקע צום קאַמף גליסטנדיקע יידן און האָט זיי אַרומגעשלעפט איבער די סאָוויעטישע זייטיקע באַן־ליניעס, ווי מצו־רעים. קיין שום פויליש־מיליטערישע קאָמיסיע האָט זיי נישט גע־וואָלט אָננעמען. נישט צונעמען און נישט באַפרייען. ביז ער האָט

זיך אַליין אַרויסגעריסן פון דאָזיקן הפקר און איז אַראָפּ אין דזשאַמ־בול, וואו עס האָבן זיך געפונען אַ סך יידן.

***

יאָסל שיינמאַן האָט זיך שוין געגרייט ווי די אַנדערע פּוילישע יידן צוריקצופאָרן. ער פלעגט דעריבער אין דער פרייער צייט אַרומקריכן אויפן גרויסן דזשאַמבולער באַזאַר אייננצוקויפן אַ ביסל זאַכן פאַר זיך. ער האָט געוואָלט אויסבייטן זיינע וואַטאָווע טראַנ־טעס אויף אייראָפּעאישע קליידער. און גוטע זאַכן האָט שוין דער דזשאַמבולער באַזאַר, וואָס איז ביז דאַן געווען נאָר אַ באַזאַר פון געמיינע אַלטוואַרג און גראָבע שטאָפן, געהאַט לרוב. עס איז געווען די האָניק־צייט נאָכן זיג איבער די דייטשן. דער באַזאַר, וואָס איז שטענדיק געווען פול פון הענדלער, קונים און סתם גנבים־בראָ־דיאַגעס, וואָס האָבן געזוכט אין דער ענגשאַפט און טומל, אַ גוטע געלעגנהייט אויסצושניידן אַ קעשענע, האָט זיך דאָס מאָל געבראָכן פון כל־טוב.

מען האָט דאָ געקאָנט געפינען די בעסטע מענער־ און דאַמענ־שטאָפן. די שענסטע שמוקזאַכן און די טייערסטע צירונג. אויך יידישע שטייגערזאַכן האָבן זיך ווי אויף אַ יידישע אויסשטעלונג פּלוצים באַוויזן אויפן ווייטן קאַזאַכסטאַנישן באַזאַר. דאָס אַלץ איז געקומען פון די פּעקלעך, וואָס די זין פון קאַזאַכסטאַן האָבן אַהיימ־געשיקט צו זייערע פאַמיליעס, וואָס זיי האָבן צוגענומען ביי די באַזיגטע דייטשע רויבער. אינעם טרויער, וואָס איז אַ ייד באַפאַלן, זעענדיק צווישן דעם דאָזיקן רויב זיידענע און אַטלאַסענע קאַפּאָ־טעס, סאָבעלנע שטריימלעך און טליתים מיט זילבערנע עטרות, איז געווען אַ שטיקל טרייסט, וואָס כאָטש נישט ביי די גיריקע גרעט־כעס זענען געבליבן די דאָזיקע זאַכן.

***

אין דעם טאָג האָט יאָסלען באַזונדער געצויגן אויפן באַזאַר. נאָך אויף זיין הארטן טיש־געלעגער, וואו ער האָט געהיט ודעם ליקווידירטן שניידער־אַרטעל, האָט ער שוין געפּלאַנט, וואָס ער זאָל

היינט קויפן. נאָר צוזאַמען מיט די דאָזיקע פּלענער האָבן זיך אין אים אַריינגעפּלאָנטערט פאַרשידענע געשטאַלטן און זעאונגען פון זיין עבר. זיי האָבן אַריינגעדרונגען אין זיין זכרון און אין זיין פאַר־שטעלונג, אויסמישנדיק זיך צוזאַמען מיט די איבעריקע רעאַלע גע־דאַנקען און פאַרשטעלונגען.

פון דער צייט, זינט עס האָבן זיך באַשטעטיקט די גרויל־ידיעות איבער זיין היים, האָבן זיך די געשטאַלטן פון זיינע נאָענטע און אפילו באַקאַנטע, איינגעגעסן זיך אין זיין דמיון. האָט ער זיך דער־מאָנט אין פאַרשידענע בילדער און היימישע געשטאַלטן פון זיין יוגנט. ער האָט געטרוימט: אפשר פאָרט וועט ער טרעפן אין פאַר־ביקן מענטשן מיש־מאַש אויפן באַזאַר עפּעס אַן אייגענעם, כאָטש אַ פריינד פון אַמאָל. מיט די דאָזיקע מחשבות האָט ער זיך דעם טאָג געגרייט אויפן באַזאַר.

דער באַזאַר, איז היינט נאָך געווען געפּאַקטער און פולער. עס איז נישט געווען וואו אַ שפּילקע אַריינצוואַרפן. מען האָט זיך געמוזט מיט גרויס שוועריקייטן אַדורכשלאָגן אַ שטיקל וועג צו אַ געשטעל אָדער צו אַזוי אַ סחורה אָנגעוואַלגער אויף דער בלויזער ערד. אין דעם דאָזיקן מענטשן־ים, האָט יאָסל זיך שאַרנדיק באַוואויגן טריט נאָך טריט. דאָס פאַמעלעכדיקע שאַרן זיך און די מענטשן־געדיכטעניש, וואָס האָט אפילו פאַרשטעלט די לופט, האָט אים אויסגעמאַטערט. דער זומערטאָג פון קאַזאַכן־לאַנד איז געווען אַ הייסער. און דער לייבער־קנויל פון די צונויפגעדרענגטע מאַסן האָט נאָך ענגער געמאַכט די לופט, פאַרגרעסערנדיק די חמימה. נאָך איניקע מאָל אַדורכגיין דורכן געדיכטן מענטשן־וואַלד איז אים גאָר ענג געוואָרן. ער האָט זיך גענומען אַרויסרייסן פון דער גע־דיכטעניש און גיין אַרויפצו, דאָרט וואו דער באַזאַר ווערט שיטע־רער פון מענטשן און דערנעענטערט זיך צו דער דערביי שטייענ־דיקער „טשייכענאַ". ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ סחורה אָנגע־וואַלגער וואו עס האָט זיך געפונען אַן אויסגעמיש פון פאַרשידענע זאַכן. פון לעדערנע וואַליזעס מיט צילינדער־הוט, ביז העמדער מיט חסידישע קעלנער און חסידיש־גבירישע געמזאָווע שטיוועלעך. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען פאַרשידענע יידישע זילבער־חפצים. אַראָפּבויגענדיק זיך צו דער ערד, האָט יאָסיל גענומען נאָ־רען צווישן די דאָזיקע זאַכן, מיט דער דעה אויסצוזוכן עפּעס אַ

צייכן פון דער היים. פאַרטאָן מיט אַלע חושים אין דער דאָזיקער אַרבעט, האָט ער נישט באַמערקט, ווי אַ פרוי דערנעענטערט זיך צו אים. די פרוי, ווי נישט גלייבענדיק אירע אייגענע אויגן, האָט זיך געוואָלט גוט איינקוקן אין אים. זי האָט מורא געהאַט, טאָמער איז עס ווידער אַן אויסדוכטעניש, מיט וואָס זי איז שוין אייניקע מאָל נכשל געוואָרן. האָט זי דעריבער נישט געוואַגט צוצוגיין צו אים נעענטער און אָנהייבן רעדן, ביז ער וועט זיך אַליין נישט אויפשטעלן און זי וועט אים פון דער זייט גוט באַטראַכטן.

נאָר פלוצים, ווי געטראָפן פון אַ ביס פון אַ שלאַנג, האָט זיך יאָסיל „אויפגעכאַפּט" פון דער דאָזיקער אַרבעט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און דערזען אַ טונקל־בלאָנדע פרוי אין די פערציקער יאָרן. דאָס געשטאַלט האָט אים אויסגעזען באַקאַנט. ער האָט זיך אָבער גלייך נישט געקאָנט דערמאָנען, וואו ער האָט איר געזען און ווער זי איז. די פרוי האָט זיך צו אים דערנעענטערט, און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט אַ וואָרט אויסצורעדן, האָט זי שוין אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן געשריי: — „אוי, יאָסיל, דאָס ביסטו דאָך!" — און איז געפאַלן אין אָנמאַכט... ס'איז געווען זיין ערשטע געליבטע חוהלע שלאָסבערג.

***

עס איז געווען אין דער צייט, ווען יאָסיל האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון פוילישן מיליטער. די שיינע חוהלע, זיינע אַ שכנה, דעם דיינס טאָכטער, איז איין מאָל אַריינגעקומען צו אים אין קראָם, וואו ער איז געשטאַנען אונטערן טו־באַנק, און האָט געבעטן ביי אים דעם „היינט" איבערצוליינען. עס איז געווען אַ סענסאַציאָנעלער נומער. די צייטונג האָט באַשריבן, ווי אַזוי דער „ענדעק" ניעוויאַדאָמסקי האָט דערמאָרדעט דעם ערשטן פוילישן מלוכה־פרעזידענט נאַרוטאָוויטש, וואָס איז געפאָרן אויף אַ באַזוך אין וואַרשעווער „זאַכענטאַ". און אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן. חוהלע האָט געליען און ער יאָסיל איז געגאַנגען אָפּנעמען. אין אָנהייב נישט דרייסט, שפּעטער איז ער שוין געוואָרן היימישער. אויך חוהלע איז צו אים געוואָרן נעענטער. איר פאָטער, ר' לייבוש דיין, האָט אים שוין געבעטן, ער זאָל פאַרהערן די קינדער. און זי אַליין

האָט אים שוין אַריינגעבעטן צו זיך אין צימער. „זעצט זיך יאָסיל", האָט זי מיט אַ צערטלעך־וואַרעמע שטימע געזאָגט און גלייך אָנ־געהויבן מיט אים שמועסן איבער פאַרשידענע פּראָבלעמען. איר שטימע האָט אים אַלע מאָל געקלונגען וואַרעמער, צערטלעכער. זי האָט אים אויסגעזען וואָס אַ מאָל שענער, באַחנטער. ביז זיין האַרץ האָט אין אים שטאַרקער אָנגעהויבן קלאַפּן, זיך גענומען צאַפּלען אין זיין ברוסט, ווען זי פלעגט נאָר פאַרבייגיין פאַרביי זיין קראָם. פון דעמאָלט אָן האָט אים צו איר געצויגן, ווי שטאָל צום מאַגנעט. ביז זי, חוהלע, האָט זיך אין גאַנצן אין אים באַזעצט, אָט אַזוי זיך באַזעצט ווי זי שטייט און גייט... און ער האָט אָנגע־הויבן פאַרנאַכלעסיקן די געשעפטן, ווייל גאַנצע נעכט האָט ער שוין ביי איר פאַרבראַכט. זיין מאַמע, די אלמנה, האָט גענומען שרייען, אַז אַ דיבוק איז אין אים אַריין; אַז די מויד האָט אים אָפּגעטאָן אַ כישוף ר"ל. און די מאַמע האָט נישט געוואָלט דעם שידוך. זי האָט געפּליסטערט, אַז חוהלע איז אַ באַרעדטע... און ער, יאָסיל, אַליין האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. ער האָט נישט גע־וואָלט זיין מאַמען, דער אלמנה, מצער זיין. אויך דעם אייגענעם צער האָט ער נישט געוואָלט פאַרטראָגן...

די מאַמע איז אַלע מאָל געוואָרן צאָרנדיקער, צערייצטער, ביז זי האָט אָנגעהויבן זיין חוהלען צו באַליידיקן מיט די ערגסטע באַליידיקונגען. יעדע באַליידיקונג איז געווען ווי אַ גליענדיקע פייל געוואָרפן אין זיין האַרץ. יאָסילס לעבן איז דעמאָלט געווען ווי אַ טייך, וואָס איז צעשניטן אויף צוויי שטראָמען: איין שטראָם איז געווען אויף דער זייט פון דער מאַמען. דער דאָזיקער, וואָס איז באַ־שטאַנען פון אַ קאַלט דורכזיכטיק וואַסער, — האָט אויך אַרויסגע־צויגן אַלע אויספירן פון דער נישט פּראַקטישקייט פון דער דאָזיקער פאַרליבעניש. —

„מיט בלויזע ליבע, שמיבע וועסטו נישט לעבן, זון מיינער. די פאַרפירעניש וועט אַוועקגיין און דו וועסט בלייבן ביי אַ ליידיקער קאָרעטע", האָט זיין מאַמע געטענהט.

און דער צווייטער שטראָם, דווקא דער נישט־קלאָרער, האָט אים אַזוי געוואַרעמט דאָס האַרץ; האָט געמאַכט שטאַרקער רייז־לען אין אים דאָס בלוט, גרינג געמאַכט אים דאָס געמיט און האָט אויף זיין לעבן אָנגעהאָנגען פליגלען... אָ, ווען ער וואָלט געקענט

אויפבויען אַ קאַנאַל צווישן זיי און ביידע שטראָמען צונויפגיסן...
אַזוי האָט ער זיך געמאַטערט לאַנגע חדשים, ביז איין מאָל אַן אָוונט, ווען ער האָט פאַרבראַכט ביי איר ביז אין דער שפּעטער נאַכט, האָט ער אַזוי האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס אַ זאָג געטאָן: — „ווייסט. חוהלע, איך גיי חתונה האָבן". און חוהלע האָט אויף דעם געענטפערט: „ווער לאָזט דיר נישט". אין אַ קורצע צייט אַרום, האָט ער שוין געשריבן תנאים מיט אַן אַנדערער. ווען ער איז צוריקגעקומען פון די תנאים, האָט חוהלע אים באַגעגנט מיט ביטערע טרערן און תחנונים און האָט אים געבעטן, ער זאָל צוריקשיקן די תנאים און מיט איר חתונה האָבן. אַ נישט קומט איר אויס צו נעמען זיך דאָס לעבן.

זי האָט זיך דאָס לעבן נישט גענומען, נאָר זי האָט פאַרפאַקט די זאַכן און איז אַוועקגעפאָרן אין אַ ווייטער שטאָט, וואו זי האָט חתונה געהאַט מיט אירס אַן אַלטן באַקאַנטן, מיט וועמען זי האָט פאָרן פאַרליבן זיך מיט יאָסלען, נישט געוואָלט חתונה האָבן.

**
*

ווען חוהלע איז געקומען צו זיך, האָט זי זיך שוין אָנגעהאָנגען אויף יאָסילס האַלדז און איינזויגנדיק אירע ליפּן אין זיינע, האָט זי פאַרגאַפט, מיט דער עקסטאַז פון אַ בין וואָס זויגט דעם בלומען־שטויב, אָפּגעזויגן אַ גליענדיקן קוש אויף יאָסילס ליפּן. זיי זענען אין דער נאָענטער „טשייבענאַ" שוין געגאַנגען צוזאַמען. די „טשייבענאַ", אַ נידעריקע הילצערנע הייזקע, איז געווען שוואַרץ פון טאַבאַק און „נאַרגילאַ"־טשאַד. דער שוואַרצער נעפּל האָט זיך אויסגעמישט מיט אַ שווייסיקער פייכטקייט פון די פעט־לייביקע קאַזאַכן. די לופט איז געווען אומדערטרעגלעך. אַרום די טישן זענען געזעסן קאַזאַכן, וואָס האָבן געגעסן דעם האַלב־געבראָטענעם פעטן „שאַשליק" און פאַרטרונקען מיט ביר. אַנדערע האָבן געטרונקען גרינעם טיי, פאַרבייסנדיק מיט „קיש־מיש" (ראָזשינקעס). זיי זענען היינט געווען גאָר באַזונדערס אויפגעלייגט די קאַזאַכן. זיי האָבן זיך באַלעקט מיטן פעטן „שאַשליק", וואָס האָט אַריבערגערינט איבער זייערע מיילער, און האָבן הנאה געהאַט פון די „מתנות", וואָס זייערע העלדישע „באַיצעס" האָבן זיי געשיקט פון ווייטן בערלין. זיי האָבן

אַרויסגענומען פון די ברייטע קעשענע־זעק פאַרשידענע זאַכן און זיך געריכט איינער מיטן אַנדערן איבער זייער ווערט. אַ שוואַרצע מיטל־יעריקע קאַזאַכקע מיט אַ ברייטן פּנים און צעצונדענע שיפּע אויגן, האָט אַרויסגענומען אַ נײַ זיידן שאַליק־טליתל, און האָט עס מיט פון „שאַשליק" צעפּעטצטע הענט, ווי אַ קופּאָן־שטאָף צוגעלייגט צו אירע שולטערן. די האַלב־שיכורלעכע קאַזאַכן האָבן איר באַ־וואונדערט: — „אַ שיינע, שיינע בלוזקע וועט דערפון זיין" און איר דערזוויל אַרומגענומען מיט פאַרטאַיעטע תאווהדיקע בליקן. אינ־דרויסן האָט אַן אייזעלע אויסגעריטשעט איר גליסטעניש אין ליי־דיקן חלל אַריין, וועמענס עכאָ האָט זיך דורך דער צעעפנטער טיר איבערגעגעבן אין דער פון רויך און פאַרע אָנגעפולטער „טשייכענאַ".

אָפּרוקנדיק זיך וואָס ווייטער פון די פון נחת צעשמאָלצענע קאַזאַכן האָבן זיי גענומען אַ טשייניקל טיי און יאָסיל האָט איר געבעטן צו דערציילן, ווי אַזוי זי קומט אַהער. ער האָט געוואָלט וויסן, וואָס ס'איז געשען מיט איר ביז היינט. דער עיקר אָבער איז אים געגאַנגען אין עפּעס אַנדערש. אין עפּעס וויכטיקערס... ער האָט געוואָלט וויסן, צי זי איז אַליין, און דאָס צו פרעגן איר האָט ער נישט געהאַט קיין האַרץ. זי וועט שוין אַליין דערציילן, האָט ער געטראַכט.

— „ווען איך בין אַוועקגעפאָרן פון אונדזער שטאָט — האָט חוהלע אָנגעהויבן — בין איך גלייך געפאָרן צו מיין באַקאַנטן ישראלקע זילבערשטיין. ווייסט דאָך, אַז ער האָט אַ גאַנצע צייט מיר געמאַטערט, איך זאָל מיט אים חתונה האָבן. איך האָב דע־מאָלט נישט געוואָלט, בפרט אין דער צייט, ווען איך האָב דיר אַזוי ליב באַקומען. נאָר אַז דו האָסט מיר אָנגעטאָן די חרפּה און האָסט מיר איבערגעלאָזט אַליין, האָב איך קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. מיין פאַרשטאָרבענער מאַן האָט זיך זייער דערפרייט מיט מיין קומען און האָט באַלד מיט מיר חתונה געהאַט. ער האָט שוין לאַנג אויף דעם אויסגעקוקט. געלעבט האָבן מיר צופרידן. ער האָט אַלס מעכאַניקער גוט פאַרדינט און האָט מיר ליב געהאַט מיט אַן אמתער ליבע. נאָר איך אַליין האָב זיך די ערשטע צייט נאָך געשטיקט מיט מיינע געפילן. — דו ביסט פון מיר אין גאַנצן נישט אַרויס. נאָר ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָב איך זיך צו אים אָנגעהויבן צוג־געוויינען. בפרט אין דער לעצטער צייט. און איך וואָלט אפשר מיט

דער צייט אין דיר אין גאַנצן פאַרגעסן. האָט אָבער דער גורל געוואָלט, אַז מיר זאָלן נישט אויף שטענדיק זיין צעשיידט. וואָלט דיין מוטער אַצינד געלעבט, יאָסיל, וואָלט זי אַליין צוגעגעבן, אַז ס׳איז באַשערט, מיר זאָלן זיך צוריק פאַראייניקן. וואָרעם שטעל דיר פאָר, ווען דער דייטשער טייוול איז אַריין צו אונדז אין שטאָט, האָט ער נאָך נישט געמאָרדעט קיין יידן. ס׳איז נאָך געווען פריצייטיק. קיין געטאָ איז נאָך אויך נישט געווען. און דווקא דאַן איז שוין דער גורל געפאַלן אויף מיין אומגליקלעכן מאַן, ער זאָל דורך די דאָזיקע באַרבאַרן אומקומען. געווען איז עס אין די ערשטע וואָכן, ווען זיי זענען אַריין. זיי האָבן געכאַפּט יידן אויף אַרבעט צו פאַרריכטן די בריקן. און צווישן די געכאַפּטע איז אויך געווען ישראלקע. ער האָט זיך פּונקט דעם טאָג געפילט זייער שוואַך. און דאָס האָט צוגעאײַלט זיין טויט .דער דייטשער אַרבעטס־אויפזעער האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אַ שווערן קלאָץ. ישראלקע האָט אים נישט געקאָנט טראָגן. ער האָט זיך געבעטן ביים אויפזעער, מען זאָל אים געבן אַ גרינגערן. איז דער דייטשער באַנדיט געוואָרן מלא רציחה.

— „וואַס? דו קאַנסט נישט טראַגן ,שמוציקער יודע?״ האָט ער געריטשעט, און האָט אים מיטן גאַנצן כוח אַ שטויס געגעבן, צווינגענדיק אים פאָרויסצוגיין מיט דער משא. און ווען ישראלקע איז אומגעפאַלן אַ צעבלוטיקטער מיט דער שווערער משא, האָט עס דעם דייטש אין אָנבליק פון בלוט נאָך מער צערייצט און ער האָט ווי אַ ווילדע חיה זיך אין גאַנצן אויף אים געוואָרפן, דערשלאָגנדיק אים צום טויט, מיט דער קאָלבע פון זיין ביקס. אַזוי איז נאָך אין די ערשטע וואָכן מיין מאַן אומגעקומען מיט אַ שרעקלעכן טויט, פון די הענט פון די רוצחים.

די דייטשן זענען אין שטאָט לאַנג נישט געווען. די סאָוויעטן האָבן זיי געטווישט. פון דעמאָלט אָן האָב איך גענומען טראַכטן צו פאַרלאָזן די שטאָט. דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיך אַזוי באַהערשט, אַז ער האָט פאַרנומען מיין גאַנצן מהות. איך האָב מער נישט געוואָלט בלייבן אין דער דאָזיקער שטאָט פון מיין אומגליק, ווי די שטאָט אַליין וואָלט אין דעם געווען שולדיק. מיטן דאָזיקן געדאַנק האָב איך געלעבט אין די טעג און געחלומט אין די נעכט. איך האָב געוואָלט זיין וואָס וויטער נישט נאָר פון דער שטאָט, נאָר פונעם גאַנצן דייטשן מערדער־געזינדל. אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד האָב

איך אָבער נישט געקענט. האָב איך נישט געהאַט קיין אַנדער עצה ווי נאָר צו פאָרן נאָך רוסלאַנד. דאָ אָבער אין ווייטן רוסלאַנד האָב איך זיך דערפילט שטאַרק איינזאַם און איך האָב אין ערגעץ זיך נישט געפונען קיין אָרט. אַ טיפע בענקעניש נאָך אַ נאָענטן האָט גענומען נאָגן מיינע ביינער. איך האָב געהאַט דאָס באַדערפעניש אויפצולייזן מיין איינזאַמקייט און טרויער, וואָס האָט געפרעסט מיין האַרץ, צווישן אייגענע. און די אייגענע זענען נישטאָ. די דייטשן האָבן זיי אויסגעשאָכטן. אַזוי האָב איך זיך געשלעפּט פון שטאָט צו שטאָט, ביז איך בין געקומען אין דזשאַמבול. נאָר דאָ אין דזשאַמבול האָט מיר עפּעס אַן אומבאַוואוסט געפיל „אונ־טערגעזאָגט", אַז איך וועל עמעצן טרעפן. וועמען, האָב איך נישט געוואוסט. אָבער ס'איז געווען פאַר מיר גענוג, ווער עס זאָל נישט זיין, אַבי אַ היימישער. געטריבן פונעם דאָזיקן גע־פיל, האָב איך זיך גענומען ווי אַ שאָטן אַרומשלייכן איבער די מערק און באַזאַרן, וואו עס קומען זיך צונויף פיל מענטשן. און נישט איין מאָל בין איך שוין געווען פאַריאושט, ווען איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז מיינע בלומרשטע נאָענטע אָדער באַקאַנטע זע־נען אַ בלויזער מיראַזש, אַן אָפּנאַרעכץ פון מיין צעהיצטער פאַנ־טאַזיע אָדער אַ טעות פון מיין אָפּגעשוואַכטן בליק. פון דעסט וועגן האָט מיר דאָס דאָזיקע געפיל נישט אָפּגעלאָזט, ביז עס האָט מיר ווי אַ ליכטיקער וועג־ווייזער געוויזן דעם וועג צו דיר. און אַזוי האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט. און איך גליב, מיין טייערע, אַז דאָס מאָל וועט מיר שוין דאָס דאָזיקע געפיל נישט פאַרפירן" — האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ שלוכצעריי, ווי גערירט און באַהערשט פון אירע אייגענע רייד.

***

יאָסיל האָט איר אויפמערקזאַם אויסגעהערט. ער איז געווען גערירט פון איר דערציילונג. ס'איז איינע און די זעלבע געשיכטע, האָט ער געטראַכט. אויך ער האָט דאָך שוין קיינעם נישט. און אויך ער האָט דאָך אויף אַזאַ אופן זיך אַרומגעשלייכט מיט דער כוונה צו טרעפן עמעצן. און ביידע האָבן געזוכט דעם עמעצן... אַזוי האָבן זיך, נישט ווילנדיק ביידענס כוונות מצרף געווען, באַהאַפטן. זייע־

רע פאַרגעפילן האָבן זיך „צוזאַמענגעטראָפן", נאָך איידער זיי האָבן זיך אין דער ווירקלעכקייט געטראָפן. און דאָס פּערזענלעכע טרעפן זיך, זעט ער איין, דאַרף שוין זיין דער לעצטער אויספיר פון דעם אַלעמען...

ער האָט איר ליבלעך אָנגענומען ביי דער האַנט און האָט, שטיקנדיק זיך פון טרערן , אַרויסגעמורמלט: „זיי רואיק, חוהלע, מיר וועלן זיך שוין מער נישט צעשיידן. מיר זענען פון דער מינוט פאַראייניקט אויף אייביק". ער האָט איר צערטלעך גענומען אונטערן אָרעם און איר אַוועקגעפירט אויף זיין קוואַרטיר. נאָך אַ קליינער פויזע, וואָס איז איינגעטרעטן, האָט יאָסיל, ווי פילנדיק די חשיבות פון זיינע איצטיקע רייד, אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו רעדן, ציילנדיק זיינע ווערטער, ווי מען ציילט פּערל.

— „חוהלע, לאָמיר פון היינט אָן פאַרגעסן אין אַלץ, אויסער איינס, וואָס מיר דאַרפן געדענקען. פאַר אונדז, און פאַר אַלע דורות. — דאָס, וואָס דער דייטשער עמלק האָט מיט אונדז געטאָן. מיר הייבן היינט אָן אַ נײַ לעבן. און לעבן דאַרפן מיר אַצינד, שטאַרקער, האַסטיקער. יעדער איינער פון אונדז דאַרף היינט לעבן פאַר צוויי, פאַר דריי, און פאַר צען אומגעקומענע יידן. און נישט נאָר פאַר די פּערזענלעך אומגעקומענע, נאָר אויך פאַר דעם „דערמאָרדעטן" נאָכוואוקס. — און אויס מיטן טרויער, מיטן פאַרצווייפלען, מיט די גריבלענישן... אַ פרייד, אַ מעכטיקע לעבנס־פרייד, דאַרפן מיר פון זיך אַרויסבאַשאַפן. אַזוינס, וואָס זאָל אַרויסשרייען פון אַלע אונדזערע גלידער, פון אונדזער גאַנצן געביין. אונדזער יידיש בלוט דאַרף באַקומען אַ נייעם לעבנס־עלעקסיר, וואָס זאָל טוויזנט־פאַכיק זיין שטאַרקער ווי דער פריערדיקער. מיר דאַרפן אַרויסשטורעמען פון זיך די אַמביציע צו אַ באַנייט לעבן. נישט נאָר „ובחרת בחיים", נאָר „ושמחת בחיים" (פריי זיך מיטן לעבן!) איז אונדזער לאָזונג פון היינט. — ווייל וואו ס'איז נישטאָ קיין לעבנס־פרייד, איז אויך נישט פאַראַן די פאַרביסענע עקשנות צו לעבן. און מיר דאַרפן אַצינד, ווי די שמעטערלינגען אויסטאַנצן אונדזער לעבנס־שיכרות, כדי אין דער אייביקייט אַריינצולעבן... און דו, חוהלע, מוזט ווערן אַ מוטער, אַ געזונטע יידישע מוטער, אָט אַזוי ווי אונדזערע מאַמעס און באָבעס. און איך דאַרף ווערן אַ פאָטער, אַ געזונטער פאָטער ווי אונדזערע טאַטעס און זיידעס. און אויס מיט אַלע שוואַכקייטן, מיט

קרעכצעניש און אָכצעניש. דאָס זאָל זיין אונדזער נקמה אין עמלק, ביז... ביז... ער וועט באַקומען זיין באַצאָל".

**
*

אַ שטילקייט, אַן ערנסטע שטילקייט, איז נאָך דעם איינגע־טרעטן אין דער ליימענער כאַטע. זיי זענען שוין ביידע געווען מאַט פון טאָג און פון דער פרייד פון צוזאַמענטרעף. אויסגעהונגערט נאָך לייב, פאַראייינזאַמט, טיף געטראָפן אין זייערע געפילן, — האָט דער דרימלענדיקער פונק פון זייער אַמאָליקער ליבע, אַצינד נאָך מער אויפגעפלאַקערט. און דער אויפגעבלאָזענער פלאַם האָט געזוכט זיין אויפלייזונג און באַרואיקונג... ער האָט איר איינגע־שלאָסן אין זיינע אָרעמס, און איר באַוואָרפן מיט צערטלעכקייטן. זייערע לייבער האָבן זיך באַהאָפטן, געוואָרן איינס... און אַ פאַר־שיכורנדיקע זיסקייט האָט אָנגעטרונקען זייערע דאָרשטיקע גלי־דער... ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט, איז די קאַזאַכסטאַנישע זון שוין געשטאַנען הויך אין הימל.

אַ פייגעלע האָט דורכן אָפענעם פענצטער אַריינגעשוועבט אין זייער צימער, און האָט מיט אַ פריידיקן שבֿרים־תּרועהדיקן טרעל, מיטן נייעם טאָג זיי באַגריסט.

פֿערעלע די ראָנטשיכעס

ווען אין דער פֿעסטונג־שטאָט ביים בוג איז אָנגעקומען די עס־עס־קאָמאַנדע מיטן אָבער־שטורעם־פֿירער אָבערסט פֿאָן פֿונק, האָט פֿערעלע די ראָנטשיכעס דאָ שוין געוואוינט מיט איר מאַן און קינדער. אָבערסט פֿאָן פֿונק איז געווען אַן אָפֿיציר פֿון אַ פּרייסישע יונקער־פֿאַמיליע. זיינע אבות־אבותיו זענען געווען גרויסע גרונט־באַזיצער און אָפֿיצירן פֿון דער קייסערלעכער אַרמיי. און דאָס דאָזיקע איז געווען פֿאַר זיי אַזוי נאַטירלעך, ווי עס איז נאַטירלעך דאָס דייטשע ביר און דער קאָניאַק, די „שפּיק־דוט" און דער מאָנאָקל.

פֿאָן פֿונק האָט געירשנט פֿון זיינע עלטערן אַלע דייטשע אייגנשאַפֿטן און מאַניערן. ער האָט געירשנט די פּרייסישע טעמפּע פֿאַריסנקייט און די תמעוואַטע פֿאָלגעוודיקייט פֿון דער סאָלדאַטעסקאַ. ער האָט זיך דערוואָרבן דעם שראַם ווי דעם צייכן פֿון ריטערלעכקייט און דייטשער ערע און דאָס יעזואיטישע שמייכעלע וואָס האָט אַלץ פֿאַרהוילן, באַווייזנדיק זיך אויף זיין פּנים אין אַלע נויטיקע סיטואַציעס. זיין באַשטימונג אין דער עס־עס פֿאַר די ספּעציעלע אויפֿגאַבן פֿון יידן־אויסראָטונג האָט מיט גאָרנישט באַאומרואיקט זיין יונקערישן געוויסן. דאָס איז געווען פֿאַר אים אַזוי נאָרמאַל, ווי ס'איז נאָרמאַל דאָס יאָגן זיך נאָך האָזן און צילן זיך אויף פֿייגעלעך אין זיין מזרח־פּרייסישן גוט. נישט אומזיסט האָט הימלער אים געשיקט אין דעם גרויסן יידישן ראַיאָן, וואו זיין בלוט־דורשטיקע מאַכט האָט זיך געדאַרפֿט פֿאַרשפּרייטן ווייט, איבערן בוג. ער האָט שוין געהאַט אַ גרויסע דערפֿאַרונג, אָבערסט פֿאָן פֿונק. מיטן יונקערישן שמייכעלע און מאָנאָקל אין אויג, האָט ער נישט איין דייטשן סאָלדאַטן־שוואַכלינג געלערנט ווי אַזוי מען צעקוועטשט אַ קינדערש קעפּל אָן איבעריקן צייט־פֿאַרלוסט, אָן איין קויל, וואָס איז אַזוי נויטיק פֿאַרן פֿראָנט. דער געסטאַפּאָ־הויפּט האָט נישט געדאַרפֿט גאָר־באַזונדערס אַרויסרופֿן זיין אכזריות און חיה'שן סאַ־

דיזם קענען די יידן, מיטן מאָטיוו פֿון די יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס קעמפֿן אַזוי חוצפּהדיק אינעם דאָזיקן ראַיאָן קעגן דײַטשן געווער. ס'איז נישט נויטיק געווען. ער אַליין האָט געהאַט גענוג כּוח צו דעם ווי ער האָט גענוג כּוח צו זײַנע איבעריקע קרענקלעכע לוסטן...

גלײַך ווי דער אָבער־שטורעם־פֿירער איז אַהער אָנגעקומען, איז געוואָרן אַ שרעקלעכע בהלה צווישן די נידערגעשלאָגענע יידן. זײַן נאָמען איז אים פֿאָרויסגעגאַנגען ווי דער נאָמען פֿון בלוטיקסטן תּלין. און ער האָט טאַקע געוויזן, וואָס ער קען, פֿאָן פֿונק. ער האָט זיך אין יעדער אַקציע אַליין באַטייליקט, וווײַזנדיק אַ מוסטער פֿאַר זײַנע מערדער־יונגען. און אָנגעהויבן האָט ער מיט דער אַקציע פֿון פֿאַרניכטן די יידישע קינדער. דאָס איז געווען זײַן ערשטער אַרויספֿאָר. אין דער דאָזיקער אַקציע זענען פֿערעלעס קינדער אויך אַרײַנגעפֿאַלן.

**
*

פֿערעלע שולמאַן האָט מען אין איר געבוירן־שטאָט גערופֿן נאָך איר מאַמען, מיט אַ טאָפּלטן צונאָמען. איר מאַמע מאַשע זעל־מאַן האָט מען ביזן אַרײַנקומען פֿון די דײַטשן אין זייער שטאָט בײַ דער ערשטער וועלט־מלחמה גערופֿן מאַשע די ראָנטשיכע נאָך איר מוטער ראָנטשע. איר מאַן אברהם־יצחק זעלמאַן, אַ ייד אַ חלוש און אַ בן־תּורה, איז געווען אַ האָלץ־סוחר. אין די גוטע יאָרן האָט ער אַליין געהאַקט וואַלד און דאָס געהילץ געשיקט קיין דײַטשלאַנד. ווען ער איז געוואָרן אַ יורד, האָט ער זיך נאָך נישט געוואָלט שיידן מיט דער בראַנזשע, ווערנדיק אַ מעקלער בײַ אַנ־דערע האָלץ־סוחרים. נאָר אויך דאָס האָט נישט געהאָלפֿן און ער איז געוואָרן אָרעמער פֿון טאָג צו טאָג. זײַנע מסחרים מיט די דײַטשן און דאָס קומען צו אים אין שטוב פֿון דײַטשע סוחרים האָט זײַן משפּחה, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿינף פֿערזאָן, אין דעם צווײַי מיידלעך מיט אַ קראַנקן זון אַן אלמן, צו זיי דערנענטערט. דער קראַנקער זון איז געווען פֿון די געציילטע משכּילים אין דער חסידישער שטאָט, וואָס האָט גערעדט אַ גוטן בערלינער דײַטש און האָט באַהערשט די דײַטשע קלאַסיקער.

אין די לעצטע יאָרן פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז שוין אברהם־יצחק זעלמאַן געווען אין גאַנצן אַן אויסגעשפּילטער.

ער איז געוואָרן רעזיגנירט און האָט פאַרלוירן יעדן ווילן עפּעס אונטערצונעמען. דעמאָלט, האָט די פירונג איבערן הויז איבערגענומען זיין פרוי די אשת־חיל מאַשע די ראָנטשיכע. זי איז געווען אַ הויכע שיינע פרוי אין די מיטעלע יאָרן. זי האָט געהאַט אַ גאָר באַזונדערן איידעלן גאַנג. געגאַנגען איז זי אויף די שפּיץ־פינגער ווי נישט אָנרירנדיק די זינדיקע ערד, ווי זי וואָלט געשוועבט אין דער לופטן. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט אויף די ברוסטן, נישט וועלנדיק זיך צונויפטרעפן מיט עמעצנס בליק. אין איר פאַמעלעכדיקן גאַנג, ציילנדיק די טריט ווי מען ציילט פּערל, איז געווען אי איידלקייט אי פאַריסנקייט, צוזאַמען מיט אַ פאַרביטערטקייט און כעס אויף דער גאַנצער וועלט.

אויך פּערעלע אין אירע מיידעלשע יאָרן האָט געהאַט דעם דאָזיקן שוועבנדיקן גאַנג, נאָר אָן דער מוטערס פאַרביסנקייט. ביי איר איז עס נאָך אויסגעקומען גראַציעזער און שענער. זי איז געווען אַ שלאַנקע ווי אַ יונגע שלאַנקע סאָסנע. אַ ברונעטקע מיט אַ פּאָר קיילעכדיקע שוואַרצע אויגן און אַ ווייס אַלבאַסטער־געזיכט, וואו איר הויט האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום קנייטש און ראַץ. אָט אַזוי ווי נאָר וואָס אַרויס פון דער מוטערס טראַכט. איר בלאַס קיילעכדיק פּנים האָט פאַרגרעסערט די גראַציעזע איידלקייט פון איר געשטאַלט, צוגעבנדיק איר אַ באַזונדערן חן.

אָבער דער עיקר האָט זי פאַרכישופט מיט אירע אויגן. דאָס זענען געווען אַ פּאָר שוואַרצע „קאָליעס", וואָס האָבן געפינקלט, זיך געמיניעט און שעמערירט מיט זייער אייגנאַרטיקן שוואַרצן גלאַנץ. ווען זיי האָבן אויף עמעצן געקוקט, האָבן זיי ווי די ריינסטע דימענטן אַרויסגעשלאָגן פון זיך אַזאַ שטראַליקן שימער, וואָס האָט אַדורכגעדרונגען יענעמס אויגן־טיפקייט און האָבן אים אין גאַנצן געפאַנגען.

***

ווען אין אַ געוויסן טאָג פון ניינצן הונדערט פופצן האָט דער דייטשער צעפּעלין אַרומגעקרייזט דאָס הויז פון זייער שטאָט, וואו עס האָט זיך געפונען די גאַנצע ראַיאָנע און שטאָטישע מאַכט פון צאַר, אַראָפּוואַרפנדיק די ערשטע באָמבע, האָט זיך פּערעלעס פאַמיליע צוזאַמען מיט נאָך צענדליקער יידישע פאַמיליעס, וואָס זע־

נען אָנגעלאָפן פון די אַרומיקע שטעטלעך, באַהאַלטן אינעם גרויסן קעלער פון גבירס געמויערט הויז. נאָך די ערשטע אויפרייסן פון צעפּעלין האָבן זיך דערהערט פון אונטערן טייך־ברוק האַרמאַטן־זאַלפן, וואָס עס האָט אָפּגעגעבן די דייטשע אַרטילעריע לכבוד די אָפּטרעטנדיקע צאַרסקע קאָזאַקן. די אין קעלער צונויפגעדרענגטע יידן האָבן זיך דאַן אויסגעצויגן אויף דער פייכטער קעלער־ערד און האָבן אין פּחד און אין מורא פאַר זייער לעבן אין דער שטיל מתפּלל געווען צום בורא, זיי זאָלן אַרויס פון דער לעבנס־סכנה. קיינער פון די באַהאַלטענע יידן האָבן די דייטשן נישט ליב געהאַט. כאָטש זיי האָבן דעם צאַר אויך נישט ליב געהאַט, בפרט זיינע ווילדע קאָזאַקן, וואָס האָבן נאָך אין דער לעצטער מינוט פון זייער אָפּטרעטן פון שטאָט אויפגעהאַקט יידישע קראָמען און זיי צעראַ־בירט אָדער סתם אַזוי אונטערגעצונדן אַ פּאָר הייזער, עס זאָל זיי זיין ליכטיקער אויפן וועג. האָבן זיי פון דעסט וועגן נישט געוואָלט „פּאָניען" פאַרבייטן אויפן מלכות פון ווילהעלם דעם צווייטן. זיי האָבן פון רוסלאַנד פאַרט געצויגן זייער חיונה. די סטאַציאָנירנדי־קע אין שטאָט פאָלקן האָבן געדאַרפט אָנקומען צו יידישע „פּאָ־דריאַטשיקעס" און זייערע אַרויסהעלפערס. מיט „פּאָניען" האָט מען געקענט מאַכן „חצי" (העלפט אויף העלפט) און אין אַ עת־צרה האָט מען געוואוסט וואו אַריינצושטופּן אַ פּינפערל... אויך דאָס פּויערל, פון וועמען די גרעסטע טייל יידן האָבן געצויגן זייער הויו־נה, איז געווען אַ רוסישס, האָט מען זיך שוין געוואָלט האַלטן ביי דער אַלטער צרה, ביים מלכות רוסלאַנד. און פרומע יידן האָבן דייטשלאַנד נישט געקענט ליב האָבן. עס האָט געשמעקט מיט חדש. — מיט קורצע הלבשה און אַראָפּגעדאַרפן דעם עול־שמים. אויסער דעם האָבן יידן פיינט געהאַט דעם דייטש, ווייל ער איז אַ פרעמדער, וואָס גייט אויף זייער היים־לאַנד. ער איז אַן אָקופּאַנט און איז אַ שותף צום טערק, וואָס לאָזט נישט אַריין קיין יידן אין הייליקן לאַנד. און שטיבל־יידן און אַזוי יידן, וואָס זענען מבינים אויף פּאָלי־טיק, האָבן בחוש פאָרויסגעזען דעם דייטשס מפּלה. כאָטש די גרעסטע מפּלה האָבן זיי פאָרויסגעזאָגט דעם טערק, האָבן זיי פון דעסט וועגן פאַרן „יעקע" אויך אַ נישקשהדיקע רעזערווירט. — אַזוי האָבן די יידן פון דער חסידישער שטאָט געטראַכט און געוואָלט. נאָר מאַשע די ראָנטשיכע האָט אַנדערש געוואָלט. איר איז „פּאָ־

ניע" נישט געראָטן. זי האָט נישט וואָס אָנצוטאָן. חדשים ווי זי זיצט אָן פּרנסה. איר מאַן האָט אין גאַנצן אַראָפּגעוואָרפן דעם עול פון זיך, און זי מוז אַליין אָנהייבן אויפסניי. מיט די דייטשן האַלט זי זיך פאַר אַ שטיקל מחותן. זי האָט מיט זיי פאַרבינדונגען און זי האָט אַ געראָטענע טאָכטער...

***

ווען די האַרמאַטן־זאַלפּן האָבן זיך איינגעשטילט, האָט קיי־נער אין קעלער זיך נאָך נישט אויפגעהויבן פון אָרט. מען האָט נאָך נישט געטרויט די איינגעטרעטענע שטילקייט. נאָר מאַשע די ראָנטשיכע האָט זיך אין דער קעלער־טונקלקייט שטיל אַרויסגע־גנבעט אין דרויסן. אַז זי איז נאָר אָפּגעגאַנגען אייניקע טריט, האָט זי שוין אָנגעטראָפן די אַריינמאַרשירנדיקע דייטשע טרופּן. זי האָט מיט אירע שוועבנדיקע טריטעלעך „אַנטקעגן געטאַנצט" דעם פאָ־רוים מאַרשירנדיקן טרופּן־פירער, אַ יונגן אָבער־לייטענאַנט, און מיט אַ חניפהדיקן קניקס, האָט זי אים אויף איר בערלינער דייטש באַגריסט מיט אַ ברייטן „ווילקאָמען". אין איין רגע איז זי שוין צוריק אויסגעוואַקסן ביים קעלער־פענצטערל און האָט אַראָפּביי־געגדיק זיך צום קליינעם פענצטערל, אין אים פריילעך אַריינגע־שריגן:

„מזל־טוב, יידן, דער חתן איז דאָ".

אַלע אין קעלער האָבן גלייך דערקענט די ראָנטשיכעס שטי־מע. אַ בייזער געמורמל ווי דער רויש פון אַ כוואַליע איז אַדורך איבערן גאַנצן קעלער. פון דעמאָלט אָן האָט איר די שטאָט צוגע־געבן נאָך אַ נאָמען צום אַלטן און מען האָט איר שוין גערופן מאַשע די ראָנטשיכע, „דער חתן איז דאָ". די שטאָט האָט אויף איר געקוקט קרום. אַ שטילער ברוגז איז אַריינגעטרעטן צווישן דער חסידישער שטאָט וואָס איז געווען קעגן דייטש, און איר די איינ־ציקע „דייטשקע".

***

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אויסצוקויפן דאָס גאַנצע לעבנס־מיטל: די אַרבעס מיט די לינזן, די פּוטער מיט די מעל און אין קעסטעלעך עס אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד צו זייערע אויסגעהונ־

גערטע גרעטכעס און פריצן. זיי האָבן אָנגעהויבן כאַפּן אויף אַר־בעט און געצווונגען אַראָפּצוציען דאָס היטל פאַר יעדן דייטשן אָפּי־ציר. און צוזאַמען מיטן אָפּענעם רויב, וואָס זיי האָבן אַדורכגע־פירט ביי יידישע סוחרים, וואָס האָבן געהאַט פאַר זיי אַזוי נויטי־קע מאַטעריאַלן, האָט עס אַנטפּלעקט דעם כאַראַקטער פון דער דייטשער אומשולד און האָט מוטער־נאַקעט אַנטבלויזט די דייטשע נשמה און מענטאַליטעט... און וואָס מער עס האָט זיך געשטאַרקט די שנאה צו די דייטשן, אַלץ מער האָט מען גענומען זיך אָפּרוקן פון מאַשע די ראָנטשיכע, „דער חתן איז דאָ". און ווען אויף די פראָנטאָווע טירן פון דער ראָנטשיכעס הויז אין דער סאַמע הויפּט־גאָס פון שטאָט האָט זיך באַוויזן די פריש־לאַקירטע שילד מיט דער אויפשריפט: „קאַפּעהויז", האָט זיך דער עולם גאָר גענומען אָפּרוקן פון איר משפחה ווי פון אַ פּעסט און מען האָט איר אין גאַנצן אויסגעמיטן.

**
*

ווען פּערעלע די ראָנטשיכעס האָט דאָס ערשטע מאָל דער־הערט דעם נאָמען פון אָנקומענדיקן אָבער־שטורעם־פירער, ווייסט זי אַליין נישט, ווי אַזוי עס איז איר גלייך אויפן זינען געקומען יענער אָבער־לייטענאַנט פון איר געבוירן־שטאָט, וועמען איר מאַ־מע מאַשע האָט אין יענעם אָוונט פון פופצנטן יאָר באַגריסט אין דער שפּיץ פון די אָריינמאַרשירנדיקע דייטשע סאָלדאַטן און וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן ווי אָבער־לייטענאַנט פונק, קאָמענדאַנט פון שטאָט. זי געדענקט נאָך גוט יענעם טרויעריק קאַפּיטל פון איר לעבן, וואָס האָט זיך צוליבן דאָזיקן אָבער־לייטענאַנט טיף איינ־געקריצט אין איר זכרון, באַשווערנדיק ביז היינט איר יידישן גע־וויסן. די דייטשן האָבן נאָר וואָס געהאַט פאַרנומען זייער שטאָט, און באַלד האָט גענומען אויספּעלן לעבנסמיטלען. נאָר ווי שלעכט עס איז נישט געווען, איז ביי זיי אין שטוב געווען נאָך ערגער. שוין לאַנג ווי זיי האָבן געליטן הונגער און צו דעם איז נאָך דער ברודער כסדר געווען קראַנק. נאָר מער ווי דער הונגער האָט איר געפּרעסט דאָס האַרץ און געמיט, די אָנגעצויגענע טרויעריקע שטי־מונג פון זייער שטוב. זי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם זשאַ־

ווערדיקן יאוש און די שטומע אָנגעצויגנקייט, וואָס עס האָט ביי זיי דאַן געהערשט. זי איז דעמאָלט געווען גרייט אויף אַלץ... דעמאָלט האָט איר די מאַמע געהייסן זיך אָנטון. אין דרויסן האָט זי איר געזאָגט, אַז זיי גייען צום שטאָט־קאָמענדאַנט בעטן אַ קאָנצעסיע אויף אַ קאַפעהויז. זי האָט איר זיך געהייסן האַלטן עלעגאַנט און נישט זיין פאַרזויערט.

ווען זיי זענען אַריין צום קאָמענדאַנט פונק, האָבן זיי זיך ביידע, איר מוטער און דער דייטשער אָפיציר, מאָדנע דערשטוינט אָנגעקוקט. עס איז קענטיק געווען זייערע ביידנס איבעראַשונג. ער איז באַלד געוואָרן צו זיי אַזוי ליבלעך און געזאָגט: „האָבן זי מיך באַגריסט ביים אַריינטריט פון אונזערע טרופן אין שטאָט? — און די מאַמע האָט אַ צעשמייכלטע, צופרידענע, געענטפערט: — „יאַוואָל, הער קאָמענדאַנט!" —

ער האָט איר אויסגעפרעגט, וועגן וואָס עס גייט און מאַכנדיק אַ קאָמפּלימענט פאַר איר שיינער טאָכטער, האָט ער געהייסן מאָרגן אָוונט פערעלען צו אים אַרויפקומען, מיט אַ ביטע. אויף צומאָרגנס האָט איר די מאַמע באַגלייטנדיק זי אַ שטיקל וועג, געזאָגט:

„גיי, טאָכטער מיינע, און זיי מצליח. עס איז נישטאָ קיין אַנדער עצה. נאָר קום נישט אָן קיין קאָנצעסיע".

זי פערעלע, איז נאָך דאַן געווען אַזוי יונג, נאַאיוו און אָן דערפאַרונג. זי האָט נאָך דאָס לעבן נישט געקענט. פאַר די אויגן איז איר געשטאַנען דאָס בילד פון שטוב און אין די אויערן האָבן איר געקלונגען דער מאַמעס ווערטער: „נאָר קום נישט אָן קיין קאָנצעסיע".

ווען זי איז אַריין צו אים אין צימער, איז פאַר איר געזעסן אַ יונגער, שיינער אָפיציר אין אַ גאַלאַ־מונדיר מיט ווייסע זילבערשליפעס און אַראָפּהענגענדיקע פון גאַרטל זילבער־פרענס. דער שראַם פון זיין לינקער באַק האָט זיך געשפּיגלט אין בלאַנקענדיקן זילבער פון זיינע שליפעס און אין מאָנאָקל פון זיין לינקן אויג. ער האָט זיין מאָנאָקל פאַריכט און אָנגעשטעלט אים אויף איר, ווי מען שטעלט אָן אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. אַזוי אַדורכנעמענדיק איר אין גאַנצן, האָט ער די אויגן פון איר נישט אַראָפּגענומען. זיינע בלינצלדיקע אויגן האָבן דעמאָלט אויסגעזען, ווי די מיט בלוט־אָנ־

געלאָפּענע אויגן פון אַ טיגער, וואָס דערזעט זיין קרבן און איז גרייט מיטן גאַנצן כּוח אַ וואָרף צו טאָן זיך אויף אים.

זי האָט געוואָלט אַרויס פון צימער, האָט זי אָבער אויף ס'ניי דערהערט איר מאַמעס וואָרנענדיקע ווערטער: „נאָר קום נישט אָן קיין קאָנצעסיע"... און ער איז געווען צו איר אַזוי איידל, אַזוי ליבּ־לעך. ער האָט איר אויסגעפרעגט וועגן אַלץ און אַלעמען. נאָך אַ קליינער צייט איז ער אַפּירגעגאַנגען פון אונטערן טיש, האָט צוגע־רוקט זיין שטול צו אירער אַזוי, אַז זי האָט געפילט אויף זיך זיין אָטעם, און אָנגיסנדיק צוויי גלעזלעך קאָניאַק, האָט ער אָנקלאַפּנ־דיק זיין גלעזל אין אירן, מיטן אויסרוף „איינס! צוויי! דריי!" איר געהייסן אויסטרינקען. דערביי האָט ער איר געזאָגט, זי זאָל נישט זאָרגן, עס וועט אַלץ גוט זיין. זי ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר זי האָט זיך דאַן געפילט אַזוי אוממעכטיק, אַזוי אָנווילִיק, ווי אין גאַנצן פאַרהיפּנאָטיזירט. און זי האָט אויסגעטרונקען דאָס גלעזל קאָניאַק. דער געטראַנק האָט איר אין אָנהויב צעוואַרעמט, דערנאָך איז זי געוואָרן באַרוישט. אַ נעפּל איז אויפגעגאַנגען אין איר באַוואוסט־זיין, ביז זי האָט שוין דעם נעפּל אויך נישט געפילט, נאָר עפּעס אַ בלויזע פּוסטקייט, אַ ליידיקייט. זי האָט שוין זיך אַליין נישט גע־פילט. און אַז זי האָט אויסגעטרונקען דאָס צווייטע גלעזל, איז שוין אַלץ געווען פינצטער אַרום איר.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי זיך געפונען אויף אַ פרעמדער סאָפע ביים קאָמענדאַנט אין צימער... ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז איר ווי אַ ליכט אויפגעגאַנגען דער זכרון, און זי האָט אָנגעהויבן באַנעמען איר לאַגע...

ווען זי האָט זיך פאַרנומען אַוועקצוגיין, איז ער ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען אויסגעוואַקסן אַרום איר, און האָט איר אין האַנט אַריינגעשטופּט די דערלויבעניש צו עפענען דאָס קאַפעהויז.

אַ פאַרביטערטע, אַ דערצאָרנטע, איז זי אַהיים געקומען. די מאַמע האָט זיך לכתחילה דערפרייט מיט דער קאָנצעסיע. נאָר ווען זי האָט באַמערקט איר אויסזען, האָט זי אַרויפגעלייגט דעם וויַיז־פינגער אויף איר מויל, און געזאָגט:

„געדענק, טאָכטערקע, ס'איז גאָרנישט געשען"...

די „קאַפּיינע" איז גוט אַוועק. ער אַליין האָט נאָך געפּרוווט

באַזוכן זייער קאַפעהויז, נאָר ווען ער האָט געזען, אַז זי מיידט אים אויס, האָט ער אויפגעהערט צו קומען.

מיט פרנסה זענען זיי אָבער געווען באַזאָרגט. די שטאָט אָבער האָט זיך נאָך מער אָפּגערוקט פון זיי. איר פאַמיליע איז געווען ווי אין אַ שטילן חרם. ווען איר מאַמע אָדער זי אַליין פלעגט ערגעץ פאַרבייגיין, פלעגט מען שוין שעפּטשען: די ראָנטשיכע, „דער חתן איז דאָ". און דאָס האָט איר צום מערסטן ווי געטון, געפּייניקט.

אַזוי האָבן זיי געלעבט ביז די פּוילישע לעגיאָנערן האָבן פאַרטריבן די דייטשן פון שטאָט. ווען עס איז אויפגעקומען דאָס נייע פּוילן, איז די פרנסה פון קאַפעהויז געוואָרן אַלע מאָל שוואַכער, ביז מען האָט עס אין גאַנצן פאַרמאַכט.

די יאָרן זענען געלאָפן. דאָס ביסל געלד, וואָס מען האָט אָפּגעשפּאָרט, האָט גענומען אויסגיין. זייער שטוב איז ווייטער אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון אָרעמקייט און נויט.

פערעלע איז שוין דעמאָלט נישט געווען יונג. איר עלטערע שוועסטער האָט זיך אָפּגעזוכט אַ חתן און האָט חתונה געהאַט. נאָר זי, פערעלע, כאָטש זי איז געווען שענער פאַר דער שוועסטער, האָט זי אין איר געבוירנשטאָט נישט געקענט טון קיין שידוך. נישט איין מאָל האָט זיך אַ בחור אין איר פאַרליבט און אָט, אָט, שוין געהאַלטן ביים שרייבן תנאים, נאָר אין איין רגע איז דערפון גאָרנישט געוואָרן. מען האָט נישט געקענט מוחל זיין איר מאַמען די אַמאָליקע סימפּאַטיע צו די דייטשן און איר פערעלען, דאָס קאַפעהויז. כאָטש גיי שנייד אויף דאָס האַרץ און אַנטבלויז זיי דעם אייגענעם ווייטיק און פּיין... איר מאַמע איז ווייטער צוגעשטאַנען צו איר און געלאָזן מיט שכל איר אויפגעקלערט די לאַגע. — זי האָט איר פאַרגעלייגט אַ שידוך פון אַן אַנדער שטאָט מיט אַן אַלטן בחור, אָבער אַ רייכן זייגערמאַכער, מיט וועמען זי האָט חתונה געהאַט. און אַזוי האָט זי געלעבט מיט איר מאַן אַבוש שולמאַן און די קינדער, ביזן אַריינקומען פון די היטלעריסטן אין איר נייער שטאָט.

**
*

פערעלעס אינטואיציע האָט איר נישט אָפּגענאַרט. ווען מען

האָט ביי דער ערשטער אַקציע צוגענומען אירע קינדער, האָט זי אים געזען אַרומלויפן מיט דער נאַגייקע אין דער האַנט, אַרומגערינגלט פון הינט און עס־עס־לייט. ווי אַ בלוט־דאַרשטיקע בעסטיע איז ער אַרומגעלאָפן און האָט קאָמאַנדעוועט. ער האָט ווי אַ באַנומענער געריטשעט:

„שנעל, שנעל, פירט דאָס קליינע יידן־דרעק אָפּ".

אָ, דאָס איז ער דער מערדער פונק, וואָס איז מגולגל געוואָרן פון אָבער־לייטענאַנט אין איצטיקן אָבערסט, עס־עס־אָבער־שטורעם־פירער, האָט זי געטראַכט. זי האָט אים באַלד דערקענט, אפילו פון דערווייטנס דערקענט. זי האָט אים דערקענט אינעם שראַם אויפן לינקן באַק, אין מאָנאָקל, וואָס ער טראָגט נאָך אַצינד, אין זיין כריפּ־קע־חזיר־שטימע און אין אָנוואוקס אויפן לעפּל פון רעכטן אויער. אַ צעווייטיקטע, אַ צעפּייניקטע פון אָנווער פון אירע קינדער און פון איר אייגענער אומבאַהאָלפנקייט, האָט זי זיך אַצינד געפילט נאָך אַמאָל געשענדעט, בלוטיק געשענדעט פון דער זעלבער בעס־טיע... די אַלטע וואונד פון איר נשמה האָט זיך אין איר צוריק גע־עפנט. זי האָט אָנגעהויבן באַגרייפן די יידן פון איר געבוירנשטאָט, וואָס האָבן איר אויסגעמיטן, וואָס האָבן נאָך דעמאָלט מיט זייער יידישן אינסטינקט אַרויסגעפילט פון דייטשן אָפּציר דעם טייוול. און כאָטש איין ג־ט ווייסט, אַז ס'איז נישט איר שולד געווען, פילט זי פון דעסט וועגן אויף זיך די לאַסט פון אַ שולד־געפיל, פון וואָס זי מוז זיך באַפרייען. און אַ געדאַנק האָט אין איר אויפגעבליצט: זי מוז דורך איר אייגענעם קרבן, אי זיך אַליין אויסלייזן, אי נוקם זיין זיך פאַרן טאָפּלטן ווייטיק, וואָס דער דאָזיקער עמלק האָט איר גורם געווען, און פאַרן בלוט פון די איבריקע יידן.

מיט די דאָזיקע געדאַנקען איז זי אַהיימגעגאַנגען. ווען זי איז געקומען אין איר שטוב, האָט זי שוין איר מאַן אַבוש שולמאַן, אויך נישט געטראָפן. זי האָט זיך ביטער צעיאָמערט, זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז זי טאָר אַצינד נישט וויינען. נישט וויינען און קלאָגן איז אַצינד איר אויפגאַבע. ווי גרויס דער ווייטיק אוך דער בראָך זאָל נישט זיין, טאָר זי נישט אַריינפאַלן אין קיין שוואַכקייט, אין קיין אָפּגעלאָזנקייט. שטאַרק, שטאַרק דאַרף זי אַצינד זיין. אין שטאָל דאַרף זי זיך אַליין איבערגיסן און אירע נערוון ווי אַ בויגן אָנציען, ביז זי וועט דערגרייכן איר ציל. זי טאָר אויך קיין צייט

נישט פאַרלירן. נישט וואַרטן ביז מען וועט אויך איר צונעמען און איר באַוועגונגס־מעגלעכקייט פאַרצוימען, פאַרדראָטעווען. — זי האָט זיך דערמאָנט אַז ביי איר דאַרף זיין דעם מערדערס אַ וויזיט־קאַרטע און אַ פּאַפּיר מיט זיין פּאָן פּונקט אונטערשריבן. זי האָט דאָס דאָזיקע באַלד אויסגעזוכט.

זי האָט אָנגעטון אויף זיך אירע שענסטע קליידער, אויסגעפּוצט זיך אין עסיק און אין האָניק. זי וויל אים דאָס מאָל דווקא „געפעלן" ווערן אָט דעם טייוול. זאָלן זיינע בלוט־דאָרשטיקע אויגן אין איר וואָס מער זיך איינעסן, כּדי גרינגער און זיכערער צו דערפילן איר שליחות, וואָס זי האָט גענומען אויף זיך. זי האָט גענומען דעם מוטערפערלנעם שבת־מעסער אים צערטלעך אַריינגעלייגט אין איר בוזעם, ווי מען לייגט אַריין צערטלעך אַ אתרוג אין דער זילבערנער פּושקע, און אַ וואָרף טוענדיק אַ לעצטן בליק אויף איר הויז, האָט זי זיך אין געדאַנק ווי מיט אַלעמען געזעגנט...

**
*

ווען זי איז אָנגעקומען צום אָבער־שטורעם־פירערס הויז, האָט זי דער וואַך באַוויזן די אַלטע וויזיט־קאַרטע מיטן פּאַפּיר. די וואַך, פאַרוואונדערט פון דער אַלטער קאַרטע, האָט זיך לכתחילה געוואַקלט איר אַרויפצולאָזן. נאָר ווען פערעלע האָט געבעטן, זיי זאָלן גלייך טעלעפאָניש זיך מיט אים פאַרבינדן מעלדנדיק, אַז אַן אַלטע פריינדין וויל זיך מיט אים זען, האָט ער געהייסן איר צו אים אַרויפפירן.

אַריינקומענדיק האָט זי אויסגעשטרעקט איר רעכטן אָרעם, און האָט מיט אַ פעסט געמאַכטער שטימע אין אַ גוטן דייטשן אַקצענט, אויסגעשריגן: „הייל־היטלער!" פאָן פונק האָט איר מיט זיין כריפּקע־„חזיר־שטימע" אָפגעענטפערט: „הייל!" נישט זעענדיק פאַר זיך קיין שום שלעכטס. ער האָט אַרויסגעשיקט די וואַך און איר געבעטן זיצן. זי האָט אים מעשה פריינדין באַוויזן די אַלטע וויזיט־קאַרטע. —

„זענען זי פריילין זעלמאַן פון דער שטאָט..." וועמען איך האָב זי אין פופצנטן יאָר די ערשטע קאָנצעסיע אויף אַ קאַפעהויז אַרויסגעגעבן? — האָט ער פול מיט דערשטוינונג און פאַרוואונדערונג געפרעגט. —

„יאַוואָל״ — האָט זי געענטפערט. „נאָר נישט פרײַלין זעל־מאַן״ — האָט זי פאַריכט, נאָר אַצינד פרוי שולמאַן, וועמען דער ה. אָבער־שטורעם־פירער האָט צוגענומען דעם מאַן מיט די קינ־דער״.

זי האָט שיער נישט אַרויסגעכאַפּט זיך מערדער. זי האָט זיך אָבער גלייך באַהערשט און געטראַכט: זי מוז זיך אַצינד קאָנצענ־טרירן אויף איינס און אונטערדריקן אַלע איבריקע געפילן. דער וואולקאַן־אויסברוך וועט שוין קומען צוזאַמען מיטן לאַווע־פלאַם, וואָס וועט אים שוין פאַרצערן. —

נאָכן אויסטרינקען איין גלעזל נאָכן אַנדערן, האָט ער ווי אַ מאָל יעזואיטיש גענומען שמייכלען, און פאַריכטנדיק דעם מאָנאָקל פון זיין אויג, האָט ער גענומען פלאָנטערן:

„נישט מיין שולד, מאַדאַם! איך בין סאָלדאַט, וואָס פירט נאָר אויס באַפעלן. און איך האָב נישט געוואוסט, אַז דו וואוינסט דאָ אין שטאָט. איך וואָלט פאַר דיר געמאַכט אַן אויסנאַם״.

אָפּזאָגנדיק דאָס, האָט ער איר גענומען ווי אַ מאָל פרעסן מיט זיין בלינצלדיקן בליק.

זי איז נאָך געווען געזונט שיין, פערעלע. דער ליכט־שטראַל פון אירע אויגן האָט ווייקנדיק זיך אין אייגענעם צער און טרויער, ווי אַ זון־שטראַל וואָס טיקט זיך אין אַ פאָנטאַן, געשפריצט מיט אַזאַ סומנעם רייצנדיקן שימער, וואָס האָט יעדן איינעם געקענט באַ־צווינגען. זי איז אמת עלטער געוואָרן. אָבער איר ווייבלעכקייט האָט איר נאָך שענער געמאַכט, פולער געמאַכט אירע ברוסטן און היפטן. און איר רונדער פנים מיט די צוויי גרויסע שוואַרצע קאַרשן האָט פאַרונדיקט און פאַראיידלט איר גאַנצן אויסזען. פאָן פונק האָט זיך אַ שיכורער אויפגעהויבן פון זיין אָרט און מיט וואַקל־דיקע טריט זיך געפּרואווט דערנענטערן צו איר. זי האָט אַ טראַכט געטון:

„אַצינד, אָדער קיין מאָל נישט!״...

זי האָט זיך אויף גיך אַרומגעקוקט. ער איז נישט געווען באַ־וואָפנט, פאָן פונק. אויסגעפּוצט אין זיין פאַראַדנעם מונדיר, ווי צו אַן אויפנאַמע, האָט ער זיך אויף גאָרנישט געריכט. דאָס געווער און זיין קליינער שטילעט מיטן אויסגעצאַצקעוועטן זילבערהענטל איז געווען ווייטער פון טיש. און זייענדיק שוין נאָענט פון איר,

האָט זי ווי אַ לייב אויפגעשפּרונגען. זי האָט בליצשנעל אַרויסגע־כאַפּט דעם שבת־מעסער פון איר בוזעם און מיט דער גאַנצער קראַפט אים אַריינגעזעצט אין האַרצן.

ער האָט נאָך געפּרואווט מאַכן אַ באַוועגונג, נאָר אַרויס־שטאַרצנדיק זיינע בעסטיע־אויגן, האָט ער אַ צאַפּל געטאָן, און ווי אַ קלאָץ אומגעפאַלן אויפן גלאַנציקן פּאַרקעט פון זיין קוואַרטיר.

פּערעלע האָט אויך גיך איבערגעלאָזט אַ צעטל, און האָט זיך אין אַ באַזונדער ווינקל — מיט פּונקס שטילעט — דערשטאָכן.

ווען די וואַך איז אַריין אין צימער, האָט זי געפונען אַ קורצע שריפט:

„איך טראָג אַליין די גאַנצע שולד. איך האָב זיך נוקם געווען פאַר מיר און פאַרן בלוט פון מיין פאָלק”.

פּערעלע שולמאַן.

דער לעצטער נסיון

ס'איז געווען פאַר דער לעצטער אַקציע. אַ יאוש־פולע שטימונג פון פיין און צער נאָך די צום טויט אַוועקגעשיקטע יידן, האָט באַהערשט דעם שארית הגעטאָ. די איינרעדעניש און האָפענונג, אַז אפשר וועלן פאָרט די יידן פון דער שטאָט ניצול ווערן פון אומקום צוליב זייער באַזונדערע אַרבעט־נוצלעכקייט פאַר די דייטשן, איז צערונען ווי אַ זייפנבלאָז. די טרויעריקע ווירקלעכקייט איז אַצינד מיט איר גאַנצער גרויזאַמקייט געשטאַנען אַן אַנטבלויזטע פאַר די אויגן פון געטאָ. דער געטאָ איז נאָך שטאַרקער באַוואַכט געוואָרן דורך די פריש אַראָפגעבראַכטע עס־עס־לייט. פון די אַרומיקע שטעט זענען שוין אַהער דערגאַנגען ידיעות איינע שרעקלעכער פאַר די אַנדערע. די יידן, בלאַסע, אויסגעצערטע ווי לעבעדיקע שאָטנס, האָבן אין ענגן געטאָ און די שלאָפלאָזע נעכט זיך געפרעגט: פון וואַנעט וועט קומען די הילף? וועט חלילה קיין שריד און פליט פון אונדז נישט בלייבן און ס'קומט אַ סוף אויפן יידישן פאָלק?...

און ביי זיך אינעם בית־דין־שטיבל, פאַררוקט ערגעץ אין אַן ענגן געטאָגעסל, איז אין ווייסע זאָקן און אין קיטל ווי אום יום־כפור, כאָטש צו יום־כפור האָט נאָך געפעלט אַ שיינע פאָר טעג, אַרומגעגאַנגען הין און צוריק דער רב ר' מרדכילע, דער „שלהבת־מרדכי", פאַרטראָגן פון צער און פיין אין די עולמות עליונים. ער איז שוין געווען אַ האַלבער מת, דער אַכציקיעריקער זקן ר' מרדכילע, וואָס איז דאָ שוין געזעסן אויפן רבנות אַ פינף און פופציק יאָר. די ליידן און פיין פון געטאָ, דער פחד און די זאָרג פאַר זיין עדה, מיט וועמען ער האָט אַ לאַנג לעבן צוזאַמענגעלעבט, האָט אים אין גאַנצן צענומען. — ער האָט נישט געגעסן און געטרונקען. גאַנצע טעג האָט ער געפראַוועט תעניתים און אין די נעכט כמעט נישט געשלאָפן.

דער זקן ר׳ מרדכילע האָט אין זיין קהלה אַדורכגעמאַכט פאַר־שידענע צייטן. גוטע און שלעכטע. פינף און פופציק יאָר איז נישט קיין טאָג, קיין וואָך. נאָר אַזאַ אומגליק, אַזאַ צרה ר״ל, מען זאָל וועלן אָפמעקן אַ גאַנץ פאָלק פון דער ערד, אָט אַזוי ווי מען מעקט אָפ אַ אות „כאילו לא היה״ (ווי נישט געווען), אויף דעם האָט זיך פון המנען נאָך קיינער נישט דערטראַכט. ער האָט זיך דערמאָנט אין די ווערטער פון יענעם תנא וואָס האָט געזאָגט: „יבוא ולא אחמיניה״ — זאָל ער קומען משיח, נאָר איך זאָל אים נישט זען. — צו וואָס, האָט ער געטראַכט, האָב איך דאָס גאָר דערלעבט. איך, דער אַלטער רב, דער געטרייער פאַסטוך פון מיין עדה, זאָל איר אַליין פירן צו דער שחיטה? און פאַר וועמען, פאַר וועמען איז דער קרבן; קען דען דער רבונו של עולם גאָר פאַרלאַנגען אַזאַ קרבן?... איז ח״ו „עלה על דעתו״ אונדז אין גאַנצן צו פאַרטיליקן? אַן אָפ־געשוואַכטער פון אָט די רעיונות און פון אייגענעם ספקות־פלאָנ־טער, האָט ער דערפילט אַ מיש אין קאָפ. עס האָט אים גענומען שווינדלען אין די אויגן. וואַקלענדיק זיך אומצופאַלן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז נאָענט צו יום־כפור, צום גרויסן, אפשר לעצטן יום־הדין, און ער מוז זיך צום דאָזיקן טאָג גרייטן, זיך שטאַרקן. אפשר פאָרט, אולי ירחם. דורך די טויט־אַנגסטן און פחד־צאַפלע־נישן פאַרן אייגענעם קיום, וועט דאָס פאָלק מאַכן די גרעסטע אָנ־שטרענגונג אויף חרטה און תשובה. עס וועט פון זיך פאַרטרייבן די לעצטע זינדיקע רעשטלעך. און זיין עדה וועט צוזאַמען מיט די איבריקע יידן אין הייליקייט און ריינקייט, מיט אַ גאַנץ האַרץ, צו־ריק זיך באַהעפטן מיט אים. —

ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס פלעשעלע אַמאָניאַק, וואָס איז גע־ווען אָנגעגרייט אויפן טיש און מיט אַ פעסטן צי איינגעזויגן אין זיינע נאָז־לעכער די שאַרפע זויערקייט. פון שטאַרקייט איז אים אַזש אַרויס טרערן פון די אויגן. דער אויגנשווינדל איז אָבער נאָך אייניקע מינוט פאַרשוואונדן און ער איז צוריקגעקומען צו זיך.

די טעג האָבן זיך גערוקט. ס׳איז געקומען דער טאָג פון ערב יום־כפור. צום געטאָ האָט זיך שוין דערטראָגן, אַז די דייטשן גרייטן זיך אַ סוף צו מאַכן מיט די לעצטע יידן פון שטאָט. די עס־עס זע־נען אַרומגעגאַנגען פאַרסודעט, מיט אַ מינע אויף זייערע שטייפע פנימער, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו אַ וויכטיקער שליחות. כאָטש

אָפּגעריסן האָבן זיי וועגן דעם גאָרנישט געגעבן צו דערקענען. —
זיי האָבן געוואָלט פאַרמאַסקירן זייער לעצטע מערדערלעכע שפּיל.

**
*

ר' מרדכילע האָט איבערגעריסן זיין לאַנגן תענית. ער האָט
נישט געוואָלט צעשטערן דעם יום־טוב פון ערב יום־כפור. ער האָט
באַלד נאָך פון באַגין זיך מכין געווען צום דאָזיקן טאָג. ער האָט
באַשלאָסן אינעם דאָזיקן ערב יום־כפור זיך אויסצוטענהן מיטן רבו־
נו של עולם. אויסטענהן זיך אָן אַ מחיצה — אַט אַזוי ווי פּנים
לפּנים. ער וועט אַרויסלייגן פאַר אים זיינע טענות און אויסגיסן
זיין גאַנץ ביטער האַרץ. יאָ, ער מוז זיך היינט אָננעמען מיט מוט
און עזות דקדושה. ער בעט נישט פאַר זיך, נאָר ער איז המתפלל
בעד חבריו, פאַרן כלל. — הלואי וואָלט ער אַליין געקאָנט זיין דער
קרבן פאַר זיין אומגליקלעכער עדה. זיין פאַר איר אַן אויסלייזונג. —

ער האָט דורכן שמש אָנגעזאָגט, די יידן זאָלן זיך היינט אָנ־
טאָן אַלע אין ווייסן, נאָר ווער עס האָט נישט קיין קיטל, זאָל זיך
אָנטאָן אין די נייסטע ווייסע וועש. מען דאַרף זיין גרייט — האָט
ער געהייסן זיי פאַרטרויען.

באַלד נאָך דער ערשטער סעודה האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן אין
צימער און פאַרוואַרפנדיק אויפן ווייסן קיטל דעם טלית, האָט ער,
אַריינשטעקנדיק דעם קאָפּ אינעם אָפענעם ארון־קודש, אין אים
אַריינגעטענהט:

„האַר פון אַלע וועלטן, אל רחום וחנון! מיט אַ צעבראָכן האַרץ,
פאַראבלט און פאַריתומט נאָך די פאַרשניטענע קינדער פון ישראל,
שטיי איך פאַר דיין הייליקן כסא הכבוד און בעט ביי דיר רחמים
פאַר די איבערגעבליבענע, פאַר דער שארית־הפליטה. פאָטער אין
הימל, פאַרהאַלט די האַק פון תלין! זאָל חלילה דער נצח ישראל
נישט אָפּגעליקנט ווערן. נאָר אויב כביכול, ווילסט טאַקע אונדז
אָפּווישן פון דער ערד, פרעג איך דיר: ווער וועט לערנען דיין תו־
רה, פאַרשפּרייטן דיינע געזעצן? און פאַר וואָס קומט עס אונדז?
מיר זענען זינדיק? זענען די דייטשן, אין וועמענס הענט האָסט
אונדז איבערגעגעבן ווייניקער זינדיק? און אַז אונדזערע זינד זע־
נען גרויס, ווייל „בקרובי אקדש” (דורך די נאָענטע וועל איך ווערן

געהייליקט), — איז „מה חטאו הילדים", מיט וואָס האָבן אונדזערע עופּהלעך זיך פאַרשולדיקט?... האָסט אונדז געלערנט: אַז מיתה על ידי בית־דין (טויט־שטראָף דורך בית־דין) מוז פאַרקומען דורך עדות און דורך אַ פריערדיקע אזהרה (וואָרענונג); טאָ וואו זענען די באַ־ווייזן און די פריערדיקע אזהרות אויף אויסצופירן איבער אונדז אַזעלכע מיתות משונות, וואָס זענען אפילו אין די ארבע מיתות בית־דין נישט פאַרגעזען?... און אַצינד, ווי דער רב פון מיין אייגע־נער עדה, פרעג איך: פאַר וואָס ווילסטו דווקא, אַז איך דיין געטריי־ער דינער, זאָל פירן דיינע אייגענע קינדער ווי שעפּסן צו דער שחי־טה? פאַר וואָס מאַכסטו מיר פאַרן דאָזיקן שליח? דערבאַרעמדיקער פאָטער! איך וויל נישט זען דעם סוף פון מיין עדה. אָ, נעם צו מיין ראיה, טויט אָפּ אַלע מיינע חושים; נעם אָפּ מיין לעבן; נעם מיך פאַר אַ קרבן, נאָר ראַטעווע זיי פון די הענט פון די רוצחים".

ער האָט זיך באַגאָסן מיט אַנגסטן. דער הויך־וואוקסיקער גרייז איז אַצינד געווען איין ווייסער פלאַם. די זילבער־עטרה פון זיין טלית מיטן ווייסן בלענד פון קיטל, האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן ווייכן זילבער פון דער צעפּלאַטערטער באָרד און מיט דער ווייסקייט פון זיין אויסגעצערטן צעפּייניקטן הדרת־פּנים. אין פלאַמיקן פלאַטער, האָט אַצינד זיין דאַרער גוף געציטערט פון יראת־הכבוד און פחד פאַר די אייגענע תרעומותדיקע רייד... אין הייליקער התדבקות, ווי באַשטראַלט פון אָפּגלאַנץ פון דער שכינה, איז ער פאַרטראָגן גע־וואָרן אין אַנדערע וועלטן. דער ערדישער פאַרשטעל — האָט זיך ווי אַ פאַרהאַנג פון אים אָפּגערוקט. ער האָט דערזען אַ גרויס ליכ־טיקייט, ווי מיליאָנען זונען זאָלן לייכטן. ער האָט אינעם דאָזיקן קריסטאָלענעם גלי, נישט געקאָנט קוקן. און פון דער ליכטיקייט אַרויס האָט ער געהערט אַ געוויש פון פליגלען און אַ ברומען ווי דער געברום פון וואַסערפאַלן פון אַלע וועלטן. פונעם דאָזיקן וואַ־סער־געברום אַרויס, האָט ער פאַרנומען אַזעלכע זיסע, כּישופדיקע געזאַנגען, וואָס זענען געווען אָנגעפילט מיט אַן האַרץ־רייסנדיקן אומענדלעכן טרויער.

מיט איין מאָל איז די דאָזיקע ליכטיקייט פאַרשוואונדן. אַ גע־דיכטע פינצטערניש האָט ווי אַ נעץ פאַרצויגן אַלע וועלטן. פון דער פינצטערניש אַרויס איז אַ געוואַלטיקער שטורעם אויפגעגאַנגען, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אויף אים אַזאַ פחד, אַז ער איז געפאַלן אויפן

פנים. ער האָט פון שטורעם אַרויסגעהערט: „אם אשמע קול אחר" —אויב איך וועל נאָך הערן אַ דערווידערונג וועל איך אומקערן די וועלט צו תוהו ובוהו (חורבן). ליגנדיק אויפן פנים, האָט אַלץ אין ר׳ מרדכילען געשטורעמט: בעסער קער אום, קער אום, באַשעפער פון אַלע וועלטן, איידער חלילה אומצוברענגען דאָס עם קדושים. נאָך דעם האָט ער מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים, אַרויסגעשריגן:

„ה׳ הוא א׳, ה׳ הוא א׳!" (ג־ט, איז דער איינציקער אַלמעכטי־קער!)

די אָנשטרענגונג פון זיין גוף און די נערוון־אויסשעפונג, וואָס האָט צוריק אַרויסגערופן אין אים אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק, האָט אים צוריקגעבראַכט אויף דער ערד. ער איז אַרויס מיט אַ שטאַרקן געוויין. ער האָט שוין נישט גערעדט, נאָר בלויז גערעדט...

„פאָטער אין הימל, דערבאַרעמדיקער פאָטער, העלף אונדז, העלף דיין פאָלק! העלף! העלף!"

ער איז אַנידערגעפאַלן פון פאַרמאַטערטקייט. ערשט דער אָנקו־מענדיקער שמש האָט אים דערמאָנט, אַז דער עולם וואַרט שוין אויף אים אין שול.

***

מען האָט די לעצטע סעודה דאָס מאָל אָפּגעגעסן פריער ווי שטענדיק. דער רב האָט צוגעאײלט, כדי פריער צו קומען אין שול. די שול איז געווען געפּאַקט. דער גאַנצער שארית־הגעטאָ מיט די פרויען און מיט אַלע אַרבעטנדיקע פון די וואַרשטאַטן זענען געווען פאַרזאַמלט צום יום־הדין. אויך אייניקע האַלבע יידן און משומדים זענען געווען צווישן די מתפללים. די דייטשן, וועלנדיק פאַרמאַס־קירן און זיך גרינגער מאַכן די לעצטע אַקציע, האָבן בכיוון די אַר־בעטנדיקע באַפרייט. די מתפללים אין ווייסן מיט אַראָפּגערוקטע טליתים איבער די קעפּ, האָבן זיך ווי צעשראָקענע שעפּסן פאַר אָנ־לויפנדיקע רויב־חיות געטוליעט איינער צום אַנדערן. אין ברודער־לעכער באַהעפטונג האָבן זיי געוואָלט לינדערן זייער ביטערן פּיין. צוזאַמענגעגאַרטלט אין איין דערוואַרטנדיקן גורל, האָבן זיי אַציִנד געזוכט זייער שוץ און טרייסט אין דער געמיינזאַמער אמונה פון זייערע אבות און געוואָלט האָבן זיי זיך גרינגער מאַכן דאָס האַרץ, דורך די אַרויסגעבראַכטע הייסע תפילות.

באַלד נאָך דער תפילה זכה, האָט ר׳ מרדכילע מיט געמאָסטע־נע טריט אַרויף אויף די טרעפּלעך פון ארון־קודש און האָט מיט אַ שטיקענדיק קול אָנגעהויבן:

„הייליקע קינדער פון ישראל. אויף אונדזער דור איז אַרויפ־געלייגט געוואָרן די שטראָפן פון אַלע דורות. ס׳איז אונדז באַשערט צו זיין דער בליק־אַפּליטער פון דער וועלט. ס׳איז נישט אין אונ־דזער רשות צו באַפרייען זיך פון דעם. ווי אַ מענטש קלויבט נישט אויס זיין אייגן לעבן, קלויבט דער ייד נישט אויס זיין אייגענעם גורל. ס׳איז דעם אַלמעכטיקערס ווילן. און קעגן זיין ווילן קען זיך קיינער נישט קעגנשטעלן. מיר שטייען פאַרן מוראדיקן יום־הדין. ער איז אַצינד פאַר אונדז נאָך מער באַשטימענדיק. — אונדזער לעבן וויגט זיך אויף דער וואָג־שאָל פון צייט. ווער ווייסט, וויפל צייט ס׳איז אונדז נאָך געבליבן. דער היינטיקער טאָג איז פאַר אונדז אַ גרויסער נסיון. מיר ווערן אין אים שווער געפּרואווט. לאָמיר בכן צונויפנעמען אַלע אונדזערע כוחות, כדי ח״ו נישט נכשל צו ווערן אינעם דאָזיקן לעצטן נסיון. אויף קיין איין מאָמענט טאָרן מיר נישט דערשיטערן אונדזער גלויבן אין אים. זענען מיר דען בעסער פון די הייליקע עשרה הרוגי מלכות, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם? לאָמיר אַוועקגיין בקדושה וטהרה ווי מאמינים שלי־מים און געטרייע זין פונעם פאָלק. זאָל דער שונא נישט דערפרייט ווערן צוליב אונדזער שוואַכקייט. — נאָר מיט געהויבענע קעפּ זאָלן מיר גיין אונדזער לעצטן גאַנג״.

**
*

אַ דריקנדיקע שטילקייט איז אַריינגעטראָטן און האָט באַ־הערשט די צונויפגעדרענגטע מאַסע מתפללים. אין דער דאָזיקער שטילקייט האָט מען געקענט הערן דאָס קלאַפּן פון זייערע הער־צער, וואָס האָב זיך באַוואויגן אין איין ריטם און מען האָט געקאָנט פאַרנעמען דעם דינסטן צאַפּל פון זייערע נשמות, וואָס האָבן זיך ווי די יום־כפור־ליכט געפלעמלט לעילא, לעילא.

די שטילקייט האָט איבערגעריסן אַ יונגער בלאַסער מאַן אין די דרייסיקער, וואָס האָט אַ נישט־דרייסטער אין אַ גורשקן יידיש אָנגעהויבן:

„רבי, איך, זיין אַ ייד. איך זיין צוזאַמען. — נישט שולדיק, וואָס טאַטע מיר נישט געלערנט. — געמאַכט פּאַר אַ גוי. צוזאַמען לעבן, צוזאַמען שטאַרבן"...

פון אַ ווינקל האָט אַרויסגעהויבן דעם קאָפּ אַ מאַן אין די פּער־ציקער מיט אַ פּאָר גרויסע פּריצישע וואָנסעם און אין אַ פּאָר הויכע יעגער־שטיוול, וועמענס סומנע, שוואַרץ־גליאיקע אויגן, האָבן באַ־וויזן זיין אָפּשטאַם.

„נאָר רבי, האָט ער שטאַמלענדיק געזאָגט: פאַר וואָס לאָזן מיר זיך אויסשעכטן. מיר דאַרפן — האָט ער געבײלט די פויסטן — זיי שטעלן אַ ווידערשטאַנד". אַ פרישע פּויזע איז אַריינגעטראָטן.

ר' מרדכילע האָט אַרומקוקנדיק זיך אויפגעהויבן זיינע אויגן, זיך אויסגעגלייכט און אַ צעוואַרעמטער אָנגעהויבן:

„קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב. „בנים אתם לה'", איר זענט אַלע קינדער צו גאָט. איר זענט אונדזערע ברידער, אונדזער אייגן בלוט און פליישׂ! — האָט ער זיינע אויגן געווענדעט צו די פריערדיקע רעדנער און געוואָלט זיי מיט זיין מילדן בליק אַרומ־נעמען. — איר זענט נאָר ווי פאַרבלאָנדזשעטע שעפּסעלעך אויף אַ צייט אַוועק פון דער סטאַדע. איר זענט אָבער צוריקגעקומען צו איר און צום פּאַסטוך. — אָבער קעגנשטעלן זיך די מערדערס איז שווער צו שפּעט. מען וואָלט געדאַרפט דאָס מאַכן פריער. כאָטש ראַ־טעווען די קינדער, מען זאָל זיי אַרויסשיקן אין די וועלדער. מיר אַליין זענען אָבער אין דעם נישט שולדיק. דער שונא האָט אונדז פּחדנותדיק גענאַרט. ער האָט אונדז מיט אַלע מיטלען צעחושט. און ביי אונדז יידן איז אַ מענטשלעך לעבן הייליק. ווער עס ברענגט אום איין נפש פון ישראל, איז ווי ער ברענגט אום אַ גאַנצע וועלט. האָבן מיר נישט געוואָלט דעריבער דעם טייוול געבן אַ תירוץ צו מאָרדן. ער איז שטאַרקער פון אונדז. ער איז אָבער אַ געמיינער מערדער, אַ טרוס און אַ גאָרנישט. — לכתחילה, ווען מיר זענען געווען פילצאָליק, האָט ער מיט אונדז נישט אָנגעהויבן. אַצינד אָבער, ליבע ברידער, זענען מיר אַ קליין הייפעלע און אין קלעם פון געטאָ. פאַרלאָזן מיר זיך נאָר אויף אים אַליין. מיר מוזן אָננעמען דעם ביטערן גזר באהבה, ווי עס שטייט: „בכל לבבך ובכל נפשך"... נאָר ווער עס פילט זיך בכוח אַרויסצורייסן, קען דאָס באַלד טאָן. פיקוח נפש איז דוחה אויך יום־כפור".

אַ געמורמל ווי דאָס רוישן פון אַ טייך איז אַדורך דורך די מתפללים. „מיר בלייבן צוזאַמען", האָבן אַלע אין איין קול געענט־פערט.

***

דער רב אַליין האָט זיך געשטעלט פאַרן עמוד. ס'איז געווען אַ פייערלעכער און דערהויבענער מאָמענט. ר' מרדכילע מיט צוויי חשובסטע זקנים ביי די זייטן האָט אָנגעהויבן מיט אַ געוואַלטיקער מתיקות און באַזונדערע כוונה צו זאָגן די אַריינפיר־תפילה צו כל־נדרי, וועגן איינשליסן אינעם כלל אויך די „עברינים" (זינדיקע), מיט אַ באַזונדערע טרויעריקע האַרציקייט זענען די ווערטער גע־וואָרן אַרויסגעבראַכט. ווי איין אָנטרינקענדיקע זיסקייט און אַרומ־נעמענדיקע וואַרעמקייט האָט אָפּגעקלונגען דער עכאָ: „בישיבה של מעלה... על דעת המקום... אנו מתירין להתפלל עם העבריינים". — מיט דער העכסטער דערלויבעניש און מיט דער דערלויבעניש פון דער יידישער געמיינשאַפט, דערלויבן מיר צו מתפלל זיין מיט די געזעץ־איבערטרעטער.

מען האָט אָנגעהויבן זאָגן כל־נדרי. ווען מען איז צוגעקומען צו: מיום כפורים זה, עד יום כפורים הבא... זענען די פרויען אַרויס מיט אַזאַ האַרץ־רייסנדיקן געוויין, וואָס האָט אַלעמען מיטגעריסן און דערשיטערט. ס'איז געווען אינעם דאָזיקן שלוכץ, דער גאַנצער שוידער פון דער פאַרצווייפלטער לאַגע.

אין דרויסן האָט זיך דערהערט אַ גערודער. די זון איז שוין געווען פאַרגאַנגען. זי האָט אָפּגעטראָטן איר אָרט פאַר דער אָנקו־מענדיקער פינצטערניש. אויפן הימל־געוועלב האָט זיך נישט באַ־וויזן קיין איין שטערן. די צעגאָסענע טונקלקייט האָט זיך געקאָר־טשעט אין די אייגענע חשכות־קראַמפּן. — געקאָוועטע שטיוול האָבן ריטמיש אָפּגעקלאַפּט אויפן ברוק, וואָס פירט צו דער שול. צוגעקומען, האָט זיך די דערנענטערנדיקע גרופּע ווי צו אַ שלאַכט צעשאָטן און ווי מיט אַן אייזערנעם רינג אַרומגענומען די שול. פון דער פינצטערניש אַרויס, האָט זיך נאָר אַרויסגעהויבן די העלמען און צו דער שול געשטרעקטע מאַשינען־ביקסן.

דער רב האָט אינסטינקטיוו דערשפּירט די באַלדיקע סכנה. ער

האָט געענדערט דעם סדר התפילה. ער האָט אויסדרייענדיק זיך צו די מתפללים, אויך אויפגעהויבן זיין בליק אין דער הויך צו די נשים (ווי צום געזעגענען זיך) און האָט געהייסן זאָגן קדיש.

„לאָמיר — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ געבראָכענער שטימע — זאָגן אונדזער אייגענעם קדיש. אַ קדיש איבער זיך אַליין. וואָרט און וואָרט זאָל יעדער נאָכזאָגן. די מענער און די נשים. מיר וועלן דערמיט דאָס לעצטע מאָל הייליקן זיין כבוד, זיך מתיחד זיין מיט אים און בעטן פאַרן נצח ישראל".

מען האָט געעפנט דעם ארון־קודש, און מיט אַ האַרץ־רייסנדיקע געבראָכנקייט אָן אַ גרענעץ, האָבן אַלע אָנגעהויבן:

יתגדל... ויתקדש...

ביי ובחיי דכל בית ישראל זענען אַריין אין שול צוויי עס־עס־לייט. די מתפללים פאַרטראָגן אין זייער צער־פולער געבראָכנקייט און פאַרגאַפט פונעם תפילהדיקן עקסטאַז, האָבן די אַריינקומענדיקע דייטשן נישט באַמערקט. ערשט דאָס ברוטאַלע אַדורכשטופּן זיך פון די צוויי מענטשן־בעסטיעס, האָט זיי אויפגעוועקט פון פאַרגאַפטן דרימל. — די דייטשן האָבן זיך געוואָלט דערנעענטערן צום אָפענעם ארון־קודש. נאָר דאָ האָט זיך פּלוצים ר' מרדכילע אויפגעכאַפּט ווי געטראָפן פון אַ ביס פון אַ שלאַנג. אין איין רגע ווי מיט אַ לייבנשפּרונג איז ער אויסגעוואַקסן ביי די הייליקייטן, פאַרשטעלנדיק מיט זיין גאַנצן הויכן און ברייטן וואוקס דעם ארון־קודש. דער דייטשער אָפיציר, זעענדיק ווי דער אַלטער רב איז אים פאַרלאָפן דעם וועג, איז אַריין אין אַ ווילדן צאָרן. זיין רויט פון שראַמען צעהאַקטער פּנים האָט זיך אָנגעצונדן, איז נאָך מער רויט געוואָרן. און אָנבלאָזנדיק זיך ווי אַן ענדיק מיט רציחה־פולע אויגן, איז ער אַרויס:

„פאַרפלוכטער יודע, ווייסטו נישט, אַז פאַר דיר שטייט אַ דייטשער אָפיציר? אַכטונג! פאַר אַן אָפיציר פון פירערס אַרמיי.

„מיר האַלטן נאָר אונדזער ג־ט פאַרן איינציקן פירער, וואָס איז אויך דער פירער פון יידישן פאָלק!" — האָט ר' מרדכילע געלאַסן געענטפערט.

„שווייג און אַוועק פון דאַנעט, שמוציקער יודע!" — האָט דער אָפיציר, אָננעמענדיק אַ דראָענדיקע פּאָזע געריטשעט.

„איר קענט נאָר אונדזערע גופים אומברענגען, אָבער נישט

אונדזער גייסט. אונדזער גייסט האָט נאָך קיינער נישט באַזיגט" — האָט דער רב געענטפערט און זיך נישט גערירט פון אָרט.

דער אָפיציר אַ „צעיוכעטער" פון יידס ווידערשפעניקן און פעסטע האַלטונג, האָט אויפגעהויבן זיין נאַגייקע און מיט דער גאַנצער קראַפט איר אַראָפגעלאָזט אויפן רבס פנים.

אַ בלוט־שנור האָט זיך אַראָפגעגליטשט פון רבס צאַרטן פנים און איז ווי אַ קליין ריטשקעלע אַריין אין זיין זילבער־באָרד. דאָס צעקלאַפטע אָרט איז אויפגעלאָפן און דאָס געשווילעכץ האָט זיך אַרויסגעבערגלט פון איבריקן פנים. צום אָפיציר איז צו זיין באַגלייטער און ביידע צוזאַמען האָבן דעם רב גענומען רייסן פון ארון־קודש. נאָר דאָ איז געשען עפעס אומגעווינלעכעס. פון אַלע זייטן האָבן זיך די מתפללים גענומען רוקן צום רב. און פון די ווינקלען זענען תיכף אויסגעוואַקסן דער בלאַסער יאַנעק און דער הויכער מיט די פריצישע וואָנסעס. און אין איין רגע זענען שוין ביידע דייטשן געלעגן דערוואָרגענע מיט איינגעקלאַמערטע הענט ביי די רעוואָלווער־שיידלעך. מען האָט די פגרים פאַרשטעקט אין פאָליש. יאַנעק מיט אַבראַמאָוויטשען האָבן אַרויסגענומען די רעוואָלווערן פון די שיידלעך און האָבן זיך אָנגעטאָן אין די דייטשע מונדירן. זיי האָבן געוואָלט אַרויספירן די יידן פון דער שול. ווען זיי האָבן זיך אָבער דערנעענטערט צו דער טיר, איז זיי אומגעריכט אַנטקעגן געקומען אַ שטאַרקע גרופע עס־עס, וואָס האָבן געוואָלט אַריין אין שול. יאַנעק מיט אַבראַמאָוויטשן האָבן תיכף אויף זיי געעפנט אַ פייער. צוויי עס־עס־לייט זענען אויפן אָרט אומגעקומען. די איבריקע, כאַפנדיק זיך, אַז דאָס זענען פאַלשע דייטשן, האָבן זיך אויף גיך צוריקגעצויגן צו זייערע פריערדיקע פאָזיציעס. זיי האָבן דורך די פענצטער גענומען אַריינשיסן אין שול. און דער געפייף פונעם קוילן־האָגל האָט זיך אויסגעמישט מיטן לעצטן עקסטאַזעדיקן געזאַנג פון „אדון עולם", וואָס די מתפללים האָבן מיט אַ באַזונדער דערהויבענע שטימע געזונגען. יאַנעק מיט אַבראַמאָוויטשן האָבן צוריקגעשאָסן, ביז די קוילן זענען זיי אויסגעגאַנגען. נאָר פלוצים האָט אַ פייער־זייל אַרויסגעפלאַצט פון אַ פענצטער. דאָס פייער האָט מיט זיינע פלאַמיקע לאַפעס געזוכט אַלץ אַרומצונעמען. עס האָט זיך געריסן אַלץ צו באַהערשן און פאַרצערן. די שול איז פול געוואָרן מיט רויך.

און מיט די לעצטע כוחות פון זייערע שטיקנדיקע קולות האָבן די קדושים אַרויסגעזונגען:

בידו אפקיד רוחי... ועם רוחי גו...יתי... און זענען פאַרשטומט געוואָרן אויף אייביק.

דעם פעטערס בשמים־ביקסל

זיין פעטער, ר׳ ישראלקע גאָלד, איז געווען אַ שאַרפער קאָצ־קער חסיד, אַ בן־תורה און אַ גביר. די מומע חיה שרה, די אשת חיל, האָט אים אַרויסגענומען גלייך פון דער ישיבה אַרויס. ער איז געווען אַ ברייט־פּלייציקער מיטל־וואוקסיקער ייד, מיט אַ גרויסן תלמיד־חכמדיקן שטערן. אויף זיינע סאַמעט־ווייכע שוואַר־צע אויגן האָט ער געטראָגן ברילן, וואָס זייערע גאָלדענע האָלאָ־בליעס האָבן זיך פאַררונדיקט און פאַרהאַלטן אויף די אויערן. די גאָלד־גלאַנציקע ברילן מיט דער ברייטער זילבערבאָרד, ווען מען האָט געקאָנט באַזונדער אָפּצוילן, האָבן זיין אַזוי אויך הדרת־פּנים צוגעגעבן אַ באַזונדערס חשיבותדיקן אויסזען. אַ חוץ דעם האָט ער נאָך געהאַט אַ באַזונדערס־זיסע שטימע, וואָס האָט איבערגעשטיגן דעם שענסטן סאָליסט. און כאָטש די שטימע איז געווען אַ גאָר שוואַכע, נישט שטאַרקער ווי די שטימע פון אַ יונגן קאַנאַריק, האָט זי אָבער פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ מתיקות, אַז זי איז צעגאַנגען אין יעדן אבר. און ווער ס׳האָט איר נאָר געהערט, האָט זיך געפילט ווי אָנגעטרונקען מיט האָניק.

זיין פעטער האָט געהאַט פאַרשידענע שיינע זאַכן, וואָס האָבן געקאָנט אַ מענטש אינטערעסירן. נאָר אברהמלען דעם קליינעם חסידישן ייִנגעלע האָט פון זיינע אַלע זאַכן אינטערעסירט זיינע שיינע שטייגער חפצים. און מער פון אַלץ האָט אים פאַרכאַפּט, ממש באַצויבערט זיין שיין בשמים־ביקסל.

כאָטש ער האָט ליב געהאַט נאָך אַנדערע זאַכן, ווי דאָס שיינע מוטער־פּערלנע מעסערל, וואָס זיין מאַמע האָט אים געבראַכט פון וואַרשע, און נאָך מער דאָס מעטאַלענע שרייבגעצייגל, אויף וועלכן ס׳איז געווען קונציק אויסגעגראַווירט די שטאָט טשעכאָטשינעק, האָט אָבער דאָס אַלץ נישט געקאָנט זיך פאַרגלייכן מיט זיין פע־טערס בשמים־ביקסל.

***

דאָס איז געווען זיין פעטערס צווייטע ביקסל. געווען איז עס פון כסף טהור, נאָר אין גאַנצן באַגילדעט. נאָר אויסער ווי יעדעס בשמים־ביקסל, וועמענס קיילעכדיק פיסל טראָגט אויף זיך אַ גבֿיריש בייכל מיט אַ טירעלע אינמיטן כדי צו באַשמעקן די ריח־ניחוח־דיקע געווירצן פאַרן מאַכן די ברכה „בורא מיני בשמים", און וואָס איבערן בייכל געפינט זיך אַ טורעמל ווי אַן אַרויפֿגעבויטער גאָרן מיט גאָלדענע גלעקעלעך, וועלכע גיבן אַרויס אַזאַ ווייכן מעטאַלע־נעם קלאַנג ווען מען טרייסלט זיי, און וואָס צוזאַמען מיט די פענ־דעלעך דערמאָנט דאָס אַלץ אין אַ פעסטונג, אוודאי אין מצודת דוד, האָט אָבער דאָס דאָזיקע בשמים־ביקסל געהאַט אויפֿן בייכל פוןביידע זייטן ביז צום טירעלע אַ הערלעכע גראַוויור, וואָס האָט אין באַגילדעטן שפּיגל־שימער מיט זיך פֿאַרגעשטעלט דעם בית המקדש, די מערת המכפלה און יצחק'ס עקידה.

דאָס דאָזיקע בשמים־ביקסל האָט פֿאַרכישופֿט זיין קינדערישע פרומע פאַנטאַזיע און האָט אויפֿגעוועקט אין אים די אַנטציקונג פאַר שיינקייט, וואָס האָט געענטפֿערט אין די טיפֿסטע טיפֿענישן פון זיין קינדערישער נשמה. ס'בשמים־ביקסל האָט אים געבראַכט אַ מתנה צו זיין פינף און זיבעציקסטן געבוירן־טאָג, זיין גבֿירישער זון ר' יחיאל.

אויסער דעם וואָס ס'האָט אים געלאָקט די „חצופה" שיינקייט אַליין, האָט ער נאָך געהאַט אַ באַזונדערע שייכות צום דאָזיקן ביקסל. זיין פעטער, געכאַפּט אין די זאַכן פון די עולמות עליונים, האָט דעם שבת־קודש נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון האַנט. אַ שטיק צייט שוין נאָכן באַווייזן זיך פון די שטערנס האָט ער נאָך אַלץ מוסיף געווען „מחול על הקודש" (פון וואָך צו שבת) און האָט ער שוין אָנגעהויבן מאַכן הבדלה, איז עס געווען מיטן גאַנצן קנאַק.

און אָנגעהויבן האָט ער פאַמעלעך, פאַמעלעך, נישט געאײַלט זיך. און אויך אַ מנהג איז ביי אים געווען אַז אברהמ'עלע דאָס זעקס־יעריקע חסידל האָט געמוזט האַלטן די געפלאָכטענע פול־קאָלירעיקע הבדלה־ליכט. און ער האָט זיך טאַקע מחיה געווען מיט דער דאָ־זיקער שפּיל פון האַלטן די געפלאָכטענע הבדלה. און נישט נאָר גע־האַלטן האָט ער, נאָר ער איז געווען אַ שטיק שותף צום פעטערס

הבדלה מאַכן. צו זיין הבדלה־ליכט האָט ער געמוזט צונייגן זיינע צונויפגעלייגטע פינגער כדי צו מאַכן די ברכה „בורא מאורי האש". און ערשט נאָך אַלעמען האָט מען זיך נישט געטאָרט רירן פון אָרט, ביז אברהמ'עלע האָט נישט איינגעטונקען די ליכט אין צו דעם צוועק אויסגעגאָסענעם ווין, כדי איר צו פאַרלעשן. און דאָס טריסקען פון פייער אינעם ווין האָט אים אויך הנאה פאַרשאַפט.

אָבער אַ נאָך גרעסערע הנאה האָט ער געהאַט, ווען ער האָט נאָך דער הבדלה אַליין געהאַלטן דאָס בשמים־ביקסל אין האַנט און עס באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ. ער האָט מיט קינדערישער ליבשאַפט און נאַאיווקייט געגלעט און געצערטלט דאָס בייכל מיט די אויסגעגראַווירטע הייליקייטן. ער האָט באַרירט די גלעקעלעך מיט די פענדעלעך און געגלאָצט פאַרגאַפט אויף די קונציקע אותיות פון פיסל, וואו ס'איז געווען אינעם באַגילדעטן זילבער געקריצט דער נאָמען פון מנדב און דעם בעל־יובל, מיט דער פאַראייביקטער דאַטע. נישט איין מאָל האָט ער זיך געראַנגלט מיט דער בייזער מחשבה צוצוגנבענען עס. דער יצר־הרע האָט גערייצט: „נאַרעלע וואָס דו ביסט, נעם עס צו ווערסטו עס שטענדיק־האָבן מיט זיך". און דער יצר־טוב האָט געסטראַשעט מיטן גיהנום מיט די פעסער סמאָלע און אייזערנע ריטער. געווען איז עס אין שוין ווייטן אַמאָל.

***

נאָך די חורבן־יאָרן, צוריקקומענדיק פון רוסלאַנד, האָט אבּרהמעלע רייך זיך געאיילט צו באַזוכן זיין אייגענע היים. און צוקומענדיק צום אָרט וואו דאָס הויז איז געשטאַנען, האָט ער גערואווט נישטערן און זוכן אין דער אַנטשטאַנענער גרוב אויפן אָרט פון פריערדיקן הויז. און דווקא דאָס דאָזיקע חורבנדיקע אָרט איז געווען אויסגעקעמט, אויסגערייניקט ביז גאָר. עפּעס אַ „זאָרגעווודיקע" האַנט האָט שוין וועגן דעם געזאָרגט. ברענענדיק אָבער פון פאַרלאַנג כאָטש צו האָבן עפּעס אַ זכר פון די טראַגיש־פאַרשניטענע נאָענטע, איז ער תיכּף געפאָרן אין זיין געבוירן־שטאָט. און דאָ האָט אפילו זיינע עלטערנס הויז געהאַט מער מזל ווי די בעלי־בתים אַליין: דאָס הויז האָט זיי איבערגעלעבט. אין די צימערן זענען שוין געזעסן די נייע קריסטלעכע בעלי־בתים. אין דער גרויסער

סאַליע, וואָס האָט געזען יידישע שמחות און פריידיקע טעג, איז נאָך אפילו אויפן טיש געווען פאַרשפּרייט דער משפּחהדיקער פּליושענער טישטעך. אָבער נישט דאָס האָט אים אינטערעסירט. ער האָט געגאַרט נאָך עפּעס אַ זכר פון זיי, אַ מער אינטימער קעגנשטאַנד, ווי: אַ בילד, אַ בריוו א. אַ .וו. נאָר נישט באַקומענדיק אויך דאָ עפּעס אַזוינס, איז ער מיט אַ שווער געמיט צוריקגעפאָרן.

***

אין אַכט און פערציקסטן יאָר, אָפּפאָרנדיק אין גאַנצן פון פּוילן, האָט ער נאָך אַלץ געטראַכט און געגליסט מיטצונעמען עפּעס אַ זכר, אויב נישט פון דער אייגענער פאַמיליע פון וואָס ער האָט זיך שוין געהאַט מיאש געווען, איז זאָל זיין כאָטש פון יידישן פּוילן, פון פאַרשניטענעם פּוילישן יידנטום.

און געווען איז עס אין די לעצטע טעג פון זיין פאַרלאָזן וואַרשע. ווי אַ שאָטן האָט ער זיך געשלייכט איבער די וואַרשעווער גאַסן. ער האָט געוואָלט פאַרשליסן אין זיין האַרץ דעם לעצטן זכר פון זיינע נאָענטסטע אויף דער דאָזיקער פּוילישער ערד. נישט האָבנדיק קיין קבר פון קיינעם פון זיינע נאָענטע, האָט ער געוואָלט כאָטש אינעם געדאַנק זיך מיט זיי מתיחד זיין. ער האָט געוואָלט, אַרויסרופנדיק זיי אין זכרון, אין זיין פאָרשטעלונג, זיך סימבאָליש מיט זיי געזעגענען, ווי זיי וואָלטן געלעבט... מיטנעמען אַ פון זיך אַליין אויסגעטראַכטע ברכה אויף זיין ווייטערדיקן נישט קלאָרן לעבנס־וועג. שלייכנדיק זיך אַזוי פאַריאושט, פאַראייַנזאַמט, זינקענדיק אין די אייגענע מרה־שחורה'דיקע טיפענישן, האָט זיין סומנער בליק געבלאָנדזשעט, געבלאָנדזשעט אַזוי מעכאַניש אָנווילִיק איבער די שויפענצטער פון די מאַרשאַלקאָווסקע גאַס. נאָר פּלוצים, ווי געשטויסן פון אַן אומבאַוואוסט אינסטינקטיוו געפיל, האָט זיין בליק זיך צוגעפּגעטראָפן מיט אַ זילבערנער אתרוג־פּושקע, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אויף איינעם פון די פענצטער פון די ניי־געבאַקענע קרעמערס. און אויפכאַפּנדיק זיך פון אין זיך אַליינדיקן זינקען, איז ער אַריין אין דאָזיקן געשעפט.

אין געשעפט זענען געווען פאַרשידענע יידישע חפצים און שטייגער־זאַכן. ער האָט באַטראַכט און געזוכט צווישן די פאַרשי־

דענע אַנטיקן. נאָר פּלוצים האָט ער דערזען אַ שיין בשמים־ביקסל. עס האָט אים ווי אַנטקעגן געטאַנצט אין די אויגן אַריין. ער האָט עס גענומען אין האַנט אַריין בעסער צו באַטראַכטן. און ווינד און ווייַ, ס'איז זיין פעטערס בשמים־ביקסל.

אַ ביסל אָפּגעבליאַקעוועט, אין אַ זייט האָט עס געכאַפּט אַ קליינעם קנייטש, אָבער דאָס איז עס!

ער האָט באַצאָלט דעם געפאָדערטן פּרייז און האָט עס ציטער־ריק ווי אַ ייד פלעגט ציטעריק אַריינלייגן דעם אין וואַטע געוויקלטן אתרוג אין דער זילבערנער פּושקע, אויף גיך אַריינגעלייגט אין קעשענע אַריין. ער איז אַרויס פון קראָם, מורא האָבנדיק טאָמער נעמט ביי אים עס צוריק צו.

איבעראַשט פון וואונדערלעכן פאַל, האָט ער דאָס בשמים־ביקסל אין זיין האָטעל־צימער געצערטלט, ווי מען צערטלט אַ ליב קינד, עס צוגעלייגט צו זיינע ליפּן, און דערמאָנענדיק זיך אין זיינע אַ קינדערישע געוואוינהייט פון גרונטלעך באַטראַכטן אַ יעדע זאַך פון אַלע זייטן, האָט ער דאָס בשמים־ביקסל איבערגעדרייט מיטן פיסל אַרויף.

און אָ, וואונדער איבער וואונדער. פון פיסל־לעכל שטעקט עפּעס אַרויס ווי אַ דין שטיקל ווייסער זייד. ער האָט דאָס שטיקל זייד פאָרזיכטיק אַרויסגעצויגן. ס'איז געווען אַ קליין בריוועלע געשריבן אויף ווייסן ביבעלע־פּאַפּיר אינעם דאָזיקן נוסח: „ס'איז אונדזער לעצטער וועג. אויב געפינער ביסט אַ ייד, היט עס ווי אַן אויג אין קאָפּ. גיב עס איבער פון דור צו דור ווי דער לעצטער זכר פון אונדזער אומקום. אויב אַ קריסט, און דו פאַרמאָגסט נאָך אַ שטיקל געוויסן, גיב עס תיכף איבער צו אַ ייד".

אונטערגעשריבן: יחיאל בן ישראל גאָלד.

אָנגעוואוירן די אַרבעט

ווען ביילטשע איז אָנגעקומען אין פּאַריז, איז זי די ערשטע צייט געווען ביי איר שוועסטער ברכה, וואָס האָט זיך דאָ אַ נאָמען געגעבן זשאַקלינע. איר שוועסטער ווי אויך דער שוואָגער מישעל ראָזען האָבן זי אין אָנהייב גוט באַהאַנדלט. זיי האָבן איר נאָך די ערשטע וואָכן פון איר קומען אַריינגענומען אין זייער געשעפט פון קאָנפעקציע, וואָס זיי פירן שוין דאָ אַ פּאָר צענדליק יאָר. נאָר דאָס זיין אין געשעפט פון שוואָגער האָט ביילטשען נישט געקאָנט באַפרידיקן. זי האָט זיך געפילט ווי אַן אַרבעטערין, — נאָר אָן די רעכט פון אַ פרעמדער אָנגעשטעלטע. — די שוועסטער און דער שוואָגער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין קינדער, האָבן זי אפילו גענומען באַטראַכטן ווי אַן אייגן קינד. זיי האָבן זי אָבער באַהאַנדלט נישט מיט קיין פאָטערלעכער מילדקייט — נאָר ווי אַ שטרענגער „אַפּיעקון", וועמען מען האָט צוגעטיילט אַ געוויסן אָביעקט צום היטן. און ביילטשע, ווען זי איז אָנגעקומען אַהער, איז שוין נישט געווען קיין קליין מיידעלע, וואָס זאָל זיך לאָזן פירן ביי די הענטלעך, אפילו פון אַ לייבלעכן פאָטער. זי איז אַהער געקומען ווי אַ פרוי מיט אַ שווער־געפּרואווטער דערפאַרונג, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט דעם גאַנצן פּיין און ליידנסוועג פון די יידן פון איר שטאָט, פון אוישוויץ ביז פּאַריז.

אין די מיידלשע יאָרן, איז ביילטשע געווירק געווען גוט באַקאַנט אין אירע קרייזן. איר שיינע פיגור, די חן־גריבעלעך אויף אירע ראָזע בעקלעך און די לאַכעדיקע פּאָר אויגן האָבן אירע „קאַוואַלערן" פאַרכישופט. זי איז אין איר שטאָט געוואָרן די מלכה פון דער גאָלדענער יוגנט. נישט איין בחור האָט געטרוימט פון איר ווי פון זיינע אַ באַשערטע. זי האָט אָבער, ווען עס איז איר פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס אַרומשמייען מיט אירע „אַכאַזשאָרן", זיי אויף צו להכעיס חתונה געהאַט אין אַן אַנדער גרויסער שטאָט

מיט אַ רייכן טוכפּאַבריקאַנט. ביי איר מאַן וואַצלאַוו ווינטשעווסקי האָט זי געהאַט פון פּויגלמילך.

דאָס איינציקע קינד, וואָס זיי האָבן געהאַט, האָבן זיי אַוועקגעגעבן צו אַן אַם. איר מאַן האָט נישט געוואָלט, אַז זיין שיינע ביילטשע, זאָל זיך אַליין מאַטערן מיטן קינד און פאַרלירן פון איר אויסזען. זי פלעגט אויך יעדעס יאָר פאָרן קיין אויסלאַנד, וואו זי פלעגט פאַרברענגען די צייט ווי אַ מאָל אין אירע מיידלשע יאָרן. און ס'וואָלט אַזוי ביילטשע אויסגעלעבט אירע יאָרן אין רואיקייט און אין וואוילטאָג. איז אָבער געקומען די צייט, ווען די דייטשע בעסטיע איז אָנגעפאַלן אויף פּוילן, און ביילטשע מיט איר מאַן און דעם איינציקן ייִנגעלע זענען מגולגל געוואָרן קיין אוישוויץ. זיי האָבן זיך אין אָנהייב באַמיט צו זיין צוזאַמען. עס האָט זיי געהאָלפן די מיטגענומענע צירונג און דעם מאַנס ספּעציאַליטעט, וואָס האָט די דייטשן שטאַרק צו נוץ געקומען. שפּעטער אָבער האָט מען פון איר צוגענומען דאָס קינד און אויך דעם מאַן. ווען זי איז אַרויס פון לאַגער, איז זי אָפּגעלעגן זעקס חדשים אין שפּיטאָל, ביז זי איז געקומען צו די כוחות. צו אירע פריערדיקע כוחות איז זי שוין אָבער נישט געקומען: די שווערע אַרבעט און די הונגערבאַשפּייזונג פון לאַגער האָבן געלאָזט זייער צייכן אויף ביילטשעס געזונט. נאָר נאָך מער ווי אירע פּיזישע ליידן האָט זי אָנגעהויבן פּילן איר מאָראַלישן פּיין. אין לאַגער, ווען איר לעבן איז געהאָנגען אויף אַ האָר, האָט זי נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט וועגן זיך צו טראַכטן. זי האָט דעמאָלט זיך אַליין נישט געפּילט. — אירע חושים און אירע געדאַנקען זענען געווען ווי פאַרגליווערט, איינגעפרוירן. אַלץ וואָס זי האָט געטאָן איז געווען אָנווילִיק, מעכאַניש. נישט קיין לאָגיק האָט איבער איר געהערשט, נאָר ס'האָט מיט איר געוועלטיקט איינציק אַליין דער בלינדער אינסטינקט פּונעם זיין. אָבער נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל, ווען די סכנה איז שוין געווען פאַרביי, האָט זי באַקומען צוריק איר גייסטיקן גלייכגעוויכט. און מיטן צוריק באַקומען איר נאָרמאַל לעבן, האָט זי אויך אָנגעהויבן אָפּפּילן אירע מאָראַלישע ליידן. זי האָט זיך מיט אַ מאָל דערפּילט שטאַרק איינזאַם. די בענקעניש צו איר מאַן און קינד האָט גענומען רייסן פון איר שטיקער. זי האָט זיך אַרומגעזען, אַז די איינציקע רעטונג פון איר לאַגע, איז צו פאַרווישן די פריערדיקע שפּורן,

און אָפּמעקן פון איר זכרון דעם גאַנצן קאַפּיטל אוישוויץ. זי האָט באַגערט נאָך אַ מאָל חתונה צו האָבן און אָנהייבן בויען אַ ניי לעבן. מיט די דאָזיקע געדאַנקען האָט זי זיך אַרומגעטראָגן, ווען זי איז נאָך דער באַפרייאונג צוריקגעפאָרן אין איר שטאָט, אָפּנעמען און פאַרקויפן אירע „מאַיאָנטקעס". ווען זי איז שוין געווען נאָענט פון איר ציל, איז אין פוילן אויסגעבראָכן פרישע פּאָגראָמען. דער דרימלענדיקער האָס פון אַ טייל פּאָליאַקן און די איינגעפלאַנצטע שנאה צו יידן פון דייטשן אָקופּאַנט, איז אויף ס'ניי אויסגעבראָכן מיט אַ געוואַלטיקער קראַפט, וואָס האָט געדראָט צו פאַרניכטן די אָפּגעראַטעוועטע יידישע רעשטלעך. איר שוועסטער פון פּאַריז האָט זי דעמאָלט באַוואָרפן מיט בריוו און טעלעגראַמעס, זי זאָל אַלץ אַוועקוואַרפן און קומען אַזוי ווי זי שטייט און גייט קיין פּאַריז. ביילטשע האָט אַליין אויך מורא באַקומען פאַר איר לעבן, און דערמוטיקט פון דער שוועסטער איז זי גלייך אַרויסגעפאָרן קיין פּאַריז.

***

נאָך אַ יאָר אָפּזיין ביים שוואָגער איז איר זיין לעבנס־שטייגער געוואָרן אין גאַנצן פאַרמיאוסט. ס'איז איר שווער געוואָרן צו אָטעמען אין דער דאָזיקער חללדיקער פּוסטקייט. — איר שוואָגער מישעל ראָזען איז געווען אויסגעליידיקט נישט נאָר פון יעדן נאַציאָנאַלן, נאָר אויך פון יעדן מענטשלעכן געפיל. ער האָט אַלץ געמאָסטן מיט דער מאָס פון מאַטעריעלע ווערטן און אייגענע באַקוועמלעכקייטן. און זי, ביילטשע, הגם ביי איר מאַן, דעם רייכן פאַבריקאַנט, איז זי אויך געוואָרן אַ ביסל אָפּגעפרעמדט צו זיך, האָבן זי אָבער די אוישוויץ־יסורים אויסגעלייטערט, ווי מען לייטערט גאָלד. זי איז אַרויס פון לאַגער גאָר אַן אַנדער מענטש. איר ביטול־באַציאונג, וואָס זי האָט געהאַט צו די יידישע ווערטן, איז ביי איר אַצינד אין גאַנצן פאַרשוואונדן. עס האָט איר אפילו גענומען ווייטאָן, פאַר וואָס זי קאָן נישט גוט די געשיכטע פון איר פאָלק. און צוזאַמען מיט איר פאַרלאַנג צו ווערן זעלבסטשטענדיק, האָט זי אויך געטרוימט פון גאָר אַן אַנדער אַרט לעבן. זי האָט נישט געזוכט קיין רייכקייט, נאָר אַ וואַרעמע היים, וואו זי זאָל זיך קאָנען אויסלעבן אין מאַטעריעלער באַ־

שיידנקייט, אָבער אין אַ דערהויבענער גייסטיקייט. זי האָט פֿאַר־שטאַנען, כדי צו קאָנען אויפֿבויען זיך אַזאַ היים, מוז זי קודם־כּל זיך באַפֿרייען פֿון שוואָגערס מאַטעריעלן שוץ. — זי מוז זיך אויס־לערנען אַן אַרבעט און אָנהייבן אַליין פֿאַרדינען. זי וועט אַרויס פֿון שוואָגערס קלעם, און זי וועט זיך שאַפֿן אַ קליינע עקזיסטענץ. האָבנ־דיק אַן אייגענע „סיטואַציע", וועט זי זיך קאָנען אויסקלויבן דעם מאַן, וועמען זי אַליין ווינטשט זיך.

ביילטשע האָט זיך אַליין גענומען אין דער האַנט אַריין. זי האָט זיך ענערגיש אַ נעם געטאָן אויסצולערנען אַ פֿאַך. דאָס לערנען איז איר נישט אָנגעקומען גרינג, כאָטש די אַרבעט אַליין איז נישט געווען קיין שווערע. זי האָט אָבער איר ציל דערגרייכט. נאָכן אויסלערנען זיך, האָט זי געקויפֿט אַ „סורזשעטע"־מאַשין און האָט זיך אין אַ בוידעם־שטיבל געזעצט אַרבעטן. זי האָט זיך מיטן אָנהייבן אַרבעטן אַ ביסל צוגעאײַלט. צוגעאײַלט האָט זי זיך, ווייל דער שוואָגער האָט נאָכן אָפּקילן זיך צו איר ווי צו די איינציק לעבן געבליבענע פֿון זייערע ביידנס משפּחות, זיך אַרומגעזען, אַז קיין האַרמאָניע וועט שוין צווישן זיי נישט הערשן. איר מענטאַליטעט איז גאָר אַן אַנדערע ווי זיינע. און זי הייבט זיך אָן אפֿילו אַריינ־מישן אין זיין אייגענעם לעבנס־פֿיר. האָט ער אָנגעהויבן זי צו פּייַ־ניקן מיט שידוכים. ער איז פֿון טאָג צו טאָג צו איר געוואָרן צו־דרינגלעכער. אונטערן אויסרייד, אַז ער מיינט איר טובה האָט ער איר פֿאָרגעלייגט אַ רייכן אַלמן, ביי וועמען זי וועט גאָרנישט דאַרפֿן אַרבעטן און זאָרגן.

„דו ווערסט עלטער — האָט ער אָנגעהויבן. — זע, בייל־טשע, ווי דו זעסט שוין אויס. די אַרבעט „פֿאַליובעט" דיר נישט. און וואָס ווייטער וועט אַלץ זיין שווערער מיט דיר צו טאָן אַ גוטן שידוך. די פּאַרטיע, וואָס מיר לייגן דיר פֿאָר, איז אַ גאָלד־גרוב. וועסט נישט דאַרפֿן אַריינטאָן קיין פֿינגער אין וואַסער. וועסט ווערן אַ „גראַנד־דאַמע", צוריק די זעלבע ביילטשע ווי אַ מאָל".

ווען זי האָט זיך געטראָפֿן מיטן פֿאַרגעשלאָגענעם פּאַרטנער, האָט איר גענומען שווינדלען אין די אויגן. אַ שוואַכקייט איז אין איר אויפֿגעגאַנגען, וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער איר גאַנצן וועזן. זי האָט זיך מיט איין מאָל דערפֿילט, ווי דער לעבנס־כּוח אין איר זאָל אָנהייבן פֿאַרשווינדן; ווי ער זאָל אויסרינען. דאָס האָט אָבער

לאַנג נישט געדויערט. איר לעבנסווילן האָט באַהערשט די אָנגע־לאָפּענע שוואַכקייט. זי איז צוריקגעקומען צו איר פריערדיקן צו־שטאַנד. דער מאַן אין די זעכציקער, אַ פּעט־לייביקער, אַ צעגאָסענער, האָט ער זיך געקייקלט ווי אַ קאַטשקע אויף זיינע קרומלעכע פיס. פון זיין געל פרישטשעדיקן פּנים האָבן אַרויסגעקראָכן אַ פּאָר וואַסערדי־קע אויגן, ווי אָט אָט אַרויסצופאַלן. — זיין פּלאַטשיקע נאָז מיטן קליינעם שטערן האָבן נאָך פאַרערגערט זיין אויסזען. און זיינע צע־בראָכענע ווערטער מיטן פּרימיטיוון אופן פון אויסדריקן זיך האָבן בולט באַוויזן יעדן מאַנגל פון אינטעליגענץ. ביילטשע איז צוריקגע־קומען פון דער טרעפונג אין גאַנצן אַ צערודערטע.

„אָט וואָס פאַר אַ באַשערטן מיין שוואָגער וויל עס פאַר מיר צוגרייטן" — האָט זי געטראַכט. און די רייבונגען צווישן איר און דעם שוואָגער האָבן זיך פאַרשטאַרקט. זי האָט דעריבער פעסט באַ־שלאָסן אַוועקצוגיין פון שוואָגער, און אונטער אַלע אומשטענדן, ווי שווער עס זאָל איר נישט אָנקומען, ווייטער אַרבעטן. זי האָט וואָס אַ מאָל בעסער געגומען אַרבעטן.

זי האָט דעם פאַך שוין אין גאַנצן באַהערשט. אָבער וואָס מער זי האָט דעם פאַך באַהערשט און איר פאַבריקאַנט איז געווען צו־פרידן פון איר גוטער אַרבעט, איז זי אַליין מער געוואָרן הינטערשטע־ליק אין געזונט. זי איז געוואָרן שוואַכער פון טאָג צו טאָג. אי־רע ליידן פון אוישוויק האָבן זיך אַצינד אָפּגערופן. עס האָט איר גענומען ברעכן די פלייצע אַרבעטנדיק ביים מאַשינדל און די הענט האָבן איר גענומען דרייען ביים צושניידן דעם שטאָף. עס האָט אויסגעזען ווי איר שוואַך געזונט פירט אַ קאַמף מיט אירע פלינקע הענט און אַרבעטסווילן, ווער וועמען עס וועט איבעריאָגן. און ביי איר גאַנצער אָנשטרענגונג און אַרבעטס־גיריקייט האָט זי אַלע מאָל אַרויסגעגעבן וואָס ווייניקער אַרבעט. זי האָט אָנגעהויבן פאַרדי־נען ווייניקער, כאָטש דאָס פאַרדינען ווייניקער האָט איר אַזוי נישט געאַרט, ווייל זי האָט נאָך געהאַט אַ ביסל אָפּגעשפּאָרט געלד פון פריער. זי האָט אויך געקאָנט האָפן, אַז איר שוואַכקייט וועט סוף כל סוף איבערגיין. זי האָט אָבער דער עיקר מורא באַקומען צו פאַרלירן דעם אַרבעטספּלאַץ, וואָס איז איר נישט אַזוי גרינג אָנ־געקומען אים צו באַקומען.

***

ביילטשעס פאַבריקאַנט, „מעסיע" זשאַרזש יאַקובאָוויטשי, האָט איר אָנגעהויבן חושד זיין, אַז זי נעמט אָן נאָך אַרבעט ביי אַ צווייטן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר וואָס זי גיט לעצטנס אַרויס ווייניקער אַרבעט.

„איך האָב אייך געמאַכט פאַר אַ לייט — האָט ער געזאָגט נישט אָן גאווה, אַרויסלאָזנדיק די ווערטער פון זיין מויל ווי דעם רויך פון זיין ציגאַר. — איך האָב אייך, מאַדאַם ווינטשעווסקאַ, אַרויסגעגעבן וויפל נאָר „שטיקלעך" איר האָט אַליין געוואָלט. און אַצינד, ווען דער סעזאָן איז אין פולן ברען, ווען מען רייסט ביי מיר פון אונטער די הענט, אַרבעט איר גאָר פאַר אַן אַנדערן?" — האָט ער געטענהט אויף זיין צעבראָכענעם בעסאַראַבער יידיש, גע־מישט מיט פראַנצויזישע ווערטער.

ביילטשע האָט זיך געפילט געטראָפן, וואָס „מעסיע" יאַקובאָ־וויטשי איז איר גאָר חושד אין נעמען אַרבעט ביי אַן אַנדערן. נאָר דער עיקר האָט זי זיך געפילט, ווי מען זאָל איר שיטן זאַלץ אויף אירע וואונדן. וויל זי דען נישט אַרויסגעבן וואָס מער אַרבעט. איז עס אָפּהענגיק נאָר פון איר ווילן?...

זי האָט אים היטנדיק זיך מיט די ווערטער אויפגעקלערט: אַז איר געזונט האָט זיך פאַרערגערט. זי איז לעצטנס אָפּגעשוואַכט געוואָרן. „ניין, „מעסיע" — האָט זי געזאָגט מיט אַ באַזונדערע ווייכ־קייט און באַהאַלטענעם ציטער אין איר שטימע. — וואָס רעדט איר, איך נעם נישט אַרויס קיין שום אַרבעט ביי אַן אַנדערן. הלוואי וואָלט איך באַוויזן צו מאַכן די אַרבעט, וואָס מיין „פּאַטראָן" גיט מיר אַרויס. איך בין נאָר צייטווייליק אָפּגעשוואַכט. איך האָף אָבער, אַז מיין געזונט וועט זיך פאַרבעסערן און איך וועל צוריק אָנהייבן געבן אַזוי פיל, ווי איך האָב אייך פריער געגעבן".

„מעסיע" יאַקובאָוויטשי איז נישט געבליבן צופרידן מיט איר אויפקלערונג. — און אַז זי איז קראַנק, טאָ וואָס אינטערעסירט דאָס אים. איז ער דען מחויב פאַר איר צו זאָרגן? און טאַקע, אויב ס'איז אמת ווי זי אַליין זאָגט, אַז זי איז אָפּגעשוואַכט, איז וואָס זשע דאַרף ער זיך דרייען אַ קאָפּ מיט קראַנקע אַרבעטער? איז דען ביי אים אַ שפּיטאָל צי אַ פּריוואַט־קליניק? און ער האָט אַרויסגע־געבן זיין לעצטן פּסק.

„מאַדאַם ווינטשעווסקאַ — האָט ער נאָך אַ קליינער פּויזע

אַרויסגעזייעט, — זעט מיר צו ברענגען דאָס צווייטע מאָל די גע־העריקע צאָל „שטיקלעך", אַ נישט גיב איך אייך די לעצטע וואָרע־נונג, אַז איך וועל מיט אייך איבעררייסן".

ביילטשע איז אַהיימגעגאַנגען אַ צעטומלטע. עס האָט איר גע־שראָקן די ווייטערדיקע אויסזיכטן. די אַרבעט איז געווען איר איינ־ציקע האָפענונג און רעטונג. נישט נאָר פּרנסה האָט זי געזוכט פון איר אַרבעט, נאָר זי האָט אויך געוואָלט מיט איר פאַרטרייבן איר דריקנדיקע איינזאַמקייט ווי אויך די קאָשמאַרנע זכרונות פון דער לעצטער פאַרגאַנגענהייט. די אַרבעט האָט נישט געדאַרפט געבן איר כוח המחשבה קיין איבריקע צייט צו טראַכטן.

זי האָט אויף צו מאָרגנס ביים „סורזשעטע" פון זיך אַרויסגע־יאָגט די לעצטע כוחות. נאָר וואָס מער זי האָט געטריבן די לעצטע פאַרע פון זיך, אַלץ מער איז זי שוואַכער געוואָרן. אַ שאַרפער ווייִ־טיק האָט זיך אין איר באַזעצט ווי אַ דיבוק. און דער ווייטיק האָט געצויגן אויף צוריק אירע אַקסלען, נישט לאָזנדיק איר איבערבייגן זיך איבערן מאַשינדל. אויך די הענט, וואָס האָבן געפירט מיטן שטאָף אונטער דער נאָדל, זענען געוואָרן שוואַך און ווי געליימט. זי האָט זיך גענומען באַגיסן מיט שווייס. די טראָפּנס, וואָס האָבן גענומען רינען אויף די הענט און אויפן שטאָף, האָבן איר נאָך מער צערודערט און צעטומלט. און ווערנדיק שטאַרק דענערווירט, האָט זי מיט כעס אַראָפּגעוואָרפן דעם גאַנצן שטויס וואָל פון איר „סור־זשעטע"-טישל און האָט אויסגעשריגן צו זיך אַליין:

„וואָס מיינט ער, דער אַרויפגעאַרבעטער בעסאַראַבער? איך וועל אַרויסיאָגן פון זיך מיינע לעצטע כוחות, כדי ער זאָל רייכער ווערן? נישט צוליב דעם בין איך געבליבן לעבן".

און זי איז אַוועקגעפאַלן אויף דער אָפּגענוצטער סאָפע פון איר בוידעם־שטיבל.

ווען זי האָט אים אָפּגעטראָגן די אַרבעט, האָט ער לכתחילה נישט ווויסנדיק געמאַכט זיך פון דער קליינער צאָל. ערשט נאָכן אָפּ־ציילן און אויסחשבונען זיך מיט איר, האָט ער נאָך אַ שאַרפן פאַר־צי פון זיין ציגאַר, אויך אַזוי שאַרף אַרויסגעוואָרפן זיינע לעצטע ווערטער:

„מאַדאַם, סע פיני! איר באַקומט נישט מער קיין אַרבעט".

צו אַ ניי לעבן

איטשעס פריינד האָט באַלד ביים אַריינקומען פון די דייטשן קיין וואַרשע באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פּוילן. כאָטש זיי האָבן נאָך דאָן נישט אַרויסגעוויזן זייער גאַנצע רשעות קעגן די יידן — ס'איז נאָך געווען פריצייטיק — איז אָבער פאַר איטשען גענוג געווען דאָס בלויזע צוזאַמענזיין מיטן גרעסטן שונא פון זיין פאָלק.

ס'איז געווען אַ הערלעכער שפּעט־זומערדיקער טאָג. דער פּוילישער הימל איז נאָך געווען אַ קלאָרער און זוניקער. דער דורכזיכטיקער פּרוכת איז געווען באַשפּריצט מיט זונפלעקן, וואָס האָט דעם טיף־בלאָען אויסגעשפּרייט געגעבן דעם אויסזען פון אַ נעץ מיט העל־גאָלדענע לאַטעס אויף דער וועלטס אָנגעזיכט. אויך אויף פּוילנס וועגן זענען נאָך די אַלטע ליפּעס געשטאַנען שטאָלץ פאַריסן מיט זייערע קרוינען און גאַנצן בלעטער־באַשטאַנד. אויף די וואַרשעווער גאַסן איז נאָך דער אַריינגעטראָטענער שטילקייט, וואָס איז געקומען נאָכן באָמבן־געקנאַל, געווען אַ לעבעדיקע באַוועגונג. אַ טייל האָבן זיך מיט אַ טאָפּלטער ענערגיע, ווי וועלנדיק אָפּנעמען די פאַרלוירענע צייט, זיך צוריק גענומען צו זייערע טאָג־טעגלעכע עסקים. נאָר אויף די יידישע גאַסן פון פּוילנס הויפּט־שטאָט האָט געהערשט אַ געדריקטע שטימונג און אַ זאָרגפולער פחד פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

ביי איטשען אויף דער נאָוואָליפּקע איז דעם טאָג געווען תשעה באב. זיין פרוי און די שוויגער זענען אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן און האָבן געבראָכן מיט די הענט. די קליינע רחלע האָט געוויינט און אַרום איר האָבן זיך אויך אַזוי וויינענדיק געשאַרט די איבריקע קינדער. איטשע איז דערפון אין מיטן פּאַקן זיך, געוואָרן צעטומלט. ער האָט אַ דענערווירטער גענומען שרייען:

„וואָס קלאָגט איר אַזוי נאָך מיר? איך לעב דאָך נאָך! איר ווילט נישט, איך זאָל אַוועקגיין — בלייב איך". — „ניין! האָבן

ערשט מיט איין מאָל אַרויסגעכליפּעט ביידע פּרויען. אַנטלויף, אַנט־לויף, פאַרליר נישט קיין צייט. און זאָל דיר ג־ט העלפן, דו זאָלסט מצליח זיין".

די שוויגער, אָפּווישנדיק זיך די טרערן מיטן פאַרטוך, איז אַ־וועק אין צווייטן צימער, כדי נישט צו שטערן מער איטשען ביי דער אַרבעט. ווען ער איז שוין געווען אין גאַנצן פאַרטיק, האָט זיך דאָס זעלבע איבערגעחזרט ביים געזעגענען זיך נאָך מיט מער קראַפט, ביז ער האָט ענדלעך פאַרלאָזט די שטוב. איטשע איז ווי אַ הירש פאַר זיינע יעגערס גיך געלאָפן וואָס ווייטער פון שטוב. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון די דייטשן און אויך פון דעם צער און פּחד פון זיין משפּחה איבער אים. — דער וועג צו דער גרע־נעץ איז נישט געווען קיין גרינגער. ער האָט נאָך געהאַט פאַר זיך די גאַנצע שוועריקייט. ווען ער איז אָנגעקומען צו דער סאַמע גרע־נעץ, איז אויף די געדיכט צונויפגעוואַקסענע קשאַקעס מיט די בערג־לעך און גריבלעך צווישן זיי, שוין געווען אויסגעשפּרייט אַ ווייסער פוך, וואָס האָט ווי אַ ווייסער אָפּשיין פון אַ רעפלעקטאָר אויפגע־ריסן די שמאָק־פינצטערע נאַכט, וואָס זיין איבערפירער האָט פאַר אים אויסגעקליבן. דאָס קריכן אויף אַלע פיר — און די אַדורכנע־מענדיקע פייכטקייט און קעלט האָט אים פאַרמאַטערט. ער האָט געוואָלט זיך אַ ביסל אָפּרוען, כדי אָנצונעמען זיך מיט פרישע כוחות צום ווייטערדיקן קריכן. נאָר דאָ האָט ער פּלוצים דערהערט אַ שטאַרק בילן פון אַ הונט. דאָס בילן האָט זיך אַלע מאָל מער דערנענטערט. האָט ער זיך שוין אין גאַנצן אויסגעצויגן אויף דעם נאַסלעכן שניי און האָט געפּרואווט זיך איינקאָרטשען. ער האָט גע־וואָלט אין טויטלעכן שרעק און אַנגסטן, אין זיך אַליין אַריין; אין זיך אַליין, זיך אויסבאַהאַלטן. נאָר נאָך איידער ער האָט צייט גע־האַט אַ טראַכט צו טאָן, האָט ער שוין דערפילט אויף זיך די שווע־רע משא פון אַ גרויסן וואָלפהונט, וואָס האָט זיך שטעלנדיק אויף אים מיט זיין גאַנצער גרייס אים צוגעדריקט צום פאַרשנייטן באָדן, האַלטנדיק אין איין בילן. גלייך זענען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן צוויי באַוואָפנטע דייטשן. זיי האָבן אים נאָכן מכבד זיין מיט אַ פּאָר פייערדיקע פּעטש, אַריינגעפירט אין זייער וואַך־שטיבל און אים גענומען אויפן פאַרהער. דער הונט, אַ צופרי־דענער פון זיין אָפּגעטועטער אַרבעט, האָט דרייענדיק מיטן וויידל

פרייליך אַרומגעטאַנצט אַרום זיין קרבן. ער האָט מיט זיינע הינ־טישע פאָספאָר־אויגן, אַנגעשטעלט זיינע בליקן דאָ אויף איטשען און דאָ אויף זיין דייטשן באַפעלער. אַ שווער אַנגעגאָסענער דייטש מיט אַ פעסטן קיילעכדיקן קאַרק האָט זיך דערנענטערט צו אי־טשען מיט אַ שווערן קאָוואַלסקען האַמער. ער האָט אין זיין מינ־כענער דייטש מיט אַ זעלבסט־זיכערקייט־געפיל פון אַ זיגער, אָנ־געהויבן:

— „ווען דו, פאַרפלוכטער יודע, וועסט נישט מודה זיין זיך אין וואָס מען הייסט דיך, וועט דיין דרעקישער יודן־קאָפּ אָט מיט דעם האַמער אויף שטיקלעך צעשמעטערט ווערן". — „יאָ, מיר דייטשן זענען באַרבאַרן! האָט ער מיט זיין שיכור־שטימע מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ אַרויסגעכאָרכלט, ווי אַ באַשטעטיקונג צו זיין פריערדיקער וואָרענונג.

איטשע האָט אין טויט־אַנגסטן דערפילט אַ קאַלטן שווידער אי־בער זיין לייב. עס האָט אים גענומען וואַרפן אַ צאָן אין אַ צאָן. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין פאַרלאָזן הויז. און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט אַרומצוקוקן זיך, האָט שוין דער נעבן־שטייענ־דיקער דייטש אויפגעהויבן דעם האַמער איבער אים און געפרעגט:

— „ווער האָט פאַראַטן דייטשלאַנד און איר פאַרקויפט צום טייוול?" — „וואָס זאָל איך זאָגן?" האָט איטשע אַ צום טויט דער־שראָקענער געפרעגט. — „די יודן!" האָט דער דייטש אַרויסגע־באַסעוועט; „די יודן!" — האָט איטשע ווי אַן אויטאָמאַט געענט־פערט. — „ווער האָט געשענדעט צען טויזנט דייטשע בתולות און דערנאָך זיי אויסגעשטאָכן די אויגן?" — „וואָס זאָל איך זאָגן?" — האָט איטשע געפרעגט. — „די יודן!" איז געפאַלן דער כריפּ־קער ענטפער פון דייטש. — „ווער האָט קאַסטרירט טויזנטער דיי־טשע קריגס־געפאַנגענע און זיי געמאַכט אומפעאיק צו קעמפן?" — „די יודן!" — האָט שוין אַצינד איטשע אַ מיט שוויים באַגאָ־סענער, ווי מעכאַניש אַליין געענטפערט. נאָך אַ צענדליק מאָל אַזוי אויפהייבן מיטן האַמער און פרעגן איז ענדלעך דעם דייטש אַליין די אַרבעט פאַרמיאוסט געוואָרן. ער האָט אים צוגעפירט צו דער ליניע פון דער סאָוויעטישער גרענעץ און געזאָגט: — „אָט דאָ שטייען די שמוציקע רוסן. גיי אַריבער צו זיי, פאַרשאָלטענער ייד. אויב דו קומסט צוריק, הענגען מיר דיר אויף אָט אויף דעם סלופּ".

איטשע האָט ביים אַריבערגיין די גרענעץ, מיט טרערן אין די אויגן דערציילט די געשיכטע מיט דער דייטשער וואַך. די סאָוויעטישע וואַך האָט אים אויסגעהערט, אַדורכגעלאָזט און אים איבערגעגעבן צום געריכט, וואָס האָט אים פאַרמשפּט פאַרן אַריבערגיין אומלעגאַל די גרענעץ.

ער האָט דורך דער צייט פון זיין זיין אין לאַגער און אין רוסלאַנד געגוג אַדורכגעמאַכט. נישט איין מאָל איז ער געשטאַנען ביים אָנבליק פון טויט. און נישט איין מאָל וואָלט ער אויך זיך אַליין געבעטן דעם טויט, ווען נישט דער זכר פון זיין איבערגעלאָזטער פאַמיליע, וואָס האָט אים אין די שווערסטע מינוטן אַזוי געשטאַרקט און געמוטיקט צום לעבן. די דאָזיקע אין זכרון איינגעהאַלטענע פאַרבינדונג האָט אים געטרייסט אין די פאַרצווייפלטסטע מאָמענטן פון זיין וואַנדערונג איבער די ווייטע סטעפּעס פון גרויסן רוסלאַנד. דאָס איז דאַן געווען דער איינציקער אַנקער פון זיין לעבן.

**
*

צוריקקומענדיק קיין פּוילן, האָט ער שוין קיינעם פון זיין משפּחה נישט געטראָפן. ער איז געבליבן שטיין פאַרן פּלאַץ פון זיין הויז ווי אַ צעמישטער. ער האָט זיך מיט אַ מאָל דערפילט ווי אַן אויסגעליידיקטער פון יעדן לעבנס־אינהאַלט, ווי ער וואָלט פאַרלוירן דעם באָדן פון אונטער די פיס. ער האָט זיך דערזען ווי אַן עלנטער רינג וואָס איז אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין משפּחה־קייט, וועלכע איז אַזוי אכזריותדיק פאַרניכטעט געוואָרן. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז אַלע זיינע האָפענונגען און דערוואַרטונגען זענען מער נישט געווען ווי אַ פּוסטע פאַנטאַזיע, אַ בלויזער מיראַזש. — און ער איז ביים בלויזן געדאַנק, אַז ער דאַרף זיין דער לעצטער גליד פון זיין פאַרצווייגטער משפּחה שיער נישט אין גאַנצן צעבראָכן געוואָרן. ער איז אָבער גיך געקומען צו זיך. דער לעבנס־כוח אין אים האָט זיך געשטאַרקט איבער דער אויפגעקומענער פאַרצווייפלונג און האָט איר באַוועלטיקט. — און דער דאָזיקער אינסטינקט פון לעבן האָט געטאָן זיינס. ער האָט אים אונטערגעריקט דעם געדאַנק: אַז דווקא פאַרקערט. ווייל ער וויל נישט און דאַרף נישט זיין דער לעצטער, מוז ער זיך ערשט רעכט נעמען אין דער האַנט אַריין. און ער האָט

דערוועקט אין אים אַ נייעם געשטייגערטן ווילן צו לעבן, צו לעבן פֿאַר זיך און צו לעבן פֿאַר דער צוקונפֿט, צוריק אָנצובינדן זיין רינג אין דער גייסטיקער קייט פֿון עבר און שוין בפּועל ממש איר אַריינקייטלען אין די ווייטסטע דורות אַריין. —

***

מיט די דאָזיקע געדאַנקען האָט ער זיך גענומען ענערגיש צום לעבן. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין יידישן קאָמיטעט, קודם־כל זיך צו פֿאַרטאָן און צו פֿאַרגעסן. ער האָט געוואָלט האָבן וואָס ווייניקער צייט צו גריבלען זיך אַרום זיין אייגענער לאַגע. ער האָט געוואָלט פֿאַרטרייבן אַלע יענע מחשבות, וואָס קאָנען אים דערמאָנען אין זיין פֿיינפֿולן מצב. די אַרבעט אין קאָמיטעט און די פּראָצעסן, וואָס ער האָט געפֿירט אָפּצונעמען זיינע הייזער, האָבן אים אייבערגעלאָזט ווייניק צייט צו באַקענען זיך מיט די פּרויען, וואָס מען האָט אים פֿאַרגעשלאָגן. כאָטש ער האָט מיטן גאַנצן פֿיבער פֿון זיין האַרץ און נשמה געגליסט אויפֿצושטעלן זיך אַ נייע היים. איבעריקנס איז פֿאַר אים גאָרנישט געווען אַזוי לייכט אין פּוילן חתונה צו האָבן. די צייט איז נישט געווען קיין רואיקע און סטאַבילע. בפֿרט ווען ער האָט צו בלייבן אין פּוילן גאָרנישט געטראַכט. וואָס האָט ער צו טאָן אין דעם לאַנד, וואו יעדעם הויז, יעדער שפּאַן ערד איז אַדורכגעווייקט מיט יידיש בלוט? קאָן מען דען לעבן אויף אַ בית־הקברות?

און די צייט איז געלאָפֿן און מיט איר דער באַרג אַראָפּ פֿון דער שארית־הפּליטה אין פּוילן. — קיעלץ האָט פֿאַרטריבן די לעצטע אילוזיע פֿון די יידן, אָפּצושטעלן זיך אין דאָזיקן בלוטיקן לאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויסע אַנטלויפֿן. איטשע, הגם אין זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען אַ ציוניסט, ער האָט זיין ליבע צו ציון איינגעזויגן מיט זיין מוטערס מילך, און נאָך אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער צוויי מאָל זיך געריסן צום לאַנד פֿון זיינע אבות, איז ער אָבער אַצינד נישט געווען בכּוח צו לויפֿן איבער די גרענעצן. ער איז שוין געווען אַריבער די יאָרן. אויך זיינע קראַנקייטן און די צרות פֿון זיין לאַנגער־לעבן האָבן זיך אַצינד אָפּגערופֿן. ער האָט אָבער מיט אַלע מעגלעכקייטן געוואָלט אַוועק פֿון פּוילן. ער האָט

זיך געריסן צו פרייע יידישע צענטערן, וואו ער זאָל קאָנען זיין צוזאַמען מיטן פאָלק. ער האָט אויך געהאָפּט אויף אַ נאָרמאַלע מעגלעכקייט עולה צו זיין אין „ארץ“. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין גואל און קיין קרוב, וואָס זאָל אים אַריבערנעמען קיין פּאַריז. האָט ער נאָך מער גענומען פילן זיין ביטערע עלנטקייט. דער „וואָרעם“ פונעם דאָזיקן דריקנדיקן געפיל, האָט זיך איינגעגעסן אין זיין האַרץ און האָט וואָס אַמאָל שאַרפער עס גענומען טאָטשען, ווי דאָס פליגעלע טיטוסעס אויער. —

אין דער דאָזיקער פאַר אים ביטערער צייט האָבן צוויי אויפגייענדיקע שטראַלן געשפּאָלטן זיין פאַרחושכטן הימל, ווי צוויי שאַרפע בליצן, וואָס שפּאַלטן די געדיכטסטע פינצטערניש.

***

אין איינעם אַ גראָען ווינטערטאָג ווען ער איז געקומען צו זיין אַרבעט, האָט אים דער פּאָסטטרעגער איבערגעגעבן צוויי פאַרמאַכטע קאָנווערטן. ביידע קאָנווערטן זענען נישט געווען קיין געוויינלעכע בריוו, וואָס ער באַקומט יעדן טאָג. איינער, אַ לאַנגער, איז געווען פאַרקלעבט מיט אַ סך פרעמדע מאַרקעס און מיט קייַלעכדיקע טריוואַקס־סטעמפּלען, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף זיין חשיבות. דער צווייטער, אַ קלענערער, איז געווען פון אַ ראָזן קאָליר, פון וועלכן עס האָט זיך געשפּירט אַ צאַרטער ריח. איטשע האָט זיי ביידע מיט ציטערדיקע הענט און איינגעהאַלטענעם אָטעם געעפנט. אינעם לאַנגן איז געווען אַן אויסטראַלישער פּערמיט, אויסגעשטעלט דורך עפּעס אַ באַקאַנטן נאָמען, וואָס ער האָט זיך אָבער בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען ווער דאָס איז. און אין צווייטן — אָ, ג־ט, אַזאַ אומגעריכטקייט! — איז געווען אַ בריוו פון זיין קוזינקע יאָכעלע שטאַרקמאַן. זי שרייבט אים, אַז זי איז געבליבן אַליין און וויל זיך תיכף מיט אים פאַרבינדן. דער בריוו איז געווען זייער האַרציק און אינטים געשריבן. די קוזינקע, וואָס האָט אים געקאָנט פון פריער און האָט זיך אָן צערעמאָניעס אים אָנגעשלאָגן, האָט אין אים אויפגעוועקט נישט נאָר מוט און האָפענונג, נאָר זי האָט מיט איין מאָל אין אים אַרויסגערופן אַלע זיינע דרימלענדיקע געפילן. ער האָט זיך שוין לאַנג געפיניקט מיט זיין טעמפּעראַ־

מענט. — שוין יאָרן ווי ער איז אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין היים. די אַלע יאָרן זענען פאַר אים געווען יאָרן פון ליידן און פּיין. פון פאַרשטויסן און אונטערדריקן יעדן מינדסטן ווילן און דראַנג צו לעבן אַ פול מענטשלעך לעבן. — ער האָט אויך געמוזט קרעמפּן און פּענטען זיין גוף, ווי אַ מומיע אין באַנדאַזשן, פון יעדן לייבלעכן באַריר און צערטלעכקייט. האָט ער זיך דעריבער ווי אַ פאַרשטאָפּ־טער קוואַל, וואָס רייסט זיך ביי דער מינדסטער עפענונג מיט אַ געוואַלטיקע קראַפט, אַרויס אויף דער אויבערפלאַך, אַצינד געריסן מיט אַלע זיינע אונטערדריקטע פאַרלאַנגען און באַגערן צום לעבן...

נאָך אַ קליינעם ברייוו־אויסטויש איז זי צו אים געקומען. זיי האָבן געלעבט געמיינזאַם און צופרידן. זיי האָבן ביידע געגאַרט צו שטילן זייער אומבאַהאָלפנקייט און אויך זייערע גליסטונגען. — ביידע האָבן זיי געהאַט די זעלביקע חשבונות. יעדן פון זיי איז גע־ווען שווער זיך צו באַשליסן אויף אַ דרייסטן שריט אין לעבן. אין דעם אויפגעקומענעם נאָך־מבולדיקן כאַאָס איז דער אויסקלויב פון אַ פרוי אָדער אַ מאַן נישט געווען פון די גרינגע זאַכן. נאָר דער באַוואוסטזיין פון משפחה־נאָענטקייט, דאָס קאָנען זיך פון פריער, און דער עיקר: דאָס אומגעריכטע געפונען זיך — האָט געמאַכט זייער צוזאַמענזיין ווי אַ באַשטימונג און גורלדיק...

***

איטשעס גליק האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. ער האָט גע־וואָלט די קוזינקע צושרייבן צו זיין פערמיט, כדי צוזאַמען אַוועק־צופאָרן. דערווייל איז אויך יאָכעלע נישט געזעסן ליידיק. זי האָט זיך דערמאָנט אין איר שוועסטערס אַ הויז, וואָס האָט זיך געפונען אין איינעם פון די פּוילישע שטעטלעך. איז זי געפאָרן עס אָפּנעמען און פאַרקויפן. צו וואָס זאָל זי דאָס איבערלאָזן אין די מערדערישע הענט? האָבן זיי זיך נאָך ווייניק אָנגערויבט מיט יידיש גוטס? און איר שוועסטער הדס מיטן מאַן האָבן ווי האָרעפּאַשניקעס אַ גאַנץ לעבן געאַרבעט: ער ווי אַ שלאָסער און זי ווי אַ נייטאָרן. דאָס הויז האָבן זיי דערוואָרבן פון אייגענע אָפּשפּאָרונגען. זיי האָבן געשפּאָרט מיטן אייגענעם ביסן פונעם מויל.

זי האָט דעם פּראָצעס ווי אַ לייבלעכע שוועסטער גלייך גע־

וואונען. די שווערקייטן האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן מיטן פאַר־קויפן. די נייע קריסטלעכע „בעלי־בתים" האָבן עס אַליין געוואָלט דערהאַלטן, זיי האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט, אַז ס'איז זייערס: זיי האָבן דאָך נישט אומזיסט געהאָלפן מאָרדן. יאָבעלע האָט שוין אפילו מסכים געווען, עס זאָל בלייבן ביי זיי. זיי האָבן אָבער קיין מינימאַלן פּרייז אויך נישט געוואָלט געבן. זייער פּרייז האָט באַטראָפן אַזויפיל, וויפל עס האָט איר געקאָסט די געריכט־קאָסטן מיט אירע אייגענע הוצאות. — האָט זי עס פאַרקויפט אַ צווייטן, אויך פאַר גראָשנס. און זי האָט זיך שוין געקליבן צוריקצופאָרן.

דער וועג פון שטעטל צום באַן, איז געווען אַ טונקעלער. מען האָט אויך געמוזט אַדורכגיין אַ שטיקל וועלדל. ווען יאָבע שטאַרק מאַן איז אַריין אין וועלדל, האָט זי פּלוצים דערהערט הינטער זיך לויפנדיקע טריט. אין גאַנצן אויפגעשוידערט פון שרעק, האָט איר לעבנס־באַוואוסטזיין מיט איין מאָל ווי אויפגעוועקט זיך פון אַ לעטאַרגישן שלאָף. אַלע אירע אינסטינקטן האָבן זיך אַצינד געווענדעט אין דער ריכטונג, צו שאַרפן איר ווילן, אויף צו מאַכן די לעצטע אָנשטרענגונג פאַר איר לעבן. איר ווילן, האָט ווי אַ שאַרפער שפּיץ פון אַ בלייפעדער זיך פאַרשפּיצט צו איין איינציקע לעבנס־קאָנצענטרירונג. איר האַרץ און קראַמפן קאָרטשענדיק זיך האָט האַסטיקער גענומען שלאָגן. און מיט די דינסטע פעדעם פון אַלע אירע געוועבן האָט זי אויפגענומען די געפאַר. זי האָט מיט אַלע אירע כוחות גענומען לויפן. זי איז געלאָפן און געפאַלן, אויפגעהויבן זיך, און ווייטער געלאָפן, געלאָפן און געשריגן נאָך הילף. זי איז שוין נישט געווען ווייט פון דער באַן־סטאַציע. איר קול האָט מיטן גאַנצן שרעק און שוידער, וואָס עס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן, ווי אַ דונער זיך אַריינגעקייקלט אין דער נאָענטער סטאַציע, וואָס איז געווען פול מיט מענטשן. קיינער האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט. אויך נישט די פּאַטרולירנדיקע מיליציאַנטן. אירע אויגן, אָנגעלאָדן מיט לעבנס־סכנה, האָבן אין דער הערשנדיקער פינצטערניש און אין לעצטן אויפצאַפּל גענומען ווי אַרויסקריכן פון זייערע אויגנלעכער. זי האָט דערפילט אַ שרעקלעכן קלאַפּ אין אונטערשטן טייל פון קאָפּ, פון וואָס ס'איז מיט איין מאָל אַלץ פינצטער געוואָרן אין איר. און אין דעם דאָזיקן ים פון פינצטערניש איז זי אין איין רגע פאַרזונקען געוואָרן אויף אייביק... זי איז געפאַלן אַ צעשמעט־

טערטע פון אייזערנעם הענטל פון אַן אַקער־אייזן, וואָס דער מער־דערישער פויער האָט געטראָגן מיט זיך. דער מערדער האָט מיט אַ וואָנזיניקער אכזריות נאָך לאַנג געקלאַפּט איבער איר טויטן קאָפּ. און פון יאָכעס שיין־געשניצטן קאָפּ איז געבליבן איין בלוטיק־צע־קוועטשטע מאַסע.

**
*

אַ פרישע צערודערונג איז אַריינגעטראָטן אין איטשעס לעבן. אָט איז ער שוין געווען ביים ברעג פון האָפענונג אויפצובויען זיך אַ ניי לעבן. דאָס נייע האָט ער געוואָלט אַנבינדן אין ביידע צייט־פּאָלוסן, אינעם עבר און אין עתיד. — און דאָ דאַכט זיך שוין האַלטנדיק פעסט דעם שנור פון האָפענונג האָט ער ווידער דעם שנור פאַרלוירן. דער לעצטער אומגליק, וואָס איז אים געשען אונטער דער האַנט, האָט אים אויף ס'ניי דערדריקט. זיין פריערדיקע איינ־זאַמקייט האָט זיך נאָך מער אין אים געשטאַרקט. צום דאָזיקן גע־פיל איז אים נאָך צוגעקומען אַ פאַרביטערונג קעגן זיך אַליין, ווי ער אַליין וואָלט געווען שולדיק אין אַלץ. ער האָט שוין אַצינד נישט געזען קיין זין, אפילו איין איבריקן טאָג צו בלייבן אין פוילן, אין דאָזיקן לאַנד פון זיין טאָפּלטן אומגליק. ער האָט אָבער געמוזט וואַרטן אויף די פּראָלאָנגאַציע פון זיין אויסלענדישן פּאַס, וואָס ער האָט אָנגעגעבן, צוליב דער אומגעקומענע קוזינקע. האָט ער מיט אַ געוואַלטיקער אומגעדולד און שפּאַנונג שוין אויסגעקוקט דעם פּאַס. די דאָזיקע צייט פון וואַרטן האָט אים אויסגעזען ווי אַן איי־ביקייט. ער האָט דענערווירט געריסן די בלעטלעך פון קאַלענדאַר, וועלכע האָבן אים אויסגעזען נישט ווי טעג, נאָר ווי גאַנצע יאָרן.

ענדלעך האָט ער דעם פּאַס באַקומען. אומזיסט איז געווען זיין שרעק, אַז מען וועט אים אָפּזאָגן צוליבן אַרטיקל „דריי". וואָלט ער אַצינד נישט געווען אין אַזאַ שווערע שטימונג נאָכן לעצטן קלאַפּ, וואָס האָט אים געטראָפן, וואָלט ער זיך אַליין געוויצלט, אַז אייגנט־לעך איז ער פונקט אַזוי נוצלעך ווי די, וואָס באַקומען דאָס „דרייע־לע", נאָר אויף אַרויסצופאָרן...

פון דעסט וועגן איז צו שרעקן זיך געווען וואָס. עס איז שוין געווען דער האַרבסט פון פוילישן עמיגראַציע־ליבעראַליזם.

ווען ער איז געקומען קיין פּאַריז, האָט ער טראָץ די גאַנצע שווערקייט, וואָס איז אויף אים געלעגן ווי אַ שווערע משא, גע־מאַכט זיין גרויסן חשבון. אָ, האָט ער געטראַכט, וואָס וואָלט ער אַצינד געטאָן, ווען ער האָט נישט די אויסטראַלישע אַרויספּאָדערונג, וואָס איז געווען זיין איינציקע מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן דעם פּויִ־לישן עמק־הבכא? איז דאָס דאָזיקע געווען אַ טיילווייזע לינדערונג פון זיין צער און פּיין. אין זיין גרויסער ביטערניש איז דאָס אויך געווען אַ שטיקל טרייסט.

**
*

ער איז קיין אויסטראַליען נישט געפאָרן. וואָס וועט ער טאָן אינעם דאָזיקן ווייטן לאַנד, בפרט ווען ער איז ווייטער געבליבן אַליין? ער האָט געהאַלטן אין איין פּראָלאָנגירן די וויזעס. ביז די דאָזיקע מלאכה איז אים פאַרמיאוסט געוואָרן און ער האָט גאָר דעם פּערמיט צוריקגעשיקט מיט אַ דאַנק צו זיינע לאַנדסלייט. „וואָס דער שכל באַווייזט נישט, באַווייזט די צייט". און פון ערגעץ פון די טיפסטע טיפענישן פון איטשעס צעוויטיקטע נשמה איז אַן אומגעריכטע פרייד אויפגעגאַנגען, וואָס האָט ווי מיט האָניק אָנ־געטרונקען זיין גאַנצן מהות. די דאָזיקע פרייד איז פאַר אים גע־ווען ווי אַ היילנדיקער באַלזאַם אויף זיינע אייטערדיקע וואונדן. זי האָט אין אים אָנגעצונדן אַ נייעם פייער פון גלויבן און האָפענונג. און דערוואַרעמט פונעם דאָזיקן פייער האָט ער געוואָלט אויף ס'ניי איבערברענען זיינע ליידן אינעם דאָזיקן פריש־אויפגייענדיקן גלי פון זיין נשמה... ס'איז געווען די בשורה וואָס האָט זיך געטראָגן פון מזרח. ווי אַ צעגאָסענער שטראָם האָט זיך אַריינגעריסן די פריידיקע ידיעה פון דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה און האָט אויפגעשטורעמט די יידישע הערצער. די בשורה, געטראָגן אויף די כוואַליעס פון עטער, האָט אויך דערגרייכט פראַנקרייך. פאַרשיכורט פון דער נייער בשורה האָט זיין לעבן אַצינד באַקומען אַ נייעם אינהאַלט. זי האָט אויפגעוועקט און צוריק באַלעבט אין אים זיינע אַמאָליקע געפילן, פאַר וועלכע ער האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט. לויפן איבער גרענעצן קאָן ער טאַקע נישט. אָבער נאָר־מאָל עולה זיין אין זיין לאַנד פון האָפענונג — דאָס מוז ער באַ־

ווייזן. און ער האָט זיך גענומען גרייטן קיין ישראל. ווען ער האָט זיך געשטעלט צו דער מעדיצינישער באַטראַכטונג, האָט ער באַקומען אַ נייע אַנטוישונג: די קאָמיסיע האָט אים פֿאָרזיכטיק געגעבן אָנצוזעהערן, אַז ער טאָר נאָך אַצינד נישט פֿאָרן. אמת, האָט זי אים געפּרואווט טרייסטן, ס'איז אַן איבערגאַנגס־קראַנקייט, וואָס ביי אַ גוטע פּלעגונג און רו, וועט עס פֿאַרשווינדן. זי האָט אים געהייסן קומען אין דריי חדשים אַרום.

ער איז אַהיימגעגאַנגען אַ טרויעריקער. יאָ, ער פֿילט טאַקע, האָט ער זיך ערשט דערמאָנט, אַז עפּעס קלייעט אין אים. ער קאָן דאָס נישט אָנרופֿן ביים נאָמען. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט דעם דאָקטאָר קאָנען אָפּנאַרן. עס גייט אָבער נישט. די קראַנקייט אין אים האָט זיך געשטאַרקט. ער איז געוואָרן מאָגערער פֿון טאָג צו טאָג. ער האָט שוין נישט געקאָנט אַלץ עסן. ביי אַ טייל שפּייזן האָט ער גענומען ברעכן. ער האָט אָבער געמיינט פּונקט ווי אַ טייל דאָקטוירים, אַז דאָס נעמט זיך פֿון זיין אַלטע מאָגן־קראַנקייט, וואָס האָט זיך איצט פֿאַרשטאַרקט. ער איז אָבער געוואָרן אַלע מאָל שוואַכער. ער האָט געפֿילט, ווי עמעצער זאָל זויגן פֿון זיינע אָפֿענע וואונדן, ווי ווער זאָל ציען און נאָגן זיין בלוט. און דאָס נאָגעניש האָט נישט אויפֿגעהערט. די דאָקטוירים האָבן אים פֿאַררעדט די ציין. זיי האָבן מיט אויסטערלישע ווערטער געפּרואווט אָנרופֿן פֿאַרשידענע נעמען פֿאַר זיין מחלה, וואָס ער האָט נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין. די רפֿואות זענען אַלע מאָל געוואָרן גרעסער און וואָס מער פֿלעשעלעך און סלאָיקעס האָבן פֿאַרנומען זיין קליינעם האָטעל־צימער, אַלץ ווייניקער געזונט איז אים געבליבן. און וואָס ווייניקער געזונט ער האָט געהאַט, אַלץ מער האָט ער זיך געריסן קיין ישראל. ווי אַ שמעטערלינג אין זיין קורצן טאָג האָט ער געגאַרט אויסצוטאַנצן זיין לעצטע לעבנספֿרייד אין זיין ניי־אויפֿגעקומען לאַנד. ער האָט געוואָלט כאָטש איין איינציק מאָל איינזויגן אין זיך די לופֿט פֿון ישראלס הויכקייטן און מיט די אויגן זיך אָנטרינקען מיט דער פּראַכט פֿון אירע גרינע טאָלן. די דאָזיקע נישט דערגרייכטע לעצטע האָפֿענונגען און דערוואַרטונגען, האָבן נאָך מער אונטערגעגראָבן זיין געזונט.

**
*

ס'איז געווען אַ שיינער, הערלעכער זומער־טאָג. אַ טאָג, ווען דער גאַנצער באַשטאַנד איז אָנגעטרונקען מיט תאווה צו לעבן. ווען אַלץ שוועבט אַזוי פריי אינעם בלאָען עטער פון זיין... איטשע, אַ פאַרמאַטערטער פון ליגן אויף זיין בעט, איז אַרויסגעגאַנגען אַ ביסל זיך דורכגיין איבער די פאַריזער בולוואַרן. נאָכן אָפּגיין אַ שטיקל וועג האָט ער דערפילט אַ שטאַרק רוישן אין די אויערן. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט און גלייך האָבן אים גענומען שווינדלען אין די אויגן. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ באַנק. דאָ האָט ער דערפילט ווי עפּעס אַ ליידיקייט אין קאָפּ, ווי אינ־ווייניק זאָל אַלץ אין אים אויסרינען. — און אָן באַוואוסטזיין איז ער מיט אַ טראַסק אַראָפּגעפאַלן פון באַנק.

די דורכגייערס האָבן אין ערשטן אויגנבליק געמיינט אַז ס'איז עפּעס אַ שיכור. באַלד האָבן זיי געזען אַז ס'איז אַן איינזאַמער שווער־קראַנקער. מען האָט אים גענומען אין שפּיטאָל. די דאָקטוי־רים, נישט וויסנדיק וואָס אים איז, האָבן לכתחילה אים געפּרואווט מאַכן אַ בלוט־טראַנספוזיע, וועלנדיק אים צוריקגעבן דאָס פאַרלוי־רענע בלוט, וואָס ער האָט אָנגעוואוירן ביים אַראָפּפאַלן פון באַנק. שפּעטער האָבן זיי שוין אין אים פעסטגעשטעלט אַ ראַק, וואָס האָט אויסגענאָגט זיין לעצטן טראָפּן לעבן.

ווען איטשע איז נאָך די איינשפּריצונגען צוריקגעקומען צום באַוואוסטזיין, האָט ער מיט גרויסע שוועריקייטן, ווי פאַר זיך אַליין, אַרויסגעמורמלט:

„נישט באַשערט געווען, אויך איך זאָל זיך אַריינוועבן אין פריידיקן געוועב פון מיין פאָלק. אָבער ניין! איך בין נישט דער לעצטער. — אויב דער לעצטער רינג פון מיין משפּחה פאַרשווינדט, קייטלט זיך אָבער פאָרט דאָס פאָלק אַריין אין דער אייביקייט... און דאָס פאָלק שטייט אויף צו אַ ניי לעבן!"

מיטן דאָזיקן לעצטן געדאַנק, האָט איטשע פריינד פאַרלאָזט אַלע לעבעדיקע.

קריטישע אָפּשאַצונגען און מיינונגען
איבער יעקב כהנס ביכער

„דריי יאָר אין פּוילישן מיליטער"

יעקב כהן, ביאַליסטאָק 1930.

„אינעם בוך „דריי יאָר אין פּוילישן מיילטער", אין וועלכן דער מחבר שילדערט זיינע איבערלעבונגען פון דער פּויליש־סאָוויעטי־שער מלחמה, זעען מיר מער ווי די אייגענע איבערלעבונגען. דאָס בוך שפּיגלט אָפּ אויפן פּאָן פון דער דעמאָלטיקער מיליטערישער לאַגע, דאָס לעבן פונעם יידישן זעלנער בכלל, ווי אויך דעם מצב פון אַ טייל יידישע שטעטלעך אין יענער אומרואיקער צייט. דאָס בוך פאַרמאָגט שטאַרקע, קינסטלערישע אַקצענטן און בילדער".

רעדאַקטאָר פּסח קאַפּלאַן.

„דאָס נייע לעבן", ביאַליסטאָק, 1930.

ווארשעווער „היינט", 1930.

„אין און אַרום ציוניזם"

יעקב כהן, ביאַליסטאָק 1932.

„דאָס בוך „אין און ארום ציוניזם" פון יעקב כהן, איז רייך אין אינהאַלט. עס פאַרמאָגט אַ סך באַלערנדיקע מאַטעריאַלן און ס'איז כדאי עס צו לייענען".

פּסח קאַפּלאַן

„דאָס נייע לעבן", ביאַליסטאָק, 1932.

„אין און ארום ציוניזם", איז אַ ווערטפול בוך. ס'איז אַ גוטער צושטייער פאַרן ציוניסטישן וויסן און פּראָבלעמאַטיק".

שפּיזעמאַן, „דער נייער וועג", וואַרשע, 1932.

„פיר פּאָעטן פון חורבן: פּערלאָוו, בורשטין, גוטמאַן, יעקב כהן.

„פון אייגענעם גאָרטן"

יעקב כהן, פּאַריז, 1940.

„די זאַמלונג „פון אייגענעם גאָרטן" צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס די איבערלעבונגען פון חורבן ווערן דאָ באַרירט אומדירעקט. דער אינהאַלט באַשטייט פון אַפאָריזמען, דיאַלאָגן, לידער און פּראָזע, אונטער דער באַצייכענונג — „מיט זיך אַליין". דער אַריינ־פיר איז אַ געשריי פון פאַרצווייפלונג צו די הימלען: „אַ, צעברעך דיין אייגן הערץ, ווי אַ צייטיקע שאָל, בעל רחמן. צעריים דיינע הימלען, ווי עס רייסט קריעה דער פאַריתומטער דור." און ער פאַרענדיקט דעם ערשטן אויסגעשריי: „אין שוים פון דער לאַנגער נאַכט, קער אום די וועלט צו תוהו ובוהו"... דאָ איז פאַראַן אַ באַדייטנדיקע צאָל קלוגע, שאַרפע אַפאָריזמען.

„פאַרלאָז נישט דעם טונקעלן לאַבירינט פון זיין, כדי אריינצו־פאַלן אין אַ נאָך טונקעלערן לאַבירינט פון נישט־זיין".

„דער אידעאַל איז אַ קאָלאָסאַל הויכער באַרג־שפּיץ, פון וועמענס גאָלדענעם הויך אַלע קייקלען זיך צוריק".

„איידער אַ קנעכט ביי יענעם, זיי אַ קנעכט ביי זיך".

„דער קריגער יאָגט זיך נאָך רויב און רום, ווי דער סוחר נאָך פאַרדינסט".

„יעדער זוכט דעם שבת פונעם לעבן, די פּרינצעסין מיטן כּישופדיקן שמייכל אויף די ליפּן".

„פאַראַן בוימער וועלכע וואַרפן אַליין אָפּ זייערע פרוכטן, אַנדערע, וועלכע מען מוז פונאַנדערשאָקלען".

„לעבן אַן טרוים, איז אַן אָדלער אָן פליגל".

„זיי דער ווירטואָז פון דיין אייגן לעבן".

„אין זכרון־קאַמער איז אַ ביטער געראַנגל פאַר אַן אָרט".

די דיאַלאָגן אין לידער און פּראָזע זענען אַן אויסברייטערונג פון דעם שרייבערס אַפאָריסטישן סטיל. ער פאַרענדיקט אין רעליגיעזן עקסטאַז אויף דעם מאָטיוו פון: „די וואָס זוכן דיך, געפונען דיך אין אַלץ".

מאַרק שווייד, „קולטור און דערציאונג", ניו־יאָרק, 1950.

„פון אייגענעם גאָרטן" איז אַ בוך, וואָס מעג זיך געפונען צווישן אַלע גוטע ביכער פון דער וועלט־ליטעראַטור".

וויינבערג.

„דאָס ווערק האָט מיר פאַרשאַפט אַ גרויסע הנאה און גייסטיקן גענוס. די אַפאָריזמען, זענען אַ פּרעכטיקע זאַמלונג פון אויטאָרס שיינע געדאַנקען. אויך די דיאַלאָגן, לידער און פּראָזע, האָבן מיט זייער שיינעם און דערהויבענעם סטיל געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק".

שטיינבערג.

„אונזער שטימע", פּאַריז, 19־טן יוני 1949.

„אין ביכל געפינען זיך פיינע און טיפע געדאַנקען".

מ. גראָסמאַן, „אונזער וואָרט", פּאַריז, 25־טן יוני 1949.

„אויף די וועגן פון יידישן קיום"

נאַציאָנאַל־פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען, פון יעקב כהן, פּאַריז 1950.

„איך בין נאָכגעגאַנגען דעם שרייבער יעקב כהן אויף „די וועגן פון יידישן קיום", זיך צוגעהערט צו זיינע נאַציאָנאַל־פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען און קאָנסטאַטירנדיק, אַז דער טיטל איז צו פּרעטענציעז, מוז איך גלייך צוגעבן, אַז דאָס געזאָגטע איז פונדעסטוועגן ווערט געזאָגט צו ווערן. דאָס וואָס ער האָט פּאָפּולאַריזירט, האָט ער נישט וווּלגאַריזירט און דאָס איז נישט קיין קליינער שבח.

„די געדאַנקען, וואָס יעקב כהן זאָגט אַרויס וועגן ציוניזם און זיין באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיקער צוקונפט פון יידישן פאָלק, זענען לאָגיש און באַגרינדעט. אָבער אין אַזאַ בוך, האָט אויך באַדאַרפט זיין אַן אָפּהאַנדלונג פון אַלע אַנדערע יידישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען פון די לעצטע 50 יאָר.

„די שפּראַך פון י. כהנס בוך איז אַ גוטע, די געדאַנקען קלאָר פאָרמולירט, אַזוי ווי עס איז, קען עס ווערן אַ נוצלעך האַנט־בוך פאַר ברייטע שיכטן פון לייענער".

ל. דאָמאַנקעוויטש

„אונזער וואָרט" (נומער 227), פּאַריז 1950.

„אין אונדזערע טעג ווען טויזנטער יידן, וואָס האָבן געזען דעם גרויסן אומגליק בלאָנדזשען נאָך אַרום אויף די וועגן פונעם יידישן קיום, דערפילט מען די נויטיקייט פון אַזאַ בוך עסייען פון נאַציאָנאַל־פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס זענען אַ מין פרישע לופט פאַר די מיט תוהו ובוהו אָנגעפילטע מוחות. דער דענקער יעקב כהן נעמט דעם לייענער ביי דער האַנט און פירט אים דורך די וועגן פון יידישן קיום. ער ברענגט אַרויס דעם אמת, אַז יידן אין גלות, ביי די בעסטע באַדינגונגען, זענען נישט מער ווי רעשטלעך פון אַ געוועזן נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניק יידיש לעבן, צו וועלכן זיי מוזן זיך אומקערן. קומט טאַקע יעקב כהן אַ יישר כוח פאַר זיין דערמאָנען די וואָס פּרווון זוכן אַנדערע וועגן און נייע רפואות צו די יידישע צרות. שוין גלייכער אַ נאַ־ציאָנאַלע זעלבסט־דערקענטעניש און גיין שטאָלץ און מוטיק אונ־טער דער פאָן פון ציוניזם, צו דער ענטגילטיקער באַפרייאונג פונעם יידישן פאָלק. איז דערפאַר י. כהנס בוך, אַ וויכטיקער קולטור־צו־שטייער און אַ נוצלעך בוך פאַר יעדן ייד".

פרידמאַן

„ציוניסטישע שטימע", פּאַריז, 15־טן מערץ 1951.

„איך האָב געלייענט דיינע עסייען און שאַץ אָפּ די באַדייטונג פון דיין אַרבעט פאַר די פּראָבלעמען פון אונזער צוקונפט, בפרט אין די פראַגן וועגן דער באַציאונג פון דער יידישער רעליגיע צום נאַציאָנאַלן געפיל".

נ. ה. טור־סיני

(פּראָפעסאָר טאַרטשינער פון דער ירושלימער אוניווערזיטעט).

„איך האָב מיט פאַרגעניגן געלייענט אייער בוך, פאַר וועלכן איך דאַנק אייך און דריק אייך אויס מיין אָנערקענונג. הגם געוויסע פּראָבלעמען קען מען פאַרשידן אינטערפּרעטירן, האָט איר אָבער אויף אַ פּרעציז און לאָגישן אופן צוזאַמענגעפירט די אַלע פאַקטאָרן און זיי פּינקטלעך באַלויכטן. דורכן אַרויסברענגען זיי, און אויף אייער אייגנאַרטיקן אופן זיי מפרש צו זיין, האָט איר געגעבן איי־ער ווערטפולן צושטייער פאַר דער יידישער קולטור".

זעליק בראָדעצקי

פּראָפעסאָר פון דער ירושלימער אוניווערזיטעט.

„לאַבירינטן פון געדאַנק"

יעקב כהן, פּאַריז 1951.

„אין פראַנקרייך, אינעם לאַנד פון אַפאָריזמען שרייבערס, איז נאָר וואָס דערשינען אַ בוך פון 130 זייטן, אָנגעפיקעוועט בלויז

מיט חכמה אָדער חכמות. י. כהן איז אַ מחבר פון ביכער און ער גרייט זיך אַרויסגעבן נאָך ביכער.

„זיין ערשט בוך — איז דערשינען אין 1930 אין ביאַליסטאָק. אַזאַ אומדאַנקבאַרע קונסט איז די אַפאָריזמען־שפּינערייַ, אַז דער מחבר באַוואָרנט זיך מיט אַ סך באַוואָרענישן, איידער ער וויקלט פונאַנדער זיינע 23 קאַפּיטלעך מיט קורצע מעדיטאַציעס. און ער אי זגאַנץ גערעכט. ווייל אַ חכמה אין איר אַפאָריזמען צושטאַנד איז אַזוי נאַקעט, אַז זי מוז זיין ענלעך צו אַן אַנדער חכמה.

„די מייסטע אַפאָריזמען אין בוך „לאַבירינטן פון געדאַנק" זענען זאַגעכצער אַזעלכע, פון דעם שטייגער וואָס דער דיכטער י. סטאַדאָלסקי האָט ליב צו שרייבן. אין די אַלטע צייטן האָט מען אַזעלכע זאַגעכצער גערופן געדאַנקען־שפּליטער. דער חסרון פון יעקב כהנס געדאַנקען־שפּליטער איז, וואָס מען דאַרף זיי ערשט פּשטלען. פונדעסטוועגן וועט אַ פּליסיקער לייענער געפינען געדאַנקען, וואָס פאַרענטפערן זיך אַליין. צום ביישפּיל: „דאָס שטאַרקסטע ליכט איז איינגעהילט אין אייגענעם ליכטיקייט־נעפּל". „דאָס ליכט באַלויכט זיך אַליין, פּונקט ווי דער צער וואָס זויגט פון אייגענעם קוואַל".

„מיר זענען אָרעם, זייער אָרעם, ווייל מיר זענען גיריק און ווייל עס איז נישטאָ קיין גרענעץ צו אונדזערע פאַרלאַנגען".

ליטעראַטור־קריטיקער — יעקב גלאַטשטיין
„קעמפער", ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1951.

„אייער ספר „לאַבירינטן פון געדאַנק" באַזיצט באמת שיינע געדאַנקען, און אַ שיינע פאָרם. עס ווייזט אַ ליידנדן ייד, מיט גרויס קולטור, יידישע און וועלטלעכע. עס ווייזט אַן איידעלן גייסט. ווען מען לייענט אייך, מוז מען טראַכטן. די געדאַנקען אייערע צווינגען צונויפצוקנייטשן דעם שטערן.

„אייער בוך געפינט זיך צווישן מיינע אויסדערוויילטע ספרים. איך לייען פון אייער חכמה און שעפּ דערפון ריינע, טיפע געדאַנקען. איר האָט אַ רייך האַרץ, אַ רייכע נשמה".

עסייאיסט ש. טענענבוים — ניו־יאָרק, 1951.

„פאָלק, גייסט און לאַנד"

יעקב כהן, פּאַריז 1952.

„ס'איז אַ פאַרמעסט אויף די הויפּט־פּראָבלעמען פון אונדזער פאָלקס גייסטיקער, פיזישער און היסטאָרישער עקזיסטענץ. געדאַנקען ווערן אַרויסגעבראַכט מיט רייכער שפּראַך און אינטעלעקטועלער טיפקייט. דאָס בוך איז אַן איינהייטלעך געשלאָסן ווערק. עס איז אַ מאַנאָליטיש געבוי. פאַראַן אין דעם גרויס ערודיציע, קענטעניש פון יידישער געשיכטע און פון מהות פון יידישקייט".

עסייאיסט ש. טענענבוים — ניו־יאָרק, 1953.

ביכער פון יעקב כהן:

דריי יאָר אין פוילישן מיליטער (שילדערונגען)

ביאַליסטאָק, 1930.

אין און אַרום ציוניזם (עסייען און אָפּהאַנדלונגען)

ביאַליסטאָק, 1932.

פון אייגענעם גאָרטן (אַפֿאָריזמען און לידער)

פּאַריז, 1949.

אויף די וועגן פון יידישן קיום (עסייען)

פּאַריז, 1950.

לאַבירינטן פון געדאַנק (אַפֿאָריזמען און שפּריכווערטער)

פּאַריז, 1951.

פאָלק, גייסט און לאַנד (עסייען)

פּאַריז, 1952.

צו אַ ניי לעבן (דערציילונגען)

פּאַריז, 1953.

גרייט זיך צום דרוק:

דער בראָך פון מיין פאָלק (לידער און פּאָעמעס פון חורבן)

פאַרפאַלן־געוואָרענע מאַנוסקריפּטן:

פון זיך (באַטראַכטונגען אין פרייען פערז)

אין ביאַליסטאָק.

מיט די כוואַליעס פון לעבן (ראָמאַן)

אין ביאַליסטאָק.

(ביידע מאַנוסקריפּטן געשיקט צום איקוף־קאָנגרעס אין פּאַריז)

ערשטן פרוכטן (לידער)

אין ביאַליסטאָק.

Impr. « Editions Polyglottes », 232, rue de Charenton, Paris-12e